וו י ס פּ ע

ליטעראַרישער זאַמלבוך.

רעדאקטירט:

ק. זינגמאַן.

פאַרלאַג „קולטור" ליטע.

1 9 2 3

„SEKLUMA“ literatūros rinkinys.

J. Kuznickio ir Ch. Eideso Spaustuvė, Kaune, Laisvės Al. 34.
דרוקעריי י· קוזניצקי און ח· איידעס· קאָוונע לייסוועס אַלייע 34·

ווייספּע

ליטעראַרישער זאַמלבוך.

רעדאקטירט:

ק. זינגמאַן.

פאַרלאַג „קולטור" ליטע.

1923

אין זאמלבוך „וויספע“ זיינען געדרוקט ווערק פון:

אוילד אָסקאר
בלאשטיין ה.
גוטמאן ראָזא
גרינשפּאַן ד.
גאָטספּאַרשטיין יוסף
גליצמאַן לייב
האמסון קנוט
הירשקאַן צבי
וויטמען וואלט
וויספּעניק א.
זינגמאַן ק.
טאַגאָר ראבינדראַנאַט
יודיקא
יאָפּע מרדכי

מאַרקוס פּסח
כהן דוד
לוצקי א.
נאדיר משה
ראסין ש.
ראַסקעס ה.
פּערסאוו שמואל
פייגין ז.
קושניאראָוו א.
קולבאק מ.
שטיימאן ביינוש
שוואַרצמאַן א.
שייניוס איגנאַץ
און אַנדערע.

א חוץ דעם, קריטיש־ביבליאָגראפישע נאָטיצן איבער קולבאקן, כמיעלניצקען, יודיקא׳ן, בלאָשטיינען, קושניאראָוון, ראָסינען, גרינבערגן, פינענבערגן און אנד. צייכנונגען און בילדער פון: בעל־מחשבות, מעדעם, וואָלט וויטמען א. א.

די ווייספע.

וואס מיר ווילן אין דער „ווייספע" זאגן, איז ניי און ניט ניי. ניי בא אונז און שוין געזאגט געווארן ערגיין אנדערשוואו אף אנ׳אנדער ווייספע.

דורכגעפירט איז עס נאך אין ערגיין ניט, אבער אין די טיפעניש פילן מיר עס אלע, זאגאר פיינליך און ווייטאג׳דיק, אז עפעס נייעס מוז געזאגט און דורכגעפירט ווערן. פילן א זאך קען דער גאנצער קאלעקטיוו, ארויסזאגן — נאר יחידים.

דאס איז ניט קיין רעטעניש און דאך איז שווער צו מען וועט אונז פארשטיין, אט דעם נייעם און ניט נייעם געדאנק (ניט מער ווי א געדאנק, קיין פארטיי איז עס ניט, צו דער פארטיי זיינען די אלע בא וועמען עס קלאפט א יונג-אידיש הארץ...) ווילן מיר אף אונזער ווייספע אויפכאפן און אים דורכפירן.

אפשר וועלן מיר בלייבן נאר ביים ריידן. מיר וועלן פארשטומט ווערן, מ׳וועט אונז פארשרייען (דאס געוויס), די יוגנט וועט אונז ניט קומען צו הילף, וועט ניט העלפן פארווארפן דעם קייטל צו אנדערע ווייספעס, מיר וועלן צוריק איינזאמע ארומבלאנדזשען... וועלן מיר עס נאר באוויינען, באדויערן, קיינמאל אבער דעם געדאנק אויפן בית-הקברות צווישן די שמות אוועקפירן, טיף אין זיך וועלן מיר אים באגראבן, אים האלטן אונטער פארקריצטע ציין, און ווארטן ביז א נייע צייט וועט קומען, א יינגערע, א פרייערע, א אויסגעלופטערטע, און דאן וועלן מיר אים ווידער ארויסטראגן.

און די צייט וועט דאך קומען.

מיר פרובן: מיר ווילן פון דער ווייספע אוים ווייספע מאכן. מיר ווילן אראפשווייבנקן פון דער איבערפלעכע אט דעם שימל און ווילדפלייש וואס ס׳האט זיך בא אונז אנגעקליבן פאר די לעצטע פאר יאר.

מיר וועלן קעמפן געגן אונזערע ניט גערופענע שפייזער און פארזארגער הן אין ליטעראטור הן אין לעבן.

מיר וועלן אין ווארט, בילד און געדאנק מונטערן, רופן וועקן צו באפרייען זיך פון די אלע געוויילטע און ניט געוויילטע אפוטרופסים אונזערע, פון די אלע פרעמדע, וועלכע זיינען אונז פון די נאנטע ירושות איבערגעבליבן, אדער האבן זיך צו אונז ווי קאנטראבאנד אריינגעגנבעט

מעגן זיי ריידן צו אונז אויף אלע לשונות, אפילו זיך ברעכן און ריידן „אידיש״ (אוי ווי שווער זיי קומט עס אן!...). מעגן זיי גלאצן מיט די אויגן, מעגן זיי די העכסטע פראזן געברויכן, מיר וועלן זיי זאגן:

פרעמדע, פארקריפעלטע נשמות — אוועק!

און דאס זעלבע וועגן אונזער פרעסע און ליטעראטור.

עס מוזן פאלן די צוימען, וועלכע מען האט אנגעשטעלט פארן פאלק! (און געגנזענפיסלאך).

מיר ווילן זיין יונג. מיר ווילן זיין פריי. מיר מיינען אז צווישן די זעמדעלאך פון וויספע קענען אויך זיין גאלדענע שופעלאך, קענען אויך זיין די, וועלכע וועלן אונז קענען העלפן דאס וויספע-לעבן באלויכטן, און אראפשווינקען דעם זאמד פון די אויגן, וואס מען שיט אף אונז פון אלע זייטן...

אין צייטן פון שטורם וועלן זיי אונז לידער פון שטורם זינגען זיינע סודות אנטפלעקן און רופן, און וועקן...

אין צייטן פון שטילשטאנד, אפאטיע, חורבונות און הפקרות, וועל זיי אונז דערמאנען, אז מיר זיינען אף א וויספע און ס'קענען אויך שטו-רעמס קומען וועלכע וועלן אונז צוטרייסלען, צומונטערן, ערמוטיגן און באפרישן מיט א נייעם גייסט, מיטן גייסט פון שטורם...

מיר ווילן זיין אליין די קאפיטאנען אף אונזערע שיפן. איז עמיץ פון אונז שלעכט, וועלן מיר אים אליין אראפוואַרפן און אף זיין ארט וועט אנ'אנדערער קומען. נאר ניט יענע מיט די קאלטע יבשה-הערצער זאלן אנטאן די ברילן און ארויסגעבן דעם פסק-דין.

מיר ווילן זיין פריי, אייביק יונג און שטארק ווי דער ים.

מונטער און קאמפספייאיק ווי דער שטורם.

ארום אונז רוישט, ברויזט, שטורעמט...

מיר זיינען אויף א וויספע.

‫פ. אייזיק / פון בוך „ארבעט“‬

‫די ארבעט איז פֿאר מיר א ליד,‬
‫יעדער קרעכץ פון ראד, א טאָן.‬
‫די ארבעטס קראפט פון ליד דעם זין.‬
‫איך קלייב באגייסטערט טענער אָן,‬
‫און זינג זיי אויס אף דער מאשין...‬

‫באגינען‬

‫באגינען, מיין קראפט איז אויסגערוט,‬
‫בלייכע הימלען וועקן שטיל, און צארט די וועלט.‬
‫גיי איך מיט מיין ארבעטס כוח אין האנט.‬
‫אין שטילע גאסן שלאגן הילכיק מיינע טריט,‬
‫ס'האט מיין קראפט זיך אויסגערוט,‬
‫מיט זאפט פון ברויט געקרעפטיגט איז מיין בלוט,‬
‫און די מוסקלען אנגעשטריינגט מיט מוט,‬
‫עס רופט די ארבעט מיר פון ווייט,‬
‫כ'פיל איר אין מיין יעדן גליד,‬
‫און פעסטער הילכן מיינע טריט. —‬
‫עס וועט נישט ליידיק שטיין דער טאג,‬
‫ס'וועט נישט פוסטעווען די לופט,‬
‫כ'שפאן אייך אלע איין אין יאך,‬
‫כ'נעם די ווינטן מיר צו הילף,‬
‫באפעל די טייכן טאן וואס מיר געפעלט!...‬
‫אין לופטן וועט זיך טראגן — האמער קלעפּ,‬
‫ווינטן-רעש, וואסער-רויש, —‬
‫טראגן זיך אין אלע עקן וועלט.‬
‫און ביז'ן אוונט וועלן רוישן די מאשינען,‬
‫ס'וועט די נאכט. א אנדערע די וועלט געפינען...‬

‫ווען איך ארבעט‬

‫איך ארבעט, און עס ווערט מיר הייס,‬
‫כ'פיל ס'גיסט זיך טראפנס שווייס,‬
‫יעדעס גליד מיינס רירט זיך פונם ארט.‬
‫דאמאלס ארבעט פיל איך דיר אינגאנצן,‬
‫יעדער רויש פון דער מאשין,‬
‫יעדער קרעכץ פון ראד‬
‫דרינגט מיר טיף אין מוח אריין.‬
‫און כ'פיל, איך שאף,‬
‫איך ארבעט אויס,‬

עס שאפט זיך וואקסענדיק, און גרויס
בערגער, גאנצע בערג.
אין צארטסטער צארטקייט אויסגעבאדן,
אין גרעבסטער גראבקייט אויסגעשלאגן,
אין פחדנותדיגער שרעק געשפונען,
געדיינקענפיל באזונט מיט זונען,
אייביק, אין דער אייביקייט געטראגן,
יסורימדיק, מיט פיין באלאדן.
מיט כבודיקן שמאלץ באקרוינט,
מיט עקלדיקן שמוץ באלוינט.
אמאל אזוי, אמאל אזוי,
האט א וועלט זיך אויסגעבויט,
האט א לעבן זיך געשאפן,
און אומעטום איז פול מיין קראפט,
און אומעטום מיין כוח שאפט.
וועלטן אומגעקערט,
ריזן ווערק צושטערט,
נייע אופגעשטעלט,
און פון דאס ניי א וועלט.
אמאל אזוי, אמאל אזוי,
נישטא קיין פרעמד, נישטא קיין היים,
וואו מען קומט איז ברייט, און פריי,
פ'גיסט זיך דורך דער גאנצער וועלט,
מיין שאפונגס-קראפט פון דורות-לאנג,
די וועלט איז אויסגעמישט מיט מיר,
די צייט איז אויסגעמישט מיט מיר,
אין מיר איז איינגעוועבט דאס גאנצער לעבן,
איך וואקס צוזאמען מיט דער אייביקייט,
איך הערש פון ערשטן אנהויב, ביזן לעצטן סוף, —
איך עקזיסטיר...

איך ליב די ארבעט

איך ליב די ארבעט, אן א שיעור,
איך בין א קנעכט בא איר,
און שטענדיק מונטער,
אז איך ארבעט, איז מיין גייסט געזונטער...
וועבן זיך געדאנקען,
וועקן זיך פארלאנגען,
מישט זיך אויס מאשינען רויש,
מיט הארציקע געזאנגען.

א ווארף דעם קאפ,
א ווארף די הענט,
די פאטליע האר,
די ארבעט ברענט,
סאפעט ברוסט,
און אטעמט פריי,
קלאפט דאס הארץ
אין קלאפעריי
פון האמערס און מאשינען...

— — — — — — — —

איך ארבעט,
איך ליב די ארבעט אן א שיעור,
כ׳בין א קנעכט בא איר
און שטענדיק מונטער,
אז איך ארבעט, איז מיין גייסט געזונטער...

נאך דער ארבעט

אוונט צייט, דער הימל בלייך,
א ווינטל גלעט מיר, ליב און ווייך,
איך קער זיך פון דער ארבעט אום.
ס׳איז ליב די נאכט, דאס ווינטל וועהט,
א זיסקייט נעמט מיין הארץ ארום,
איך האלז און נעם ארום די וועלט,
און דריק איר צו מיין ברוסט.
יעדעס זאמדל וואלט איך אויסגעקושט,
ס׳איז לייכט און גוט, מען ארבעט אפ דעם טאג
איז דער אוונט פריש, און שמעקט,
א פייגעלע אין צווייגן האט זיך וואו פארשטעקט
און רוט זוך אויכעט אפ,
א גאנצן טאג, געפלויגן, און געזוכט,
און קליינע ברעקלאך ברויט געבראכט,
אין נעסטל ווארטן, קליינע קינדערלאך פארשמאכט,
האט זיך אנגערוקט די נאכט —
איז דאס פייגעלע געקומען צוריק,
דאס נעסטעלע ווערט פול מיט גליק,
אנגעהארוועט זיך דעם טאג
שפייז די קינדערלאך פארשאפט,
אנגעקארמעט מיטן שנעבעלע,
פארשטעקט דאס קעפל צווישן פליגעלע
זארגט דאס פייגל מאמעלע

מיט איר קליינעם גופעלע
די קינדערלאך פארדעקן,
ביז דער נייער טאג, וועט וועקן,
פרישע שפייז פאר זיי צו זוכן...
שא, און שטיל, מען זאל נישט שטערן,
הייליק איז די רואיקייט פון נאך דער ארבעט.
מארגן ווארט א נייער טאג,
מיר קלייבן כוחות אין דער נאכט,
אין דער רואיק שטילער נאכט...

י ו ם - ט ו ב

יום-טוב, טו איך אן מיין יומטוב קלייד,
רואיק, שטיל, עס ארבעט נישט ארום, און ווייט, און ברייט,
און אומעטום, די גאנצע וועלט, איז יומטובדיק און שיין,
בהרחבדיק פארשפרייט די הימלען, ווייס און ריין,
און פעלדער, פעלדער גרין באפוצט
עס שפרינגען אום אף זאנגען פייגעלאך צוהיצט,
פארהאוועט, יומטובדיק, און זינגען פויגל פריי פון זיסער רו,
איך גיי מיט ווייב און קינד, שמייכלענדיק און הער זיך צו —
שא, עס רוט, עס ארבעט נישט די גרויסע קראפט,
ס'רוישט די שטילקייט, נאר פון פעלד,
די ריזיגסטע מאשינעס אפגעשטעלט,
עס רוט דער ארבעטס מענש זיין יומטוב טאג,
און יומטובדיק, און שטיל, מוז זיין די גאנצע וועלט...

האט זיך אפגעשטעלט די ארבעט

האט זיך אפגעשטעלט די ארבעט
שווייגן די פאבריקן,
הערשט א שווייגעניש ארום;
פון די פענסטער קוקן,
בייזע ווילדע שרעקן,
שווייגן שאטנדיק די שעפער,
ביז עס נעמט דאס שווייגן דריקן,
און אכזריותע געפילן וועקן.
קראמפהאפט פלאנטען זיך די פינגער,
האבן זיך פארביינקט נאך שאפן.
ס'רייצט פון ווינקלען טויטענדיק דער הונגער,
נערוון מייזלאך קארטשען קריכענדיק דאס פנים,
בליצן ציינדן אן זיך אין די אויגן,
ברענט אין מוח, א הארבע פראגע —
ווער וועט וועמען בויגן?..."

אראפגעלאזט די קעפ, מיט טיגער טריט,
טיף אין זיך פארקוועטשט, א ווילדן ברומען,
ס'קריכן דריקענדיק און שווער, מינוטן,
אט וועט באלד דער שטורעם קומען,
אט וועט באלד דער שטורעם קומען...

— — — — — — — — — —

מיט קליינע וואלקנס בא די זייטן
האט די זון געשטעלט זיך קוקן,
רויטע פאסן אפן הימל,
עס ברענען די פאבריקן,
עס ברענען די פאבריקן...
א בייזע שפיל פון פלאמען צינגען,
דאס פייער קנאקט, און שטימען זינגען, —
פרייע לידער, פרייע לידער, —
ס'האט אפגעברענט, מיר שאפן ווידער,
פריי און ברייט, און ברייט און פריי,
שטורמיש זאל עס ברענען!...
מארגן זאל דעם נעכטן גיט דערקענען;
אף די נעכטיק פוסטע פעלדער,
שאפט זיך מארגן פון דאס ניי...

די ארבעט

פאר דיין גרויסער הייליקייט,
אין סוד פון אייביקייט, די ארבעט
שטיי איך קניענדיק געבויגן,
כ'בין אינגאנצן דיינער.
האסט דורך וועלטן אייביקייט,
געשפונען זיך געצווייגן,
ווייט און ברייט, צווייט,
אין טויזנט זייטן אויסגעשפרייט,
קוקסט ארויס פון שפאלט פון יעדן שטיין,
אין פארבן טויזנטער צופינקלט,
אין וועלטיש גרויס, צעווינקלט, און צושפרייננקלט...
און ערגעץ אין א מיט, דיין גרויסער כוח,
א וועלטיש ריזעדיקער גוף,
וועקסט אונז אויף באגינען מיט דיין רוף,
וועקסט אונז — דיינע קליינע גלידער,
וואס ליגן פאלגענדיק ביי דיינע פיס פארברידערט,
וועלטן ריז! מיר זיינען דיינע ברידער,
מארך און ביינערדיק צונויפגעגלידערט...

קאוונע 1921.

ה. מ. פערזאל / יודיני

דערציילונג.

דאס איז געווען מיט יארן צוריק. אויף דער נארוועגישער שיף „סאן-פיער" האב איך געדינט אלס מאטראס און געשוואומען צווישן בערגען און ארכאנגעלסק.

אויפן שיף האבן אלע געוואוסט, אז מיין נאמען איז מיכאעל. קיינער האט ניט געפרעגט מיין גלויבן, מיין רעליגיע האט קיינעם ניט אינטערעסירט: דאס הייגנען זיך מיט די פיס אראפ פון מאסטבוים אין דעם גרעסטן, ווילדסטן שטורם, מיין ווארפן דעם שווערן דלאט אין וואסער און קענען פלעשערוויז אויסטרינקען ווין און קיינמאל שכור ניט ווערן — אט דאס זיינען געווען מיינע דאקומענטן. און איינמאל האט פאסירט, אז עמיין פון די שיף-פאסאזשירן האט מיר גראב באליידיגט, האב איך פיל ניט געקלערט און מיט מיין פינישן מעסער דעם באליידיגער אין זייט אריינגעלאזן — און זאל ער וויסן! פון דאן אן האבן מיר די מאטראסן אנגעהויבן רופן, דער „איספאניער". איינער האט אויסגעטראכט, אז איך בין אנ'אנטלאפענער פארברעכער פון פארטוגאל, דער צווייטער אז איך בין אנ'איטאליענער, נעמענדיג אין אכט מיינע שווארצע האר. מ'האט מיר „עקזאמענירט" ווי שטייף זיינען מיינע ריפן, ווי פעסט איז מיין פויסט און אויף וויפיל איז צוגעמאכט מיין מויל. ערשט נאכדעם בין איך אריין אין דער משפחה פון מאטראסן.

מאנטיג, פינף פארטאג, האט אונזער שיף געדארפט אויפהויבן איר אנקער, פאנאנדערשפרייטן אירע פליגלען און זיך שיידן מיט די פארגליווערטע יבשה-כוואליעס — די הויכע גלעטשערס פון נארוועגיען. זונטיג אוונט זיינען מיר מאטראסן, שכורע פון בראנפן און פרויען, אויפן דעק פון שיף געקומען. אין אונזער קאיוטע איז אריין דער קאפיטאן, אנ'אלטער נארוועגיער, און געזאגט: „חברה, ווייסט אז אויף אונזער שיף איז א נייער מאטראס אנגעקומען: איינע א מיידל... — מיר זיינען אלע אנשטוממט געווארן — ווייסט! ווער ס'וועט זיך אן איר אנרירן האטש מיט איין פינגער אויף יענעמס פרצוף מיינע פינף פינגער וועלן אויסגעמאלט ווערן. דאס מיידל איז מיינע א טאכטער".

מיר האבן אלע גוט געוואוסט, אז דער קאפיטאן האט קיינמאל קיין קינדער ניט געהאט און האט ניט. דעריבער האט אונז אלעמען פאראינטערעסירט ווער קען זי דאס זיין אזוינע. בייזע צינגער האבן געזאגט, אז זי מוז זיין א געליבטע זיינע, אנדערע — אז דאס מוז זיין עפעס א טרפה'ער פאסאזשיר"... נאר אט איז אריין דער געהילף פון שטורמאן און דערציילט אונז, אז דאסמיידל איז שוין פיר חדשים ווי זי געפינט זיך ביים קאפיטאנס פרוי אין די בערג, וועלכע האט זייער פיל געוויינט ווען מיט

„איר” האט זי זיך געזעגנט. „זי” איז עפּעס פון זייער ווייט געקומען, רעדט זייער שלעכט נאָרוועגיש, פאַרשטייט דייטש אביסל און האט האר און אויגן פונקט ווי דיינע, מיכאעל, האט ער געזאגט אפּקערענדיג זיך צו מיר.

איך ווייס נים וואס מיינע חברים האבן געטראַכט וועגן אונזער נייעם גאַסט, נאָר מסתמא האבן זיי עפּעס געוויס געטראַכט אבער גאָרנישט געפילט. איך האב אבסאָלוט נים געקענט טראַכטן, נאָר כ'האב דערפילט אין מיין האַרצן עפּעס אַזוינס וואס האט נים קיין נאָמען און באַגריף... א גאַנצע נאַכט האב איך קיין אויג נים צוגעמאַכט. מיט אומגעדולד האב איך געוואַרט אויף פינף א זייגער, ווען אונזער זעגל-שיף האט זיך געדאַרפט אפּרייסן פון ברעג און „זי” וועט אַרויפגיין אויפן דעק.

אויגן, האט געזאגט דער געהילף פון שטורמאַן, ווי ביי מיר... נים שוין זשע איז זי אַנ'אידיש קינד? — — —

דער קאַפּיטאַן האט זיך באַוויזן אויף זיין בריקל.

— אויפהויבן די פאַן! אפּלאָזן דעם נאָז-שטריק! דעם הינטער-שטריק פלינק! אין מאָמענט זיינען די קורצע באַפעלן זיינע דערפילט געוואָרן

— א-נו, יודיני, קום אַקאַרשט אַרויס און ווייז די שכורים וואס הייסט אַזוינס א מאַטראָס: דעם אַנקער א-א-רוף!!

די טירל פון קאַפּיטאַנס צימערל האט זיך פלינק געעפנט און פון איר איז אַרויסגעשפּרונגען א מיידל פון א יאָר אַכצן. הויך און שלאַנק איז זי ווי דער מאַסטבוים געווען, אירע שוואַרצע האָר — ווי ביי א רוסאַלקע געדיכטע און לאַנגע, וועלכע דער צפון-ווינט האט אויף אַלע זייטן פאַנאַנדערגעבלאָזן. די אַרבל פון איר דעקאָלטירטער רויטער בלוזקע האבן קוים דערגרייכט די איינבויגנס. איר קורצע קליידל האט אפּגעדעקט די אַנגע-שטריינגטע זאַפטיגע מוסקלען פון די ראָזע, געזונטע פיס. איר געזיכט האט געשפּראָצט מיט פרישקייט און לעבן, און נאָר נאָך אירע שוואַרצע אויגן, נעסטן פון אַנ'אייביגן טרויער, האב איך פאַרשטאַנען, אז דאס איז אַנ'אידיש מיידל...

אין איין אויגנבליק איז זי שוין געווען ביי דעם אַנקער-שלעפּער. איך און נאָך א פּאָר חברים מיינע, האבן נים באַוויזן צו צולויפן צו איר אויף הילף, ווי דער אַנקער איז שוין געווען אויבן.

„די זעגלען שטעלן!!” עפּעס שמייכלענדיג האט דער קאַפּיטאַן באַפעלט.

וואו טרעפ, ווען שטריק: פלינק ווי א קאַץ האט זי זיך אַרויפגע-דראַפּעט אויבן און רייטענדיג אויף עפּעס א קייט, האט זי פאַנאַנדערגע-צויגן די זעגלען. די שיף האט זיך געגעבן מיטאַמאָל א בויג אויף א זייט,

זיך אפגעזיפצעט, נאכדעם זיך אויסגעגלייכט און מיטן שפיץ פאנאנדערשניידענדיג וואלן, איז זי גראציעז און רוהיג ווי די שוואנען, אוועק איבערן שווארצן וואסער.

„היט דעם רול! א שטיין לעבן לינקן בארט!!“. אפגעבענדיג דעם לעצטן באפעל איז דער קאפיטאן צופרידן אריין אין זיין קאיוטע.

דאס מיידל איז נאך אלץ געשטאנען אויפן מאסטבוים לעבן רעכטן באן, מיט איין האנט זיך צוגעהאלטן און מיט דער צווייטער אפגעשארט די האר, וועלכע דער ווינט האט אויף איר שטערן ארויפגעווארפן. ערשט דאן ווען אונזער שיף, אויסמיידנדיג די געפערליכע פיארדן, איז אריין אין ברייטן ים, האט זי אראפגעקלעטערט פון אויבן. פארבייגייענדיק אונזער אלטן מאטראס דעם איינגלענדער דזשאני, האט זי אים פלינק איבערגעדרייט אין דע־לופטן און מיט א הילכיגן געלעכטער ארייגעלאפן צו זיך אין קאפיטאנס קאיוטע.

— „דאס איז ניט קיין מענטש, א מיידל — בשום אופן ניט: פארגעסט ניט, אז כ'האב זעקס פוד. צו אלדע שדים, ווי זי האט געצויגן דעם אנקער! ניין, חברה, דאס איז עפעס... כ'וויים שוין וואס: א רוסאלקע!!“ א צופרידענער וואס ער האט געפונען א תירוץ, האט דזשאני זיך גיך אוועקגעטראגן אונטן, ניט וועלענדיג קיינעם באווייזן זיין בלייכן פנים פון שרעק און איבערראשונג.

שוין צוויי וואכן ווי מיר שווימען. שוין צוויי וואכן ווי איך מאטער זיך מיט אלע כחות צו דערגיין ווער זי איז אזוינע, וועלכע מיט איר פלייסקייט און פלינקייט שטעלט אונז אלעמען אין בזיונות, נאר — אומזיסט מיין מי — — —

איר נאמען איז כמעט אנ'אידישער: זי הייסט יודיני. די אויגן — אינגאנצן פון אנ'אידיש-קינד. געזונט ווי צען כינעזער, פלינק ווי צוואנציג הירשן, געפינט זיך אויף א נארוועגישער זעגל-שיף, הייסט גיי און טרעף ווער זי איז...

מיט קיינעם פלעגט זי ניט ריידן, קיינעם גארנישט ענטפערן.

עפעס איינמאל האט אונזערער א דאן-זשואנטשיק א גלעט נעגעבן אירע האר... מער האט מען ניט געדארפט! ער האט ניט באוויזן א דריי צו געבן זיך, ווי ער איז שוין געלעגן אויף א טון פון פיש, און דער שפיץ פון א גראבן קאנאט האט געשפאצירט איבער זיין רוקן. דער קאפיטאן איז געשטאנען פונדערווייטן און צופרידן געלאכט — — —

ווער האט זי דאס געקאנט זיין? די פראגע פלעגט מיר ממש ניט לאזן רוהען. זעלטן א נאכט, ווען איך פלעג רואיק קענען שלאפן. ס'איז

כמעט ניט געווען די שעה, ווען די פראגע זאל ניט צופן מיין מח כ'האב געפילט, אז איך ווער שלאפער. מיינע חברים האבן באמערקט, אז כ'האב אנגעהויבן וויינינגער עסן. כ'האב געקראגן ווי א מין ברוגז אויפן מיין ליבן ים: דארפן ארבעטן — פלעג איך ארבעטן, ניט — זיך אוועקלייגן אויף מיין געלעגער און קוקענדיג אויף די שפינוועבך וואס אין ווינקל, ניט געווען אויף און ניט געשלאפן. ווענן גארנישט ניט געטראכט, און גאנץ געגוי האב איך געדיינקט דעם נעכטן, פינקטליך האב איך געוואוסט דעם מארגן, ווייל ביידע זיינען זיי געווען ענליך ווי א טראפן וואסער.

ווין האב איך צוטרונקען אן א שיעור.

יענע נאכט האב איך זיך ארומגעדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער. ס'האבן ניט געהאלפן די צוויי פלעשער ווין, וועלכע כ'האב אין זיך אריינגעגאסן: דער שלאף האט מיר בשום אופן ניט גענומען.

שא! ווער שפילט דאס?

כ'האב דערהערט א גיטארע-שפילן. עפעס א באקאנטע מעלאדיע האט דערגרייכט צו מיינע אויערן, אזוי באקאנט... עפעס אזוי נאענט.. וואו האב איך דאס די מעלאדיע געקענט הערן? — — —

כ'האב גענומען איבערמישן אלע בלעטער פון מיין לעבן פאר די לעצטע דריי-פיר יאר. כ'האב זיך דערמאנט! דעם ניגון האב איך דאך אמאל געהערט אין ראדינער ישיבה...

וואס טוט זיך דא? דאס איז דאך א חסידישער המבדיל!! מסתמא האט זיך מיר דאס אפגעדוכט, ס'קען ניט זיין — — — ניין! ס'דוכט זיך מיר שוין גארניט. שא! מ'זינגט...

„יו-ום פ-נה כצל תו-ומר"...

צו אלדע רוחות! היינט איז דאך טאקי מוצאי-שבת-נאכט... ניין כ'בין מסתמא משוגע געווארן — — — — — — — — — — — — —
— —

אויפן דעק בין איך ארויס.

אויף א בונד שטריק איז געזעסן יודיני מיט א גיטארע אין האנט געשפילט און שטיל צוגעזונגען. אויפן שטילן ים האט זי געקוקט, וועלכער איז רואיק איצט געשלאפן. אונזער זעגל-שיף „סאן-פיער" האט זיך געווינט ווי א געפלאכטענע וויגעלע אין וועלכע ס'רוט א קליין קינד. היינט איז געווען יודינים וואכע און מער ווי זי האט זיך אויפן דעק ניט געפונען.

זי האט געשפילט, זי האט געזונגען — — —

כ'האב געזען ווי ס'באוועגן זיך אירע האלב פארמאכטע אויגן און זוכן עפעס אין דער לופטן, ווי ס'ווייזט אויס וועלענדיג פאר זיך דייטליך פארשטעלן, וועלכע נישט איז בילדער. כ'האב געזען ווי זי מאטערט זיך, קווענלט זיך צוליב וואס... כ'האב געזען ווי נערוועז האט זיך באוועגט איר מויל, די ליפן אירע... כ'האב געזען ווי טרערן זיינען פון אירע אויגן אויף דער גיטארע געפאלען און שטיל האט זי אנגעהויבן וויינען. ווען זי האט זיך בארואיקט אביסל האט זי ווידער אנגעהויבן שפילן, און מיט אמאל...

ס'האט זיך מיר דערמאנט די געפלאכטענע „הבדלה", דער בעכער וויין...

ס'האט זיך פארביינקט. ס'האט זיך געוואלט א געשריי געבן, ס'האט זיך פארוואלט א ווארף טאן און וואסער דעם פאר'כשופ'טן ווי די מוצאי-שבת'דיגע נאכט. און ווען יודיני האט אקאמפאנירענדיג מיט דער גיטארע געזונגען די ווערטער „זרענו וכספנו ירבה כחול", האב איך הויך אויפן קול אינסטינקטיוו פארענדיגט „וכבוכבים בלילה" — — — — — — — —

— —

— „ווער דא?" האט יודיני א געשריי געגעבן אויף נארוועניש באהאלטענדיג די גיטארע אין בונד שטריק און זיך גיך אוועקשטעלענדיג.

כ'האב זיך אביסל כמעט ווי דערשראקן פון ניט ווארטן אין דער מינוט אויף א געשריי, אבער ניט זייענדיג אויף א האר מסופק, אז זי איז אנ'אידיש טאכטער, האב איך אויף אידיש געענטפערט: „א איד, ווי דו, יודיני"...

— „יע כ'בין אנ'אידישע. נאר שווייגט, כ'וועל אייך אפשר אמאל דערציילן. איצט גייט אוועק, איר הערט? די מינוט אוועק פון דאנען!!

די לעצטע ווערטער האט זי געזאגט אויף נארוועניש. אירע אויגן האבן געפלאקערט. די שניי-ווייסע ציינער האבן נערוועז געסקריפעט. כ'קען זיך בשום אופן זיך ניט דערמאנען ווי אזוי בין איך דאן אוועק אין מיין קאיוטע און איינגעשלאפן. כ'ווייס מער ניט, אז ווען דער גלאק האט געוועקט צום אויפשטיין, האב איך זיך געפונען אויף מיין געלעגער.

איינמאל פארבייגייענדיג מיר, האט זי אין מיין האנט אריינגעלייגט א פאפירעלע, אויפגעשריבן מיט שיינע בוכשטאבן אויף אידיש. דארטן איז געשטאנען: „היינט אוונט איז דאך יום-כפור. די נאכט איז אויך מיין וואכע. אויב איר ווילט דאוונען מיט מיר אינאיינעם — קומט ביידערנאכט אויפן דעק. יהודית".

הייסט דאס, אז זי הייסט יהודית — — — — — — — — — — —
— —

צוויי ביינאכט בין איך ארויף אויפן דעק. יהודית איז געזעסן אויפן זעלבן בונד שטריק און ווי דאמאלסט איז אויף אירע קני, די גיטארע גע-לעגן. דערזעענדיג מיר האט זי געזאגט אויף אידיש: „א הא, זייער גוט וואס איר זייט געקומען"...

די סטרונעס פון דער גיטארע האבן שטיל און אומעטיק געוויינט:

כל נדרי... — — — — — — — — — — — — — — — — —
— —

ניט ווייט פון ארכאנגעלסק זיינען מיר שוין געווען.

ענדליך האב איך ביי זיך באשלאסן און יודינין איבערגעגעבן א צעטעלע:

„היינט איז מיין וואכע. קומט צוגיין. ס'ווילט זיך אויסריידן אביסל דאס הארץ".

אוונט.

כ'האב אנגעצונדן די סיגנאלן-לאמפן און זיי אויפגעהאנגען אויף זייער ארט. אויסגערייניגט די סירענע, די ראקעטעס אנגעגרייט, אנגעקלונ-גען אין גלאק אויף אונטערוויט, פארשפילעט זיך די קורטקע און אנגעהויבן ארומציגיין איבערן דעק פון מיין „סאן-פיער".

אז יודיני זאל קומען האב איך ניט געגלויבט.

ס'איז געווארן קאלטליך און איך האב אויפגעשטעלט מיין קאלנער. א לייכטער דרום-ווינטל האט אנגעהויבן צו בלאזן. דער הימל האט זיך באדעקט מיט שווערע, גרויע וואלקנס. די לופט געפרעסט — אז ס'איז געווארן שווערליך צו אטעמען; ס'האט זיך פאראויסגעזען א שטורם אמת, ניט קיין גרויסער. דער קאפיטאן האט טאקי היינט געזאגט, אז ס'זעהט זיך פאר אויף דער נאכט א „שטורעמדל".

א גרויסער רעגן איז ארויס. ס'האבן זיך אויפגעהויבן די וואלן און מיין „סאן-פיער" האט זיך געוויגט, געוויגט...

אימיצנס האנט האט זיך ארויפגעלייגט אויף מיין פלייצע. לעבן מיר איז געשטאנען יהודית — — —

זי האט געזאגט: „כ'פיל אז איר, מיכאעל, זיינט מיר א פריינד, פערער: א ברודער. כ'פיל אז מיר ביידע האבן א סך אלגעמיינעס. ערלויבט מיר צו זאגן אייך „דו". גוט?" זי האט מיר ארומגענומען... וואס האב איך געהאט צו ענטפערן? כ'בין אביסל ווי פארשיכורט געווארן...

זי האט זיך אוועקגעזעצט אויפן פארענץ. איך האב איר נאכגעטאן.

יודיני האט אפגעשארט א ביסל איר קלייד, זיך צוגערוקט הארט צו מיר און אירע מוסקולדיגע הענט האבן ארומגענומען מיין האלז.

— זאג מיכאעל, דו האסט האלט דעם שטורם?

— א שטורם? ווי האט מען עס פיינט!

— כ׳האב פארשטאנען אז אזוי וועט זיין דיין ענטפער. נו, איצט זאג: ווי אזוי קומסטו דו אהער?...

כ׳האב אנגעהויבן צו דערציילן. עטליכע מאל האב איך פרובירט אריבערהיפן איינינע זאכן, נאר טרעפענדיג זיך מיט אירע קלארע אויגן, האב איך בשום אופן נים געקענט זאגן עפעס א זאך נים ריכטיג. יחודית איז געווען דער איינציגער מענטש פאר וועלכן איך האב זיך ארויסגעגעבן, ווי איך שטיי און גיי. יודיני איז געווען די איינציגע אויפדער וועלט וועלכע האט מיר ריכטיג פארשטאנען.

איך האב גערעדט. געכאפט אנ׳אנהויב, א סוף, א מיטן, נים דער-ענדיגט ווערטער, נים דערענדיגטע פראזן... דער רעגן האט אויפגעהערט. דער שטורם וועלכער איז אזוי אויך נים געווען גרויס, האט זיך כמעט ווי איינגעשטילט.

איך האב גענענדיגט ריידן. יודיני האט נאך אלץ נים אראפגענומען פון מיר אירע טיפע, דורכשניידנדיגע אויגן. מיט אמאל האט זי זיך א שטעל געגעבן, אויך מיר אויפגעהויבן און געזאגט:

„דו ווייסט, מיכאעל, כ׳האב דיר האלט. ליב ווי די כוואליעס, ווי דעם שטורם אויפן ים!... און זי האט מיר פעסט צוגעדריקט צו איר ברוסט. מיין רוקן האט דערפילט דעם דעק. איך בין געווען ווי פארשיכורט.

פון דערווייטן האט זיך געטראגן א סירענע-געשריי. איינע נאך דער אנדערער האבן זיך באוויזן ראקעטעס. ווי ס׳ווייזט אויס האט זיך געמוזט עפעס א שיף טרינקען. איך האב זיך נים גערירט פון ארט, און כ׳וואלט זיך נים ריזן אויב מיין שיף וואלט זיך אפילו טרינקען; איך בין געווען פאר׳כשופט. אויפן דעק האט גערוט א טויטקייט — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווען כ׳האב זיך אויפגעכאפט פון דעם תהום מיט זיסע חלומות אין וועלכן כ׳בין געזונקען, איז מיין קאפ אויף איר שויס געלעגן; כ׳האב געהערט ווי עפעס ווערטער.

„ווייסט מיכאעל, איך וועל דיר פון זיך נים אפלאזן!... פארשטייסט דעם וועמען כ׳האב אפגעגעבן מיין יונג לעבן, דעם וועל איך שיינקען מיין טויט״...

זי האט מיר געהאלטן ארומגענומען און אזוי א״ז אריבער א פאר שעה. מיט אמאל, ווי עפעס גאר צו זיך ריידענדיג האט זי אנגעהויבן.

איך — — —

כ׳בין געבארן אין דער ליטע, אפן גרעניץ פון פוילן, אין א קליינער אידיש שטעטל. מיין פאטער איז דארט געווען דער רב...

ס׳איז איינג געווען, פארשטייסט? איינג, מ׳קען א טראט נים שטעלן. ס׳איז געווען שמאל, אלץ איינגע געסלאך, צוימען און פארקאנעס. ס׳האט מיר געשטיקט די לופט, כ׳חאב אטעמען ממש נים געקענט.

דו ווייסט דאך ווי איך בין געזונט, היינט גיי און זיץ א גאנצן טאג אין שטוב, שווינק גלעזער און נעם אראפ די שפינוועבץ פון די ווינקלען... און די הענט דארף מען פארדעקן, און די פיס דארף מען פארשטעלן און דאס אפן-הארץ טאר מען קיינעם ווייזן...

ס׳זיינען מיר צו פוסט געווען די מאגערע פעלדער פון דער ליטע צו פראסט, צו איינפאך... דאן בין איך אוועק אין נארוועגיען.

א, די הויכע ריזן-בערג! א, די אייביג ווייסע גלעטשערס! ס׳איז פריי, ס׳איז הויך, ס׳איז ברייט, עס לעבט!! היינט די פיארדן מיט זייער רוישענדן וואסער, היינט דער ים דער שרעקליכער און שיינער. די שטו-רעמס, די ווינטן, דאס שפילן זיך מיטן טויט — — —

דו ווייסט, מיר דוכט זיך אלץ, אז דאס לעבן איז דער ים און מיר מענטשן זיינען קליינע שיפלאך.

ווי האב איך פיינט די מענטשן, וועלכע פארן אלס פאסאזשירער; תמיד שווינדלט זיי די קעפ, ברעכן, ליגן אין די בעטן און האבן ליב דעם ים ווען ער איז שטיל...

א מאטראס דארף מען זיין! הייגען זיך איבערן וואסער, קלעטערן איבערן מאסטבוים, האלט האבן די ווינטן, ליב האבן דעם דונער, זיך ראנגלען מיט די כוואליעס, מיטן שטורם זיך שפילן... אט דאן פילט מען זיך פריי, פריש, געזונט, מ׳שפירט אז ס׳לעבט!! — — —

דו ווייסט פארוואס איך האב דיר האלט? ווייל דיין פינישער מעסער וואס הייגט ביים זייט איז אן א שיידל. אזוי דארף זיין. אפן. זיך נים געצערטעלט. אט דאס איז שטארק. און דאס וואס שטארק, איז א מאט-ראס. דו ביזט אזוינער. כ׳האב דיר ליב...

און ווייסטו ווען נאך האב איך ליב? דעם קאפיטאן און זיין פרוי, וועלכע האבן מיר א פארחלש׳טע פון הונגער אריינגענומען צו זיך אין די בערג, דעם קאפיטאנס פאטער, א פישער, וועלכער האט מיר אויס-

געלערנט די מאטראסן-ארבעט און איבערהויפט אלע נארוועגיער האב איך ליב; זיי זיינען מאטראסן, זיי זיינען שטארקע, זיי האבן בערג, זיי האבן פיארדן און א ים. — — — —

ס׳זיינען זיך געלאפן וואכן.

יודיני האט דערציילט דעם קאפיטאן וועגן אונזער ליבע און וועגן דעם, אז מיר זיינען אידן. יענער האט איר ליב געהאט ווי אנ׳אייגן טאכ-טער און ערלויבט מיר צו קומען אפט אין זיין קאיוטע, וואו אויך יודיני האט זיך געפונען. ער האט געזאגט:

„הייסט דאס, אז איר זייט ביידע אידן... איך פלעג זיך שטענדיג פארשטעלן אלע אידן ווי פאסטארן, פארטראכטע, שטענדיג טרויעריגע פארזארגטע... האב איך א טעות געהאט הייסט דאס.

דו ווייסט, מיכאעל, געמענדיג אין אכט דיין הייסן טעמפעראמענט, האב איך געטראכט אויף דיר אז דו ביזט פון איספאניען, און אויף דיר יודיני, אז דיין פאטער איז געווען א רויבער און דיין מוטער א גריכישע געטין, ווייל ביידע זאכן צוזאמען ביזטו.

נו, גוט, הייסט דאס, אז איר ליבט זיך ביידע... אויסגעצייכנט!! פונקט א פאר! — ער האט אראפגעלאזן זיין שווערע האנט אויף מיין פלייצע (מ׳דארף ניט פארגעסן אז ער איז געווען א קאפיטאן און איך — א פשוטער מאטראס). ער האט ארויסגענומען פון קעשענע פייער און פארדרויכערט זיין ליולקע, וועלכע ער פלעגט קיינמאל ניט ארויסלאזן פון זיין מויל. — „אויסגעצייכנט! ווי מיר קומען אין ארכאנגעלסק, אזוי דעפע-שיר איך צו מיין אלטע, זי זאל גלייך קומען אהער מיט א פאסט-שיף מיר גייען אוועק צו אייער פאסטאר און מיר מאכן א התונה, אז ס׳וועט בליצן!! דו יודיני וועסט בלייבן אויפן בארג מיט מיין זקנה און איך מיט מיכאעלן וועלן שפאצירן איבערן ים. געלט, קינדערלאך, וועט אייך ניט פעלן. כ׳פארמאג אביסל״. — — — — — — — — — — — — — — — — —
— —

מיר זיינען געקומען אין ארכאנגעלסק.

— „יודיני, אפשר האסטו א ביינעלע פאפיר; איך וויל מיין ברו-דערל אין סמאלענסק א בריוועלע שיקן. א רחמנות אויף אים: ער בייַנקט נאך מיר״.

— „יע, כ׳האב... דו ווייסט מיכאעל... נו, גארנישט, גארנישט״. —

אין בריף-קאסטן האב איך אריינגעווארפן צוויי בריף. איין בריף מיינער, דער צווייטער — יודיניס...

אין פיר טעג ארום קריגט זי א טעלעגראמע פון איר שטעטל:

„דיין מוטער א האלב יאר טויט. פאטער געפערליך קראנק. קום אהיים קוזין שמואל" — — —

איך בין מיט איר מיטגעפארן אין ליטע. אונזער קאפיטאן האבן מיר געזאגט, אז צייט פינף טעג זיינען מיר צוריק. מיר האבן טאקע אזוי געטראכט.

ווען מיר זיינען געקומען, האט איר פאטער נאך געלעבט. דערזע-הענדיג איר האט ער שרעקליך פיל געוויינט. יהודית האט אים אויך איצט שטארק ליב געהאט און וואס ער פלעגט נאר הייסן פלעגט זי פאלגן: זי האט אנגעטאן א בלוזע מיט א שטייענדן קראגן, ארבל לאנגע ביז די פינגער, א לאנגע קלייד ביז די פיאטעס... וועגן בארוועס גיין און פאנאנדערגעלאזן די האר איז קיין שום רייד שוין ניט געוועזן.

— מיכאעל! מיכעלע... דו ווייסט איך ווער דא דערשטיקט. כ׳קען ניט אטעמען, מיר איז איינג, מיר איז שווער, מיר איז הייס, אבער... מיין פאטער האב איך צופיל ליב, איצט איז ער דאך אינגאנצן עלנט, עלנט...

— דו ווייסט: איך פיל, אז מיינע טעג זיינען געציילטע, אויב איך בין ניט אויפן ים — וויים איך, אז איך שטארב.

נאר גארנישט.

— דו מיינסט, אז איך שרעק מיך פארן טויט? ניין! נאר כ׳האב מורא, אז ליגענדיג אין דער ערד אפילו, וועל איך דארטן זיך אויך שטיקן.

— „א, אז מיין קבר וואלט קענען זיין ערגיץ אויף א הויכן גלעטשער אדער אין דעם ברייטן ים"...

כ׳האב פרובירט ריידן, טרייסטן, לאכן אפילו — ס׳האט גארנישט געהאלפן.

ס׳איז געשטארבן איר פאטער. אין א קורצע צייט ארום אויך יודיני. אירע לעצטע ווערטער זיינען געוועזן: „דעם ווען כ׳האב מיין לעבן גע-שאנקען, דעם שיינק איך מיין יונגן טויט"... און וויים: כ׳וועל דיר ניט לאזן, מיכאעל, זאלסט א צווייטער ליבן, פארשטייסט?"... — — —

אירע אויגן האבן זיך פארמאכט. אויף א שטול איז געהאנגען די בלוזע מיטן הויכן קראגן און לאנגע ארבל.

קאוונע, 1921.

ק. זינגמאן / פון בוך „ביים וועלטן-צאפל״

אין דער הונגעריקער שטאט.

I.

כ׳האב מיך אויפגעכאפט פארטאג,
ווער שלאפן קען די נאכט?
ס׳האט עמיץ טייווליש מיך געוואונקן,
ס׳האט עמיץ בייזוויליג געלאכט —
דו שלאפסט?
ניין, דו ווייסט ניט שלאפן,
דו ביזט אין מיינע נעגל איינגעשטעקט...
דו הערסט א וואיען אויפן גאס? —
זיי האב איך לאנג שוין אויפגעוועקט!
דיין חבר חונט ער וויינט פון האלבער נאכט
ער בייסט און גריזשעט בייז א שטיין.
פארשלאפענער, שטיי אויף
און קום אין גאס,
ניט לאז דיין טרייען פריינט אליין!
— — — — — — — — —
כ׳בין אויף... שטאק-פינסטער איז די נאכט,
איך טאפ די פינסטערניש...
און נעם ארום — א חלל... טויט... שטום...
איך בין
ווי עמיץ וואלט די אויגן מיינע
אויסגעשטאכן...
איך וויל די הענט אפוואשן —
קיין וואסער איז ניטא!
איך וויל מיין לעמפל צינדן —
ניטא קיין נאפט!
און כ׳זע און פיל, ווי שטיל, מוראדיק שטיל
דער ביינערדיקער גייט דא אום;
און כ׳הער זיין שטים און פיל זיין קראפט,
און ס׳רעדט דער ביינערדיקער
שטיל, פארגאפט:
— „דו ביזט אין מיינע הענט,
עס שלאגט דיין לעצטע שעה״!...

II.

פארטויט און פאררעגענט די אספאלט טראטוארן,
די נאכט אין איר זינדבעט, זי שלאפט נאך, זי פעפט;

זואו הימל, וואו מויער, וואו קנעכט און וואו הארן?
איך גיי מיט דער חושכנים — מיט נאכט זיך באהעפט...
איך גיי:
פאראויס און פון הינטן
ווי דער יאמער פון ווינטן,
הער איך זיפצן, קרעכצן —
„אדיע, זייט געזונט"!...
עס זאגן איצט ווידוי:
א מענש און א הונט...

III.

און ווידער שטיל... איך בלאנדזשע ווייטער...
עמיץ ציט מיך, עמיץ רופט —
איך הער: כא-כא-כא...
דער ביינערדיקער, מיט אויסגעקרימטע ליפן
לאכט...
און ווייזט מיך מיט זיין פינגער
ווי א ספינקס
אויף רעכטס און לינקס —
קוימענס פארקרימטע,
פאבריקן פארמאכטע,
פעלדער ניט געזייטע
נעסטן אויסגעטייטע...
און פאזע פארקאנעס
אין הינטער-געסלאך, אמאל באלעבטע,
בלאנדזשען שאטנס אומעט:
אלטע, יונגע, קליינע קינדער,
מיט א שעפטשען אף די ליפן:
ניטא קיין ברויט!
ניטא קיין ברויט!
אויף פעלד און וואלד
אין דארף און שטאט,
איז שארף זיין שפרייז
איז פעסט זיין טראט,
און וואו ער קומט — צעזייט ער זאמען
און וואו ער קומט — איז אפן אלע בראמען —
ער קאסעט רעכט׳ס, ער קאסעט — לינקס,
דער ביינערדיקער אלטער ספינקס...
ער רויבט דעם טאג, ער טויט די נאכט —
— — — — — — — — — — — —
עס האט דער הונגער-מלך אויפגעוואכט.

כארקאוו 1920.

ראזא גוטמאן / לידער

* * *

איך טונק איין מיין לאנגע פינדזל
אין א פולן רעגנבויגן
וואס מיר ווילט זיך, ווי מיר ווילט זיך
קען איך מאלן מיט די אויגן.

איך באפארב וואס מיר פארגלוסט זיך:
טענער, ווערטער, הויכן, ווינטלעך.
קלארע, ציטערדיקע לופטלעך
טו איך אן אין פארבן-פינטלעך.

כ׳מיש די פארבן, כ׳בייט די פארבן
פלינק און לייכט ווי א מכשף.
ווייסע נעגער, ראזע חימלען —
כ׳בין זיך גארנישט לאנג מישב.

מיינע וועלטן זיינען פארביק,
ווי א פולער רעגנבויגן,
וואס מיר ווילט זיך, ווי מיר ווילט זיך
קאן איך מאלן מיט די אויגן.

גאסן

I.

די גאס, די ברומיקע, האט מיך אהיים באגלייט.
כ׳איז שמאל מיין קעמערל און איינג.
עס מעסט מיין טריט זיין לייננ
און בריים
מיט האס.
עס מאכט מיין טריט א קרומען פאס
און האקט זיך אפ וואו אין אנ׳עק
און ווערט פארגליווערט אפן פלעק.

עס האט מיין טריט דער גאס מיין יונגן הייגט געשיינקט,
מיין יונגן הייגט
צוברעקלט שפילנדיק, צווייט אין ווינט
און בייגקט אצינד,
און בייגקט — — —
עס האט מיין טריט דער גאס מיין יונגן הייגט געשיינקט,
מיין יונגן הייגט.
דאס לעצטע ברעקלע ווערט שאטנבלאס,

דאס לעצטע ברעקעלע ווערט שוין פארשוויינקט
פון ערשטן פאס
פון בין השמשות פון דער נאס.

די גאס, די ברומיקע, האט מיך אחיים באגלייט
מיט בייזער פרייד.
זי האט מיך אפגענארט און לאכט פון מיר,
און שעפטשעט חניפה-רייד מיר שטילערהייט,
און לויערט ווידער ביי מיין טיר.

II.

כ׳וועל זיך לאזן איבער שטילע גאסן
בלאנדזשען
ביז פון מזרח פון דעם בלאסן
וועלן פאלן שטראלן-פראנדזן.
אין דער פייכטער שווארצקייט וועל איך שפרייזן — — —
נאר לאמטערנעס
וועלן הערן עס — — —
וועל איך עפעס נישט באווייזן?
אין דער פייכטער שווארצקייט ביז באגינען
וועל איך זוכן, טאפן מיטן שטעקל:
אפשר וועל איך ערגעץ טעג געפינען,
טעג, צושאטענע פון לעכערדיקן זעקל.
כ׳וועל די שטילקייט, פון מיין טריט פארפלעקטע,
רייצע שטילקייט, בעטן מיר צו ווייזן,
וואו צו זוכן טעג מיט טינט פון צייט פארמעקטע,
טעג — ווי גרייזן.
ס׳וועט מיין שווארץ דאס שווארץ פון נאכט צושפאלטן
און עס שטרייפן און צורייסן ביז באגינען.
נאר לאמטערנעס
וועלן הערן עס
און דעם סוד פאר זיך באהאלטן
ביז דאס געלע ליכטל וועט צורינען.

ווינט

פ׳האט דער ווינט
בייזע הינט, —
רייצט ער אן זיי אף מיין טיר,
קריכן זיי מיט אלע פיר,
רייסן, בייסן איר.
העצט ער אן זיי אף מיין פענסטער. —

וואַרפן זיי אין אים אַ שמאַטע,
קוקט מיין פענסטער תמעוואַטע —
גענעצט ער.
הוליעט ווינט
מיט זיינע חינט —
מיינט, — אַז וואָס ער וויל דאַס מעג ער.
כ׳ליג און לאַך אַף מיין געלעגער.
בילט אין דרויסן!
זייט איר אויסן
איך צו שרעקן מיטן הו?
כ׳שפרינג אַראָפּ —
אָפּן ס׳פענסטער — ווינקט מיין קאָפּ —
נו? —
כ׳ליג און לאַך אַף מיין געלעגער.
ס׳איז אין מיר אַזוי פיל רו,
לויטער רו.

נ א כ ט

נאַכט, נאַכט, —
ווער האָט דיינע שוואַרצבלויע פליגלען צושאָסן מיט שטערן?
אין אַ שפּיל צי אין שלאַכט?
האָט שוין עמיץ אַמאָל דיך באַזיגט און פאַראַכט?
— — —
נאַכט,
קום אַרויס, קום אַרויס!
כ׳רוף דיך אויס:
העי, — קום, לאָמיר זיך ביידע פאַרהערן!
כ׳האָב דיך פיינט —
ווייל דו מאַכסט פאַר אַ נעכטן דעם שוימיקן היינט,
ווייל דו טראָגסט אין דיין קערן
פאַרבאָרגן
אַ סם פאַרן מאָרגן.
כ׳האָב דיך פיינט!
כ׳רוף דיך אויס:
קום אַרויס, קום אַרויס!
העי, — קום, לאָמיר זיך ביידע פאַרהערן! —
איך וועל אָנצינדן ליכט, איך וועל אָנצינדן פאַקלען,
כ׳וועל זי אָנשמידן פעסט, ס׳וועט זיך קיינער נישט וואַקלען,
איך וועל ברענען דיין לייב, כ׳וועל צושמעלצן דיין מאַכט!
נאַכט, —
נאַכט, ביזט פאַרפאַלן,

כ׳בין פאריינם מים די מארגיקע שטראלן!

— — — — — — — — — — —

כ׳בין א שטראל פון די בראנזענע מארגיקע שטראלן.
ס׳בליט מיין לעבן ארויס
פון דעם זוניקסטן שויס,
ס׳קוועלט מיין יוגנט ארויס
פון די זודיקסטע קוואלן.
כ׳בין מיט לוסט איבערפילט,
נישט געזעטיגט, געשטילט,
זוך איך אפרו אין שלאכט
מיט די כוחות פון נאכט.
נאכט! —
נאכט, ביזט פארפאלן,
כ׳בין א שטראל פון די בראנזענע מארגיקע שטראלן!

ס א נ ע ט

בין-השמשות — שא אין אויער,
בין-השמשות — שלייער-בליקן,
שאטן — רופן, שאטן — שיקן,
טריפן — טראפנס, טראפנס-טרויער.

בין-השמשות — גרוי און גרויער.
פלעקן שלייפן, העל — פארשטיקן,
שטערן-קרעלן — נעצן שטריקן
בין-השמשות — גרוי און גרויער.

אוונט שפרייט זיך — — שווארצע שוואנען
שווימען אן — ווער ווייס פון וואנען,
שטרעקן אויס די שלאנקע פליגלען,

אוונט, אוונט — — בריימ און ברייטער,
הינטער שטומע שטיבער שטייט ער,
קושט זיך שטיל אין שויבן-שפיגלען.

פון ציקל: „לידעלאך פאר דיר״.

א.

אין דער בלויקייט בליען בלומען בלאסע,
ליבסטער, בלייב,
ס׳איז נישט נעפל, ס׳זייגען נעצן נאסע,
וואס עס וועבט דעם ווינט-זיין וואסער-ווייב.
ליבסטער, בלייב,
אין דער בלויקייט בליען בלומען בלאסע —
קלייב.

ב.

טונק זיי איין אין מיינע האר —
דיינע פינגער.
מיינע האר —
לייכט באַגולטע לאַקן-צינגער —
לעקן, לאַשטשען פלינקע פינגער,
מיינע האר —
שלאַנגען-שלינגער —
ווילן — שלינגען איינעם גאַר,
שלאַנקע פינגער.
פילסט, ווי לייכט — דאָס פלאַטער-פלאַר? —
גרינג און גרינגער.
טונק זיי איין אין מיינע האר —
דיינע פינגער.

ג.

זאָג מיר עפּעס —
סתם אַזוי.
זעסט — איך ליג זיך
און איך וויג זיך
סתם אַזוי —
כ'קוק: ווי זייבען דיינע אויגן: ברוין צי גרוי.
איך וועל שווייגן — זאָג מיר עפּעס —
סתם אַזוי.

קאָוונע 1921.

פּסח מאַרקוס / שלמה'קע

קאַפּיטלען פון אַ גרעסערער זאַך.

א. דער טאַטע מיטן זון.

אין דער אידישער גאַס אין אַזייט, הינטער דער אַלטער אָפּגעברענטער שול, מיטן הויכ'ן נאַקעטן שפּיץ, וואו ס'וואוינען קראָהען, און אַבאַטשאַן פּערלייִנט זיין נעסט — געפינט זיך דער טאַל, וואָס רופט זיך „בענצעס געסל". די מענשן פון טאַל געהערן אַלע צו דער „פאַמיליע", וואָס באַשטייט פון פערד-הענדלער, קצבים, קאַראַבעלניקעס, דאַרפס-שניידער. אין טאַל געפינען זיך אויך עטליכע זיידענע יונגע-לייטלעך, וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט מיידלאַך פון טאַל. ער האָט זיך זיין אייגענעם „מנין" און לעבט אָפּגעזונדערט פון שטעטל.

די „פאַמיליע" לעבט צווישן זיך בשלום, און אַלע האָבן דרך-ארץ פאַרן

טאטן מיטן זון, וואס וואוינען אין דער יחוס'דיגער ברייטער שטוב. דער טאטע האנדעלט מיט תבואה, האט אייגענע פעלד, און שארט זיך ארום פריצים, וואס וואוינען ארום שטעטל, אחן אים קויפט קיין פריץ קיין זאך ניט, און דאסגלייכן אויך מיטן פארקויפן. וואו גאר אריר — איז בענצע.

דער זון האנדלט מיט פערד. ער קויפט זיי אויף אין טיף רוסלאנד און פארקויפט זיי די גראבבייכיגע האלענדער, וואס לאזן זיך אהער אראפ.

דער טאטע מיטן זון לעבן צווישן זיך ניט בשלום; זיי קריגען זיך קיינמאל ניט, נאר זיי זיינען צוויי מענשען, מיט באזונדערע פסיכאלאגיעס; צוויי וועלטן,... דער זון איז בטבע א מענש, וואס האט פיינט די רייסע־רייען מיט דעם פלפל'ען זיך, מיידט אויס דעם טאטן, אינטערעסירט זיך וויניג וואס מיט אים, וויל ניט וויסן פון זיינע „עסקים" און פון זיינע „פריצים". דער היפוך איז דער טאטע: ער אינטערעסירט זיך שטארק מיטן זון און פוילט זיך ניט אים נאכצושפירן, אויסנוצענדיג יעדע געלעגנ-הייט, אים מבטל צו מאכן פאר די לייט פון טאל.

— א ווילדע חיה! ס'וועט פון אים גאר נישט זיין, אנ'אקס! דאס איז כמעט דער תמיד'גער שפרוך וואס בענצע זאגט ארויס וועגן זון, נאר דאס העלפט וויניג. די יונגע חברה און אפילו די עלטערע ווייסען, אז שלמה'קה איז א יונג מיט ביינער, מען קען זיך אויף אים פארלאזן.

אמאל פלעגט זיך בענצע ניט באנוגענען מיט'ן מבטל זיין אליין' און אים אין די אויגן צוזידלען פאר די לייט פון „טאל", און ער פלעגט עס טאן דוקא ווען אסך מענשען זיינען דא, צוטשעפענדיג זיך צו יעדער נארישקייט. דא פארוואס שלמה'קע האט אונטערגעהאקט א שגין די פיס, דא פארוואס ער, פון העלער הויט פאר א שלעכטווארט, איז ארייגעפארן א פויער אין מארדע און אים — באדמ'ט... שלמה'קע פלעגט אים קיינ-מאל ניט ענטפערן, נאר אונטערשמייכלען, ארויסווייזענדיג זיינע געזונטע ווייסע ציינער, ווי עמיץ פון בענצעס געסל וואלט א שיינע געשיכטע דער-ציילט, און אונטערפייפענדיג עפעס א גויעשן-לידל פלעגט ער זיך אוועק-געהן מיט א חברה יונגען, ווי ניט אים מיינט מען דאס — אין שטאל. דער אלטער פלעגט זיך נאך מער קאכן און פילדערן... מיט דעריין פלעגט זיך ענדיגן — ביז ס'האט זיך איינמאל אפגעשפילט א שארפע סצענע.

עס איז געווען א ווייסער ווינטער-טאג, דער ערשטער שניי איז געפאלן אין שטעטל, און איר פארבעט. מיט א ווייבער פוכאווער פע-רענע, די זון האט זיך פריער ווי תמיד באוויזן, און פאסענווייז זיך צולייגט איבערן קלאר ווייסן שניי. און געדוכט האט זיך, אז תמיד וועט ליגן דער ווייסער שניי, וואס טרעט זיך אזוי ווייך אונטער די פיס. יעדערער איז זיך געפארן מיט זיין שליטל אפן מארק, וואו ס'האבן געווארט די שטעטל'דיגע יידן, ווער אויף האלץ, ווער אויף היי, שטרוי פאר די בהמות, וועלכע זיינען

שוין געשטאנען עטליכע טעג ניט „געבעט״. דער שטענדיג רוהיגער מארק האט פארלארן זיין רוהינקייט, ער איז אנגעפילט געווארן מיט טומעל און געשריי.

מיט אמאל האבן אלע מארק־לייט באמערקט אפאר וואונדער־שווארצע סאמעטיגע פערד, וואס האבן זיך ווי אפאר אדלערס דורכגעטראגן דורכ׳ן מארק, און זיך אפגעשטעלט לעבען בערקע „זשמאנוסעס״ שיינק. אין שליטל איז ברייטליך געזעסן שלמה׳קע אין זיין ווינטערדיגן לעדערנעם קאסטיום, און אין זיין הויכן ווייסע קראקולענעם היטעל, מיט איינעם פון זיינע חברים. די פויערים האבן אוועקגעווארפן די שליטעלעך, איבערלאזנדיג די פויערטעס זיי היטן, און אליין אוועקגעלאפן באטראכטן שלמה׳קעס שווארץ־סאמעטענע סוסים מיט די שמאל געטאקטע קעפ, מיט די לאנגע געקנייטשטע העלזער, מיט זייערע געקרויזטע גריוועס, וואס זיינען גדלות׳דיג אויף די העלזער געפאלן ווי ביי לייבן...

שלמה׳קע איז געשטאנען שטאליץ, גלעטענדיג די פערד, ריידענדיג ווי אצירק־מענש אויף דער ארענע, — אט אזעלכע פערד קריגט מען ניט ביי אונז ליטע, — און געזאגט מוסר די פויערים, וואס ־ וויסן ניט ווי צו האדעווען פערד. די פויערים האבן פארוואונדערט געשאקעלט מיט די קעפ, און מיט „דרך־ארץ״ געקוקט אויף שלמה׳קען.

צווישן עולם איז אויך געווען סימאנאיטיס׳עס טאכטער יאנא, וועלכע שלמה׳קע קען שוין פון לאנג, אין וועלכע מאטערט אים תמיד מיט איר ווינקען, און האט אים ווי פארמאטערט מיט איר ליבליכן שמייכעל. זי איז עפעס ניט ווי אלע שיקסעס. אמאל לאזט זי זיך אויך אקוש טאן אבער איינעם און ניט מער. אבער דאס צורייצט אים שטארק. ער מיידט איר בכיון אויס, אבער וואוהין ער זאל ניט גיין, אומעטום טרעפט ער איר, — א טייוול, ניט קיין מענש!

און אויך איצט איז זי געשטאנען צווישן עולם שטאליץ און פריי ווי שלמה׳קעס שווארצע „לייבן״. אנגעטאן איז זי געווען איינפאך, אין א ברייט פאלבעגע קלייד, אירע בלאנדע האר האבן זיך אין אומארדנונג צעווארפן איבערן שטערן. שלמה׳קע האט זיך מיט איר בליק ניט געוואלט טרע און האט זיך דערפאר אפגעקערט אן א זייט.

— אויפ׳ן דארף... אזוי פרייליך... טאנצן... און טאנצן, — האט אים עמיץ געשושקעט אין אויער, און אז שלמה׳קע האט זיך אומגעקערט, איז שוין קיינער ניט געווען, און זי איז ווי ניט איר מיינט מען דאס, גע־שטאנען צווישן עולם און נצחונ׳דיג געקוקט אויף אים.

— א שד! — האט שלמה׳קע געבורטשעט. זי שפילט מיט מיר אשדים־שפיל, — און אליין ניט פילנדיג ווי אזוי, איז ער צו איר צוגעלאפן און צודריקענדיג איר פעסט, פעסט, האט ער זיך אריינגעגעסי אין אירע רויט בלוטיגע באקן...

זי האט זיך צום אנהויב געצאפּעלט ווי אפישל, נאר נאכדעם איז זי געלעגן ווי אומבעהאלפן צווישן שלמה'קעס ארעמס. אלע האבן געפּאטשט „בראוואָ", נאר שלמה'קע האט קיין זאך ניט געהערט און אים איז קיין זאך ניט אנגעגאנגען. ער האט נאר געפילט אז ער האלט אין זיינע הענט אזא מין זאך, וואס מאטערט אים, און גיט אים קיין מנוחה ניט, און אז מען טאר עס ניט אפּלאזן און מ'דארף — — — — — — — — — — —

ער האט איר אוואָרף געטאן אין שליטל אריין און גענומען טרייבן האסטיג די פערד.

פון צווישן עולם איז ווי אויסגעוואקסן „בענצע" און האט אנגעהאלטן די פערד ניט לאזנדיג זיי פארן ווייטער. שלמה'קע האט אום'ברחמנות'דיג געשמיסן די פערד, זיי האבן זיך געהויבן אויף די הינטערשטע פיס, נאר ניט פון ארט — בענצע האט זיי געהאלטן פעסט, אלע האבן געלאכט... סימאנאיטישעס טאכטער איז שוין אויפן שליטן ניט געוועזן, און ווי פריער געשטאנען צווישן עולם. און מיט נצחון געהירזשעט. שלמה'קע איז גע-ווארן אויפגערעגט, און האט דעם טאטן געזאגט דאס, וואס ער האט שוין לאנג געטראכט אים צו זאגן... אז ער איז גאר ניט אזא זייד... און ער ווייס... אפן שטאל-בוידעם... איינמאל א שבת באטאג, מיט דער גראבער... ביי בענצען האט א ציטער געטאן די מארדע, און צווישן די גרויסע וואנסעס האט מען געקענט באמערקן, ווי די ליפּן האבן זיך קריינקליך געקרימט, שלמה'קען האט פארדראסן די גאנצע געשיכטע... בענצע האט אוועקגעלאָזן די פערד, און זיך אוועקגערוקט א היים... און באנוגנט זיך, וואס ער איז אים מבטל אונטער די אויגן. שלמה'קע נעכטיגט שוין זעלטן ווען אין שטוב, ס'רוב מיט די יונגען פון טאל אויפ'ן שטאל-בוידעם, און עסט ביי בערקע „זשמאגעס" אין שיינק.

און אין שיינק פאר די יונגען האט ער איין מאל דערציילט, אז אים פארדריסט די גאנצע מעשה... און אז, די אויגן זאלן אים ארויס, אויב ער וועט סימאנאיטישעס טאכטער אפילו א קוק טאן, און דורך א יונג איר געשיקט זאגן, אז ער וועט איר די אויגן אונטערהאקן אויב זי וועט זיך ארום אים דרייען... און געהייסן צוגעבן: אז שלמה'קע זאגט איז געזאגט... מ'דארף וויסן און געדיינקען ווער מ'איז — — — — — — — — — — — —
פון דאמאלסט אן איז שלמה'קע איז גאר אנ'אנדער מענש געווארן — —
— —

ב. נאך דער חתונה.

שלמה'קע האט אנגענומען גיין צו אפּט אין דער אידישער גאס, — און „טאל" האט מען גענומען ריידן אז שלמה'קע האט עפּעס א ליבע מיט דבורה'לע דעם סופר'ס טאכטער, און בקרוב וועט זיין א חתונה. די מיידלאך פון טאל האבן שטארק מקנא געוועזן די לאנגע בריאה מיט די שווארצע צעפּ, וואס קריגט אזא ברויט געבער.

די חתונה איז געווען אזא, אז זינט דער טאל שטייט איז נאך אזעלכעס נית געווען — — — דריי מעת לעת האט מען געהוליעט, יארן לאנג וועט דער „טאל" האבן צו דערציילן פון שלמה׳קעס חתונה. — — — — — אין דער חתונה וואך באגינען, דבורה׳לע איז נאך געשלאפן, און אלע מענשן פון דער גרויסער שטוב האבן גערעדט אף שטיל, מער געוואונקען ווי גערעדט, איז לעבן שטוב געשטאנען בענצעס בריטשקע איינגעשפאנט אין שלמה׳קעס א פאר בולאנעס, דאס איז געפארן דער טאטע מיט׳ן זון צום גריקאפאלער פריץ. בענצע איז צוגעשטאנען צו שלמה׳קען ער זאל מיט אים פארן צום פריץ, דער פריץ דארף האבן אפאר סוסים און מען קען פארדינען א מטבע...

שלמה׳קע האט פיינט צו האנדלען מיט זיין טאטענס פריצים, ער האט ליב בעסער צו האנדלען מיט א מענשן פון זיין גלייכן „מיט א סוחר", ער האט פיינט די „צאצקעריי" ארומטאנצעניש ארום פריץ, און דאס לעקן זיך צו אים, נאר ער פאלגט, ער פארט... אים איז היינט אזוי גוט... אזוי גוט... אז ער קען זיך נית באהערשן און זאגן אויף עפעס „ניין", אלץ ווילט מען דוכט זיך, ביי אים געקענט פועל׳ן! דבורה׳לע!.. דבורה׳לע! ווייטער ווייס ער גאר נית... און פילט גאר נית, ווי ער זעצט זיך אנידער אויפ׳ן בריטשקע און ווי די פערד גיבן זיך אריס פון ארט, ער הערט נאר עפעס, ווי א ווייטע פארכישופענדיגע מוזיק — אין זיינע מחשבות האט ער נית באמערקט, ווי די פערד האבן זיך דורכגעטראגן דורכ׳ן מארק, באלד דורך דער גויעשער גאס, און אט זיינען זיי שוין צווישן די קארן... און פון דארט אויפ׳ן שמאלען וועגעלע, וואס פירט צום גריקאפאלער הויף...

בענצע איז אויך געזעסן פארטיפט אין זיינע מחשבות, אים בענצן איז דער שידוך געווען נית גאר צום הארצן, און האט אסך פון דעריין געטראכט:

— אמת, אפילו א יחסנ׳טע, אבער אן א גראשן געלט, א בלאסער פנימ׳ל מיט א אמאגערן גופל, וואס פאסט בעסער אין א פריצישן-פאקאי ביים קלאוויר און נית אין א בעל-הבתישקייט, ער וואלט בעסער געוואלט פאר שלמה׳קען אמיידל פון דער פאמיליע, גרשון דעם קצב׳ס מיידל, א דעמב, א קאזאק. — נאר ווער קען עס שלמה׳קען איבערשפארן? — ברעכט ער דעם געניק! ער ווארפט א בליק אף שלמה׳קען, ער זיצט פארחלומט, ער קוקט אים נאך א מאל גוט אן, גיט א ווארף א בליק אף די קארן-בייטן וואס פארשווינדן איינער נאכן אנדערן. אים האט זיך אליין נית געגלויבט, אז שלמה׳קע זאל פארן מיט אים צו א פריץ, ער האט עס גע-זאגט אויף א שפאס, און שלמה׳קע האט אויף אנ׳אמת איינגעשטימט... ער דערמאנט זיך, ווי וועלענדיג צושארן שלמה׳קען צו פריצים, ווייזן אים, ווי מ׳דארף ריידן צו א פריץ, ווי מ׳פארדינט א רובל ביי א פריץ, האט ער אים איינמאל ארייננענארט, זאגענדיג אז עס איז דא צו קויפן אפאר פערד, האט אים פון הינטען ארום פארפירט אין הויף. ער האט אבער פאר דעם געהאט א מפלה — פאר קיין געלט האט שלמה׳קע נית געוואלט אויס-טאן די „טשאפורע" כאטש האק אים די קאפ אראפ.

— ביי אונז נעמט „ער" אויך ניט אראפ די הוט, — האט שלמה'קע געבורטשעט, — „ווי לאנג לעבט ער ניט, ווי איך טו די היטל ניט אויס". און האט זיך פארהאקט ווי א האנאראוויסטער פערד אויף א גרויסן בארג, און אוועקגעזעצט זיך אויף א שטול, ווי ביים טאטן אין סטאדאלע און פריי, מיט נצחון געשמייכעלט, ווי ער וואלט געזעסן צווישן די יונגען פון „טאל".

— פון דענסטמאל אן נעמט שוין בענצע אים ניט מיט, — א ווילדע חיה, ס'וועט פון אים גאר ניט זיין — איצט נאך דער חתונה וועט ער אפשר ווערן מער מענש.

און אז די פערד זיינען געבליבן שטיין נעבן „פאקאי", האט בענצע אוואונק געטאן צו שלמה'קען, ער זאל אראפגיין, און אויפן וועג נאך באווייזן זאגן, ער זאל אראפנעמען די היטל, און זיך סתם וויסן ווי צו באגיין זיך.

שלמה'קע איז אים נאכגעגאנגען שטיל, פארחלומ'ט, ווי א הונט נאכ'ן בעל-הבית. און ניט געעקשנט אראפ צונעמען די היטל און געקושט ביים אפארן, אזוי ווי דער טאטע, דעם פריץ מיט דער פריצטע אין האנט . . ן. בענצע האט דאס נאכדעם פאר אלעמען דערציילט מיט צופרידענהייט. מ'האט אבער, ניט גלויבענדיג, געשאקלט מיט די קעפ. — — — — — — —

ג. א „ח נ ע".

ס'איז געווען א גרויסע „חגע", די קרעמער פון שטעטל האב זיך שוין מיט וואכן פריער געגרייט צו דעם טאג, אף וועלכן ס'קומען כמעט אלע גוים וואס וואוינען ארום, אפילו פון אזוינע דערפער וואס געהערן צו א צווייטער פאראפיע.

פון יעדער גאס האבן זיך געשאטן מחנותווייז פויערים מיט פויערטעס, שקצים מיט שיקשעס, יעדער דארף מיט זיין באזונדערן פארב און וואוקס. דער גרויסער קלויסטער גלאק האט אן אויפהער געקלונגען: בים-באם. א אומעט האט עס געווארפן אף די אידן פון שטעטל, א אומעט, וואס זיי האבן אליין ניט געוואוסט פאר ווען און פאר וואס, א אומעט, וואס הזרט זיך איבער שוין יארן לאנג... און יעדער שפירט דאס אינסטינקטיוו...

די מחנות האבן זיך געצויגן גלייך, אין דער גוישער גאס, שטאלץ און פריי, ווי ביי זיך אין דארף... עפעס וואס איז געשען... דער גאנצער המון, וואס האט זיך געצויגן גלייך ווי א סטרונע, האט זיך ווי פארשכורט אוויג געטאן, צוטיילנדיג זיך אף צוויי זייטן. די אלטע זיינען געפאלן אף די קני און זייערע ליפן האבן געמורמלט עפעס א תפילה. די אידן האבן גענומען צושראקענע פארמאכן די קראמען — — — — — — — — —

באלד איז אבער קלאר געווארן די זאך... באקאנטע פויערים האבן גענומען לאבן פון די וואס האבן זיך דערשראקן: — דאס זיינען פריצים

זוי משוגעים מיט שטנדם אין ליארם דורכגעפארן מיט זייערע קארעטעס, געשפאנט אין ווילדע פערד „שפיץ נא שפיץ" און אויפגעהויבן א שטויב עד לשמים, צושרעקענדיג די פויערשע פערד אפן מארק וואס האבן זיך „דיבאם" געשטעלט. די פויערים זיינען די ערשטע רייע אויך צושראקן געווארן. באלד זיינען זיי צו זיך געקומען, און גרויס און קליין האט זיך א לאז געטאן נאך די פריצישע ברימשקעס, וואס זיינען אריינגעפארן אין „טאל" און שטיין געבליבן לעבן בענצעס הויז...

זיי זיינען עס געפארן אף א באל ביים קראסנער פריץ. פאראיינס-ווענן האבן זיי געוואלט אריינקוקן ביי בענצן אין שטאל...

די ברימשקעס האבן זיך צושטעלט ארום בענצעס שטוב... בענצע איז ארויס, האט זיך געשטעלט אויפ'ן בריקל, און מקבל פנים געווען די געסט. שלמה'קע איז געשטאנען צווישן א מחנה גוים און זיך געווילט...
בענצע איז צו אים צו און געהייסן ארויספירן א פאר פערד פאר די פריצים.

— ווידער מיט דיינע פריצים, — האט שלמה'קע געברוגז'ט זיך... כ'וועל זיי קיין פערד נים פארקויפן.

בענצע איז אליין אוועק אין שטאל און האט ארויסגעפירט א פאר קאשטאנעס. די פריצים זיינען ארום באטראכטן די פערד. די גוים האבן געמאכט אוועג. איינג פון „טאל" האט זיי דורכגעפירט... שלמה'קע איז געשטאנען אן א זייט און געקוקט אויף די „ליאלעס" און אויף זייער גלייכן זיכערן טראט... באלד האט ער צוגענומען ביים טאטן דעם בייטש און גענומען מיט זיי נאך אמאל דורכלויפן, קנאקנדיג אהין און אהער מיטן בייטש. די פערד האבן אויסגעצויגן זייערע לאנגע העלזער און האבן זיך גענומען טראגן ווי שווימענדיג און שלמה'קע האט אן אויפהער מיט'ן בייטש געקנאקט און געקנאקט, ריידנדיג צו זיך אליין:

— אט פערד, אט אפאר ליאלעס!

ער האט נים באמערקט ווי דבורה'לע איז געשטאנען אין פענסטער די קאפ פארקעמט, מיט די פאר לאנגע צעפ, און נחת'דיג געקוקט אף אים, ווי ער שטייט שטאלץ און דער בייטש קנאלט אזוי... קנאלט און קנאלט...

די פריצים האבן איר דערזען, זיך שעלמיש איינער מיט'ן צווייטן איבערגעוואונקען, און געפרעגט ביי בענצן: — ווער איז די „זשידאוועטשקע"?...

דבורה'לע איז פארשעמט אנטלאפן פון פענסטער. דער עולם האט אויסגעשאסן א געלעכטער...

שלמה'קע האט עס נים באמערקט. זייענדיג פארטאן מיט די פערד, נאר א יונג פון „טאל" האט עס אים איבערגעגעבן. ער איז אויסער זיך געווארן, און האט געווארפן א כעס'דיגן בליק אפ'ן טאטן:

— ווארט! איך וועל זיי שוין פארקויפן פערד!...

און אז די פריצים האבן זיך אומגעקערט, זיינען שוין די פערד ניט געווען. א יונג האט אף שלמה'קעס באפעל זיי אוועק געפירט צוריק אין שטאל אריין. און שלמה'קע איז ווי פריער געשטאנען צווישן די פויערים און זיך געוויצלט...

בענצע האט געפילדערט, געשריען:

— ניט אזוי באגייט מען זיך מיט פריצים. די פריצים גופא האבן זיך שטארק באליידיגט און געקוקט מיט כעס אפן „זשידעק" וואס האט גע-האט די העזה אוועקצופירן די פערד, ניט פרעגנדיג צי זיי וועלן קויפן.

בענצע האט פארשטאנען, און עס גלייך פארגלעט מיט א חניפה'דיגן וויץ, געמאכט פון דער זאך צו נארנים.— נישקשה, בענצע ווייס זיך ווי צו באגיין מיט פריצים,— ער האט פאר זיי בעסערע פערד— און אז די פריצים האבן זיך צוזעצט אין די בריטשקעס, האט זיך בענצע ארייגעזעצט אין מאצקונער פריץ'ס-בריטשקע, מיט אים אף איין געזעס און זיך געסטארעט, אז אלע זאלן עס זען— — — — — — — — — — — — — — — —

שלמה'קע האט אף אים געווארפן א בטול'דיגן און כעס'דיגן בליק און זיך אוועקגעלאזן מיט די יונגען פון „טאל", און א מחנה פויערים — אין מארק אריין —

נאכט.

שלמה'קע איז געלעגן בא זיך אין שטוב, א שיכורער און געבראפעט. די ברודיקע שטיוול זיינען אראפגעהאנגען איבערן ליילעך. שלאפעדיגער-הייט האט ער קאנוואולסיוו זיך א טרייסל געטאן מיט זיין גאנצן שווערן קערפער, ער האט זיך א צוטומלטער אויפגעכאפט. ארומגעקוקט זיך, וואו ער געפינט זיך... אויסגעשפיגן דורך די צווי פאדערשטע ציין: טפוי א חלום... יאנא איז דא גאר ניטא... ער שפייט א צווייטן מאל אויס, א קאלטער שוויס איז אים באפאלן, ער ווישט דעם שטערן אפ, ער קוקט זיך ארום, עס איז שוין נאכט. איבערן שלאף-צימער צושפרייט א גרינע ליכטיגקייט דער נאכט-לאמפ מיטן גרינעם אבאזשור און ער מורמלט פאר זיך: — אזוי, הייסט עס, זיינען זיך שוין אלע צופארן... אויס „חגע", צום טייוול!... ער ווארפט א בליק אף דער צווייטער בעט, דארט ליגט מיט א פארבונדענער קאפ זיין דבורהלע, ער קריכט שטיל ארונטער, די פיס וואקלען זיך... ער לייגט זיך אף די קני, פאזע איר בעט... ער פרובט זיך צוהערן צו איר אטעם... זי קרעכצעט פון שלאף... אפן ברעג פון איר ווייס פארבונדן טיכל האט ער דערזען בלוט... ער הויבט זיך אוף, און גיט א קוק אין שפיגעלע וואס הייגנט איבער איר בעט, אים נעמט אן א שווי-דער, זיין שטענדיק רויט-געזונטער פנים איז בלייך, פארקרימט, די האר צופאטעלט, ער פרובט אויפכאפן די געדאנקען, נאר אומזיסט, זיי צולויפן ווי צעיושעטע פערד. אין קאפ פילט ער, ווי עמיץ וואלט דארט מיט

שווערע האמערס געקלאפט, אדער, ווי נאטע דער שמיד וואלט צוגע־קלאפט א פאדקאווע. ער פארוויכערט א פאפיראס און ביסלעכווייז הויבט ער זיך אן דערמאנען:

בא בערקע „זשמאגעס״ אין שיינק, אפן מארק, איז יאנא געווען... שא, פריער... און דא ווערט אים דאס בילד אזוי מטושטש... עפיס א זשאנדאר פון שטאט... זיי האבן געטרונקען, א סך געטרונקען... זיך גע־קלאפט אף ברודערשאפט... און יאנא איז געקומען און זיך אוועקגעזעצט געגן אים מיט עפיס א שקאץ... ביידע שיכורע... מיט אמאל א סקאנדאל... זשאנדאר, שקאץ, יאנא... און עפעס רויטעס האט געפליסט פון אלעמענס פנימער... ביינקלאך זיינען געפלויגן... — די פאר „טשעקעס״[1]) זיינען גע־גנבעטע — דו הערסט, שליאמקא?

ניין! — האט ער געקלאפט מיטן פויסט אין טיש. און ער פרובט צונויפבינדן ווידער זיינע געדאנקען און ער טראכט:

— איז עס אמת, טאקי געגנבעטע?...

הייסט עס, אז לייבקע קאטשמאר האט אים, שלמקה׳ן, אפגענארט... ער האט געזאגט, אז זיי האבן ניט קיין „ציצית״[2]), אבער פון ווייט... זיכער... ער האט אים אפילו געפרעגט פון וואנען עד האט געמאכט די „כתיבה״[3])...

ער שפייט ווידער אויס, בורטשענדיק:

— מען דארף זיי בינדן די פיס מיט טיכער און שטיל ארויספירן פון שטאט... און טאקי היינטיגע נאכט...

שטעלט ער זיך אוועק, כאפט ארוף דעם „קאזשוך״ און שארט זיך שטיל ארויס פון שטוב אין שטאל. דער הימל איז אויסגעשטערנט... פארביי שטאל פארשווינדט עפיס א שאטן... די פיס גיבן אים א ציטער פון שרעק... ווער האט עס געקענט זיין? דער „זשאנדאר״ אוודאי. אים קלאפט א צאן אין א צאן. ער עפנט דעם שטאל, די פערד שטייען גאנץ רואיק און צופן זיך די היי פון די שמאלע דראבינע־לייטערס. ער בארו־איקט זיך אביסל... ער גייט צו נענטער צו די סוסים, ער גיט זיי א גלעט איבער די גריוועס. פון אויבן הערט זיך א שטארקן כראפען פון די יונגען... ער גיט זיך א שטעל אויפן לייטער: אין א ווינקל ליגט יאנא און כראַ־פעט... א ווייסע נאקעטע פוס איר׳ס ליגט פארוואַרפן אן א זייט... ער בויגט זיך איין און דעקט איר צו... אירע אויגן גיבן זיך אנ׳עפן... א וואַ־רימע האנט ציט אים שטייף צו זיך... ער וויל איר א שטויס טאן... ווי א שלאנג וויקלט זי אים ארום

— — — — — — — — — — —

און דורך א בוידעם־שפאלט שיינט אריין א ווארימער זון־שטראל און זאגט אן: די נאכט איז פארביי און ס׳ווערט געבוירן א נייער טאג.

---

[1]) טשעקעס — שווארץ־ווייס געפלעקטע פערד.

[2]) אן ציצית — געגנבעטע פערד.

[3]) א כתיבה — קניה־צעטל.

* * *

איך לויף,
ווי עס לויפט אינ'ם שאטן פון וואלד
א ביזאם, פארשיכורט פון אייגענער דופט,
די נאכט איז די נאכט פון דער מיט פונ'ם מאי,
דאס ווינטל — א ווינטל פון דרום.

כ'האב פארלארן דעם וועג און איך וואנדער ארום
און איך זוך — וואס איך קען נישט געפינען
און געפין — וואס איך האב נישט געזוכט.

ס'שטייגט ארויס פון מיין הארצן דאס
בילד פון מיין בייגקשאפט
און טאנצט —
און צורינט...
כ'יאג עס נאך, נאר עס נארט מיך
און גליצט זיך ארויס
און איך זוך — וואס איך קען נישט געפינען
און געפין — וואס איך האב נישט געזוכט.

* * *

זאג מיר, איז דאס אמת, ליבסטער,
זאג מיר, איז דאס טאקע אמת —
בעת די אויגן שפריצן בליצן
גיבן וואלקנס, שווארצע וואלקנס
אין דיין ברוסט מיט שטורעם ענטפער.
איז דאס אמת — מיינע ליפן
זיינען זיס, ווי יונגע קנאספן,
אקארשט אויפגעוועקטע קנאספן
פון דער ערשטער, ערשטער ליבע?
לעבן נאך אין מיינע גלידער
די לבנה'יקע זכרונות
וועגן טויטע מאי-לבנה'ס?
ציטערט אויף די ערד, ווי סטרונעס
פון א צארטער הארף אין לידער,
בעת זי שפירט אויף זיך מיין פוס?
איז דאס אמת — בעת איך ווייז זיך
נאכט פארלירט פון אירע אויגן
קלארע טראפנס — טראפנס טוי?

און דאס מארגנליכט איז גליקלאך,
ווען עס קען מיט ווייסער בלאסקייט
מיר ארומהילן דאס לייב? —
איז דאס אמת, איז דאס אמת, —
אז געוואנדערט האט דיין ליבע
דורך די וועלטן, דורך די צייטן
אין דער זוכעניש נאך מיר?
אז, ווען דו האסט מיך געפונען —
האט געפונען אויך דיין בייגקשאפט
לעצטן פרידן אין מיין ריידן,
מיינע ליפן, מיינע אויגן,
מיינע פליסנדיקע האר?
איז דאס אמת — אנגעשריבן
אויף מיין קליינעם, קליינעם שטערן
האט אומענדליכקייט איר סוד? —
זאג, געליבטער, איז דאס אמת?

אידיש — ר. גוטמאן.

ב. ביאלאסטאצקי / פון בוך „ביים ברייטן וועג"

דו...

ניט אין יומטוב׳דיקער שטילקייט פון א רוהיג אידיש ווינקל,
ניט אין ריינער שבת׳דיגער בענש-ליכט שיין, —
ניט געלייטערט וועסטו זיך צו מיר באווייזן.
דו, פארשטויסן-וואגלענדיגער חלום מיין!

ערגעץ וואו אף קרומע שטעגן — זינדיק-טומלדיקע וועגן,
ערגעץ אין א שטאט פון אייזן און פון שטיין;
וועל איך פלוצלונג א געבויגענע דיך טרעפן,
ווי דו וואנדערסט נאכטיק — גלייך ווי איך אליין.

וועלן גליען דיינע אויגן אונטער פייכטע שפיזן-ברעמען
דיינע ליפן שארף פארביסן אין די ציין;
וועל איך נאך דיין פרעכן, ווינענדיגן שאטן
ערגעץ אין דערנידעריגטע געסלאך גיין.

דו, ווי איך, פארשעמט, פארלארן, און פון זיך אליין פארוואגלט,
דו, נאר דו, וועסט מיין באשערטע כלה זיין!
זינד דורך זינד געהייליגט — דו מיין אויסדערווילטע
דו, פארשטויסן-וואגלענדיקער חלום מיין!

ניו-יארק.

ק. זיננמאן / אין דער ליטע

ראמאן

ערשטער קאפיטעל.

טיק—טשיק—טיק—טשיק—ק—ק.

דער צוג האט זיך אפגעשטעלט. ער האט אויפגיך צונויפגענומען זיינע זאכן, פארשנורעוועט דעם לייווענטענעם זעקל, פארבונדן מיט רימענדלאך דעם קליינעם טשעמאדאנטשיק און צוזאמען מיט אלע איבעריגע פאסאזשירן האט ער זיך א לאז געטאן צום ארויסגאנג. אויפן פלאטפארם האט אים א יונגער בלאנדהאריקער שגץ, מיט א ווייסן שירץ און א בולטן № 74, א פרעג געטאן:

— אפשר צוטראגן, פאניטש?

— ניין, — האט ער ארויסגעבומבלט און איז מיט האסטיקע טריט, ווי פון עמיצן געיאגט, דורכגעלאפן דעם טומלדיקן שטאטישן וואקזאל, האט זיך באדונגען מיט א פורמאנקע און עס האט ניט נעדויערט קיין האלבע שעה, איז שוין שלמה פעלדמאן צוגעפארן און זיך אפגעשטעלט לעב א בלוי אפגעקאלכטן צווי-עטאזשיגן מויער. האט האסטיק אראפגענומען פון פורמאנקע די זאכן און זיך גענומען פונאנדערצאלן מיטן פורמאן.

א זוניקער ניסן-פרימארגן. אויפן הארצן איז אים געווען אזוי פריילינגדיג גוט. א פריש קיל ווינטל האט פון ניעמאן-זייט א בלאז געטאן אין קאלנער און באגריסט אים זיין קומען צופארן. פון דערבייאיקן קלויסטער האט דער טיפלע-גלאק געקלונגען זיין פרימארגנדיגן בים-באם—בים-באם; ער האט א נעם געטאן דעם טשעמאדאנטשיק אין איין האנט, און אין דער צווייטער דעם זעקל, און איז כמעט טאנצענדיק ארויפגעלאפן אויף די שטיינערנע טרעפלאך פון זייער גאניק, האט נערוועז דריי מאל אנגעקלאפט אן זייער טיר און איז אריין אין שטוב.

ער איז געבליבן שטיין אין עסשטוב און געוואלט זען, וואס דא וועט זיין, נאר ער האט ניט באוויזן זיך ארומקוקן, ווי די מאמע זיינע, א פרוי אין די מיטעלע יארן מיט א רונד-קיילעכדיק געזיכט, איז אים ארויפגעפאלן קושן און האט מיט פארוויינטע אויגן כליפענדיק געשעפטשעט:

— שלמה, שלמה'טשיק, פארט געקומען, געלויבט און געדאנקט איז גאט!

— יא, מאמע, האט שלמה א געריטער פון איר צערטליכקייט קוים ארויסגערעדט: עס האט זיך פארביינקט אהיים, בין איך געקומען צופארן.

פון צווייטן צימער האט זיך דערהערט א געלעכטער און א שטיפעריי, און גלייך נאכדעם זיינען ארויסגעשפרונגען פארשלאפענע אין איינע העמדלאך זיינע קליינע ברידערלאך. ער האט זיי א כאפ נעטאן אויף זיך.

צוקושט זיך און גלייך זיינען זיי צוריק אריינגעלאפן אין זייערע בעטן. די־ מאמע האט אנגעהויבן פאדיען ארום אים.

— ביזט דאך אוודאי הונגעריק, נאך ניט געטרונקען קיין טיי געווים?

— עס מאכט ניט אויס, עס מאכט ניט אויס, האט ער זי בארואיגט און האט זיך א ווארף געטאן אויף דער סאפקע פון צווייטן צימער.

עס איז פארביי א פאר טעג ווי ער איז געקומען צופארן, מיט אלע־מען פון די שטוביקע האט ער שוין באוויזן זיך דורכריידן און אנדערציילן פון זיין לעבן אין טראב און בכלל פון דעם לעבן אין דער פרעמד. אין גאס איז ער ווייניק געגאנגען, די עלטערן האבן אים ניט געלאזן, א קליי־ניגקייט, נאך אזא רייזע — האבן זיי ניט אויפגעהערט צו טענה'ן,— דאס קינד דארף זיך אויסרוען.

און אזוי האט אנגעהויבן פארגיין א טאג נאך א טאג, אים הויבט שוין אן דערעסן דאס זיין אין שטוב און דערציילן אלעמען דיזעלבע נודנע געשיכטע, און דא זיינען די טעג אזוינע לויטערע, ווי עס קען נאר געבן ערב פסח אין דער ליטע און ער קען שוין ניט איינרוען. עס רופט, עס ציט דער צופלייצטער איבער די ברעגעס ניעמאן, די גרינקייט וואס בא־וויזט זיך שוין אויף די אלעקסאטער בערג מאניעט אים, צופט אים פאר דער נשמה און רעדט צו אים:

— נארעלע, וואס טוסטו אינדערהיים, וואס באלאקעסטו צום טויזנטן מאל דיזעלבע נודנע געשיכטע פון פעטערס בולבעטשקעס און זיינע טעכ־טער, וועלכע ער וויל חתונה מאכן, א מער קום בעסער צו אונז, דער שניי איז שוין צוגאנגען, און די זון טריקנט שוין אויס אלע לחשעס, פיינלאך קומען און דערציילן פון זייער לאנגן ווינטער - וואגלעניש און וואנדער־ניש, קום צו אונז!

און ווען דער שטאט-זייגער פון ראטהויז, וואס לעבן זיי, האט אויס־געשלאגן צוועלף, האט ער שטיל אנגעטאן זיין אויסגעוואקסענעם גרויען ווינטער-מאנטעלע און איז בגניבה ארויס פון שטוב.

ער איז ארויף אויפן פלאץ, וועלכער איז נאך כמעט ווי אינגאנצן געווען א באשנייטער. וואו ניט וואו האט די ערב-פסח'דיקע זון שוין בא־וויזן צו צושמעלצן דעם שניי און אויף דעם ארט איז געווארן א גרויסע וואסער-לחשע. ער האט מיט א קינדישער נייגעריגקייט באקוקט אלץ און אלעמען. ער איז אוועק צו דער זייט פון די גרינע קאזארמעס, וואו מען האט אויפן פרייען פלאץ געלערנט יונגע סאלדאטן מארשירן, נאר דא האט ער זיך דערמאנט, אז ער האט דאך אמאל געהאט חברים, און אזוינע נאענטע, און אזוינע ליבע. האט ער ניט פיל קלערנדיק באשלאסן ארויפ־גיין צו איינעם פון זיי, וואס וואוינט דא ניט ווייט. צו זיין אלטן חבר־יאסקע באקסט.

ארויפקומענדיק צו יאסקען, האט ער עם אין שטוב ניט געפונען. די טיר האט אים געעפנט זיין עלטערע שוועסטער סאניע, א באהנט מיידל פון א יאר אכצן. מיט אירע שווארצע ארומלויפעדיקע, זשוקעדיקע אויגלאך האט זי שמייכלענדיק אים באקוקט פון קאפ ביז די פיס און האט אויף זיין פראגע וועגן ברודער, האלב קאקעטיש געענטפערט:

— איר דארפט יוסל'ן, גייט ארויף, זייט אזוי גוט, אויבן — דארט וועט איר אים טרעפן, — און איז גלייך אוועק אין די צימערן.

שלמה איז געבליבן שטיין אין פאדערצימער און ניט געוואוסט וואס צו טאן. זיינע בלייכע באקן האבן זיך גלייך אנגעצונדן. שוין באלד א יאר צייט, ווי אים איז ניט אויסגעקומען צו זיין אין דער געזעלשאפט פון גרויסשטעטישע מיידלאך און באזונדערס ריידן מיט א גימנאזיסטין, אזוינע ווי באקסט'ס שוועסטער. ער האט געפרובט אין געדאנק זיך פונאנדער־קלייבן אין אירע ווערטער, נאר ער האט גלייך דערפילט זיין אומבא־האלפנקייט. ער האט אנגעהויבן אומשפאנען איבערן פאדער־צימער הין און צוריק, וועלנדיק זיך דערמאנען, וואו האט זי עס געמיינט דעם אויבן? און אפשר — ניט ער א קלער — מיינט זי עס גאר דעם בוידעם פון זייער שפייכלער? ער האט א הוסט געטאן. זי איז ווידער אריין, און דא האט ער באמע־קט, אז סאניע, זיין חבר'ס שוועסטער, איז זייער א שיין מיידל, עפעס איז זי גאר אנדערש פון די אלע מיידלאך וועלכע ער האט געזען אין טראב, און פון וועלכע ער פלעגט אמאל אויך טרוימען. זי איז געווען אנגעטאן אין א ברוינער גימנאזיסטן־פארמע, וועלכע האט צוגעגעבן איר גאנצן וועזן יוגנט און מיידלישער רייץ. ער איז געשטאנען, און האט איר געוואלט וואס א פרעג טאן, נאר א מאדנע זאך, דער צונג האט זיך ניט גערירט. עפעס האט ער ארויסגעשטאמעלט א פאר אומפארשטענד־ליכע פראזן און איז נאך רויטער געווארן ווי פריער. סאניע, באמערקנדיק זיין פארלעגנהייט, האט אים פארכאפט און זיך אפגערופן:

— איר זייט, דאכט זיך, אויב איך האב קיין טעות ניט, פעלדמאן. מיין ברודערס אנ'אלטער חבר? יא?

— יא, האט ער פארשעמט ארויסגעשטאמעלט. איך בין די טעג געקומען צופארן און מיר וואלט זיך זייער וועלן זען דעם ברודער.

— אויב אזוי? — האט זי שמייכלנדיק און מעשה סוד שטיל צו אים זיך אפגערופן — איר ווייסט וואו אונזער שפייכלער איז, דארט אויפן בוידעם דרוקט ער איצט זיין צייטונג, דארט וועט איר אים טרעפן. —

בא שלמהן האט דאס פנים אויפגעשטראלט. פאר אים איז עס געווען א נייעס. יאסקע באקסט, זיין חבר, גיט ארויס א צייטונג, און דארט דרוקט ער געוויס זיינע שירים, וואס ער פלעגט נאך פאראיארן אים פאר־לייענען. אין קאפ בליצט אים אוף א געדאנק, העברייאיש קען ער גוט,

ער וועט אנשרייבן זיין לעבן אין טראב. ער וועט אויך איינפלעכטן די געשיכטע מיטן שמש'ס טאכטער, וועלכע פלעגט קומען צום פעטער אלע אוונט און אים פונאנדערפרעגן וועגן טויזנטער נארישקייטן און בעת מעשה קוקן אויף אים מיט אירע שווארץ-פארחלומטע אויגן. וועלכע האבן זיך געבעטן: פארשטיי מיך, שלמה, ווייס צוליב וואס, און צוליב וועמען איך קום יעדן אוונט, צוליב דיר! צוליב דיר!

ער איז אזוי געבליבן שטיין אין א פארגליווערטער פארטראכטער פאזע. סאניע, זיין חבר'ס שוועסטער, האט אים נאכאמאל אפגעקוקט און א טראכט געטאן: ס'ארא מאדנער פראווינציעלער בחור דאס איז געווארן. עפעס די הענט זיינע הייגען אים ווי סטראשידלעס, די אויגן קוקן עפעס פארטראכט אין באלקען. זי האט אים איבערגעלאזן קלערנדיק און איז ארויין צו זיך אין דערבייאיקן צימער.

זיין בליק האט זיך אפגעשעלט אויפן פענסטער, דורך וועלכן ער האט דערזען די הויכע גרינע „בעסעדקע" וואס לעבן פארקאן מיט די זיבן טרעפ, וואו פאראיארן פלעגן זיי זיך אלע צונויפקלייבן און פון דארט קוקן אויפן אייזגאנג און א חשק האט אים באנומען ארויסגיין דארט איצט איינער אליין און קוקן אויף זיינע אלטע גוטע פריינד, אויפן ניעמאן, אויפן וואלד, אויפן ברעג מיט די דאמפערס, אויף אלץ דעם נאך וועלכן ער האט אזוי אין טראב געבענקט און צוליב וואס עס האט אים געצויגן א היים...

ער האט זיך ארומגעקוקט און זיין בליק האט געזוכט סאניען איר זאגן א „גוטן טאג". עס פאסט דאך ניט ארויסגיין און לאזן די שטוב א פוסטע, איז ער צו לעבן איר צימער. זי האט אים באמערקט און האט זיך אפגערופן —

— איז גייט איר צו יוסף'ן, זאגט אים ער זאל באלד אין שטוב קומען, דער פאטער דארף אים מיט א נויטיקער טעלעגראמע אויף פאסט שיקן.

— גוט.

ער איז ארויס און זיך גלייך א לאז געטאן צו דער בעסיעדקע. ער האט נאר פארגעסן, אז ער האט דער שוועסטער יוסף'ס צוגעזאגט אים שיקן. ארויפגייענדיק אויבן און זיך אנשפארענדיק מיט דער מאגער ברוסטל זיינס אן פארקאן, די קאפ ארויסגעשטעקט צום ניעמאן צו, האט ער ברייט איינגעאטעמט דאס פרישע וואסער-לופט וואס האט זיך צו-שפרייט איבערן נאנצן בורבעלאק[1]. ער האט זיך אריבערגעבויגן און פאר זיינע אויגן האט זיך אויפגעעפנט די פאנאראמע פון ליטעס פרילינג.

א אויסגעלויטערטער בלויער הימל. דער ניעמאן איז קלאר, אויסגע-ריינינט און אויסגעצוואגן פון די ווינטער-קריעס, גייט זיך דער פראם און

[1]) נאמען פון בולוואר וואס ביים ניעמאן.

דערנענטערט זיך צום ברעג און מענשן אלט און יונג, פערד און בהמה האבן אנגעהויבן אלע זיך שפארן צום ארויסגאנג. די דיקע געפלאכטענע שטריק, וואס האלט אוף און פירט דעם פראם, האט זיך אין רווישנדיקן וואסער געפליושקעט. דער אלעקסאטער וואלד, האט זיך שוין וואו ניט וואו מיט גרינס באצויגן, דאס וואסער איז געווען שטראמיק און גרויס. נאר קיין קריעס האבן זיך שוין ניט געזען. ביים ברעג, ניט ווייט פון פריסטאן זיינען שוין געקומען די באטן פון מעמל, און א הויכער שמאלער דייטש אין זיין צוראטענער קורטקע און היטל האט געשפאצירט און גערויכערט זיין ציגאר, באטראכטנדיק זיין פולן אנגעלאדענעם באט מיט תבואה, וואס דארף היינט פארנאכט אפגיין קיין מעמעל, און א צופרידענער שמייכל האט זיך אויסגעגאסן אויפן דייטש'ס געזיכט. שלמה האט זיך פארקלערט פאר זיינע אויגן האבן געשווינדעלט די בילדער פון זיין ארימן טראבישן לעבן, געשלאפן ביים פעטער אויפן הארטן שלאף-באנק, געגעסן דעם ארימן ווארימעס, געלערנט פויל אין איינגעפאלענעם קלייזל, און דא איז אזא ברייטע פרייע וועלט, גרויס דער טייך, בלוי דער הימל, גרין דער וואלד, גרין... גרין...

ער האט זיך אויסגעטשוכעט פון זיין פארחלומטקייט און האט זיך דערמאנט, אז אייגנטליך האט ער נאך היינט קיין פרישטיק ניט געגעסן און מען וועט זיך אין שטוב סתם באאומרואיקן פון זיין פלוצלינגן ניט ווערן, האט ער מיט א פארהילטער בענקשאפט און אומעט פארלאזן די בעסיעדקע און אנשטאט צו גיין צום חבר האט ער זיך גענומען לינקס פארביי דעם שטאטישן קראנקענהויז, און איז צוגעקומען צום טויער פון זייער הויז.

ער איז געבליבן שטיין און איז דאך פארט ניט אריין אין שטוב. ביים טויער פון זייער הויז האט ער זיך אנגעשפארט אן דעם שטיין פון וועלכן ער פלעגט נאך אלס קינד זיצן און קוקן אויף דער פאנקע פון ראטהויז. ער קוקט און באטראכט: דער ראטהויז איז איבערגעפארבן אויף ווייס, פאראיארן איז ער געווען אנ'אפגעריבענער זאמד-פארב: די שטאנ-קעטקעס פון פלאץ זיינען אויף גרין איבערגעפארבן, און דערמאנט האט ער זיך איינע פון זיינע אמאליקע קינדישע פאנטאזיעס, נעמען און צונויפ-שטעלן פון דינע ברעטעלאך דעם ראטהויז מיט אלע זיינע קלייניגקייטן. ער באטראכט די קאנקע, דיזעלבע וואס פאראיארן, די שקאפעס אויך די-זעלבע, די לופט ניט קוקנדיק וואס אין א וואך ארום דארף שוין זיין פסח איז נאך געווען פרילינגדיק קאלט, די פארבייגייער זיינען נאך אנדערע גענאנגען אין ווינטערדיקע פעלצן און קאראקולענע היטלען, קיין דאמפערס אויפן ניעמאן גייען נאך ניט, גיט ער א קלער, די איינציקע וועלכע האבן פון זיך דעם ווינטער אראפגעווארפן איז דער טייך און די ביימער, אפילו די יונגינקע ביימלאך אויפן פלאץ וואו מען שפילט זיך אין „צור-צערא"[2]

[2]) אזא שפיל.

האבן שוין מיט גרינקייט זיך געפרובט באקליידן, און געדוכט האט זיך אים, אז זייערע גרינגע קוים מערקבארע קעפעלאך ווינקען עס צו אים דעם מענש, וועלכער גייט נאך אין זיין אפגעטראגענעם ווינטערדיגן מאנטעלע און ווינטערדיגע באראנקענע היטל און זאגן אזוי: זע, בא אונז איז שוין פרילינג, די זון איבער אונז לייכט און ווארעמט. באנאכט קומען צו אונז די פויגעלאך פון זייערע ווינטער-וואנדערניש און פול מיט זומער-חלומות טשיפטשען זיי. אונז זייערע פרילינגס-גרוסן, און נאר דו, דער מענש, ביזט נאך ווינטערדיק, האסט קיין מוט ניט אראפצעווארפן פון זיך אלץ דאס אלטע און קאלטע, אלץ — דאס פוילע און פארשימלטע, אלץ דאס, וואס עס שמעקט מיט ווינטער און אונטערגאנג.

ער האט זיך פארטראכט, דער זייגער האט דריי אויסגעשלאגן און ער איז אריין אין שטוב.

איגנאס שייניוס — דער חלף פון טויט

אין לויטערן, ווארעמן פרילינג, ווען אף די בונטע לאנקעס זומשען די בינען, קלייבנדיק האניק, ווען אין די גרינע, רוישנדיקע וועלדער טרילערט אומאויפהערליך זיינע לידער דער קאנאריק, ווען די גרויע לערכע, פליהענדיק איבער די וואלקנס, צווישערט און מען קען איר קוים דערזען, ווען פון בלויעם הימל שמייכלט די העלע זון, ווען אומעטום לעבט אלץ אויף שפראצט, און פרייט זיך מיטן לעבן, ווען אומעטום איז נאר לוסטיק, — דאן לויערט אוןווארט אף יעדער לעבעדיק באשעפעניש דער שרעקליכער, אומברחמנותדיק, הארטער ווי א שטיין און קאלטער ווי אייז

חלף פון טויט.

עס גייט, אנגעשפארט אף א שטעקן, א איינגעהויקערטער גרייז-גרויער אלטינקער; אים באגלייט זיין לעבנס-פריינדין, די פריינדין פון איבערגעלעבטן גליק און אויסגעליטענע צרות. זי ציטערט, ווי אין הארבסט די בלעטער פון א אפישע, און מורמלט, אננעמענדיק איר אלטינקן פאר די אויסגעטריקנטע, צוקנייטשטע האנט: „זע נאר, יאזאסל, וואס פאר א וועטער, ווי ווארעם חיינט איז, אומעטום איז נאר גרין, און די פויגעלאך צווּיטשערן אזוי הילכיק... אז מיר וואלטן דאס לייגנער אזוי לעבן". — „עט, ווייבעלע מיינע! — האט ארויסגערעט מיט א דומפע שטימע יאזאס, אויפהויבנדיק זיינע טונקל געווארענע אויגן צום בלויען הימל. — אז אונז וואלט לכל הפחות אין א יאר דריי, פיר, פינף ארום אונטערהאקן די פיס

דער חלף פון טויט.

א קרעפטיקער, שטארקער, פון זון אפגעברענטער פויער, גייט ארום מיט זיין ארבעטערין — זיין ווייבעלע, מיט א הייפל קליינע רויטבעקיגע קינדערלאך איבער די תבואה-פעלדער. — „זע, פאטערל, — זאגט יאניוקאס

און, אויסשטרעקנדיק זיין קליינע הענטעלע ווייזט ער אן אף די שטייענ-
דיקע, ווי א וואנט, קארן, — דאס וועט זיין א סך, א סך ברויט!" — „און
ווי שיין זיינען די קארנבלימלאך — האט זיך דערפרייט קאטריטע — איך
וועל לויפן אנרייסן אביסל! — „לויף, טאכטערל, לויף" — האט דערלויבט
די מוטער און די קליינע, ווי א פישעלע, מיידעלע האט זיך פארבארגן
און אריינגעטוּוּכט אין די קארן. „אוי, וויי! די ארבעסלאך בליען" — האט
אנגעהויבן פאטשן מיט די הענטעלאך דער קלענסטער פון אלע, אנטאניו-
קאס, — „אט וועלן זיי עס זיין געשמאקע!" — „אלצדינג וועט זיין לרוב"
— זאגט דער פאטער, — אלץ וועלן מיר האבן, זאל נאר אונז ניט טשעפען

ד ע ר ח ל ף, פ ו ן ט ו י ט.

א ליבע מאי-נאכט. דער הימל איז אינגאנצן אויסגעשטערנט. דער
בלאסליכער שיין פון דער לבנה וועבט געהיימניספולע שאטנס. אין גערטל
פון די רוטעס, אונטערן אלטן קליאן, זיצן אומארעמט, צוגעטוליעט איינער
צום אנדערן, צונויפגעדריקט די הענט, צוויי פארליבטע. — „ווי שיין איז
דאס לעבן און ווי גרויס איז דאס גליק", — זאגט דער בחור, דריקנדיק צו
זיין יונגע, הייסע ברוסט דאס מיידל — די ליליע, — „אז אונזער ביידנס
לעבן וואלט געווען אזא לאנגער, אז קיינער וואלט אים ניט געקענט צו-
נויפרעכענען, און אז אונזער גאנצן לעבן וואלטן מיר איינער דעם צווייטן
געליבט און געליבט, אט אזוי ווי איצט, אן א סוף און אן א ברעג". —
„געליבטער, טייערסטער דו מיינער" — בארוהיקט אים דאס מיידל, זיך די
גאנצע צוטוליענדיק צו אים — „אונזער ליבע וועט קיין ענדע ניט האבן
און קיין מאל וועט אונז ניט דערגרייכן דער קאלטער

ח ל ף פ ו ן ט ו י ט!"

עס וויגט זיך און שאקלט זיך א וויגעלע, אין איר ליגט א קליינ-
טשינקער קינד. — „חיין ניט, קליינינקער, שלאף פויגעלע מיינס", — בעט
די מוטער, — „וועסט אויסוואקסן א גרויסינקער, וועסט זיין א שיינינקער,
א קרעפטיקער און שטארק אין גייסט: וועסט לערנען, ארבעטן, דינען דעם
פאטערלאנד, וועסט איר טאן פיל גוטס. די מענשן וועלן דיר ליב האבן,
דו וועסט זיין א טרייסט דיינע עלטערן. שלאף, שלאף איין, טייבעלע,
שלאף, פייגעלע!" דער קליינינקער האט געפאלגט דער מאמען און איז
איינגעשלאפן און ס'חלומען זיך אים ווייספליגלדיקע מלאכימלאך. ער
שמייכלט אין שלאף פון זייערע הייליקע לידער. ער ווייס נאך ניט און
קיינער האט נאך אים ניט געזאגט, אז עס איז פאראן א שרעקליכער,
אומברחמנותדיקער

ח ל ף פ ו ן ט ו י ט.

ס'האט ניט געלאזן די אלטיטשקע זיך אנפרייען מיטן שיינעם, ווא-
רעמען פרילינג, דער אלטינקער האט זיך ניט אויסגעבעטן אפילו קיין יאר

און איז אוועק אין קאלטן, גרויזאמן קבר. ס'האט ניט געלאזן דעם פויער זיך אנפרייען, דערוואַרטנדיק א פרוכטבארן יאר: זיין געליבטע ווייבעלע האט די ערד פארשאטן די אויגן. ס'האט ניט געלאזן לאנג ברענען, לייכטן דער יונגער, הייסער ליבע, וועלכע האט צוגעזאגט אייביקע גליק: דעם יונגן, קרעפטיקן, שיינעם ווי א יורגין, בחור — האט מען אריינגעלייגט אין פינסטערן קבר. ס'האט ניט געלאזן דער ארעמער מוטער זיך אנפרייען, זיך אנקוועלן מיט איר איינגעלע, וועלכן זי האט באשטימט צו אקערן די פעלדער פון פאטערלאנד: דעם יונגן זונעלע, דעם ווייסן, שיינעם בלימעלע, האט אפגעשניטן

דער הלף פון טויט.

צי דער פרילינג קומט אן, צי עס היצט דער זומער, צי עס דרייען פייפן, די הארבסט-ווינטן, צי עס ברענט דער ווינטער-פראסט, צי עס לאכט ליבליך די זון פון קלארן הימל, צי שווארצע וואלקנס באדעקן די ערד, בליצן רונצלען די לופט און שטארקע דונערן קנאלן; צי עס זאל זיין א פרי-מארגן, דער גאלדענער מארגנשטערן זאל לויכטן און די העלע זון זאל זיך אויפהייבן פון יענער זייט וואלד, צי עס זאל זיין א ליכטיגער טאג, די מענשן זאלן ארבעטן אין די פעלדער, די פיטערער זאלן מיט פייפלעך פייפן, צי עס זאל זיין א צארטער, שטילער און נעבלדיקער אוונט, וועןן די באבאלעך זימזשען, צי עס זאל זיין א טונקל-שווארצע, ווי דער אפגרונט, נאכט מיט איר באצויבערנדער, סודותדיגער שטילקייט, — אומעטום און שטענדיק כאפט און קוילעט אלץ וואס לעבט, דער הארטער, ווי שטיין און קאלטער, ווי אייז

הלף פון טויט.

פון ליטוויש —. א. שולמאן.

* * *

כ׳האב מיט זון זיך היינט פארמאסטן
גלייך ווי זי געברענט מיט פלאמען.
זע, מיין ליבסטע, זע איך בעט דיך
היינט מיין ליבע ניט פארזאמען.

זע מיין מיין הארץ ווי שטיל עס צאפלט
זע מיין לײדנשאפט ווי ס׳גליט
ליבסטע, זע ס׳פעלד ווי ס׳איז אפן
און די ווייטקייט ווי זי ציט.

העי, העי, הערעלדן ווינטן
זאגט דער וועלט א נייעם אן —
כ׳האב ביים טרעפן מיין געליבטע
זיך פארמאסטן מיט רער זון.

* * *

כ׳וועל מיין חייזל אונטערצינדן
און די טיר פארשליסן
כ׳וועל מיט פייער זיך באהעפטן
און אים הייס באגריסן

פייער, פייער רויטער פלאם
קום און לאמיר טאנצן
כ׳וועל פון פלאמען א געשאנק
בינדן פאר דיר קראנצן

פייער, פייער דו ביסט שטארק
שטארקער איז מיין ליבע —
שיינק איך פייער דיר מיין הארץ
און פלאקער העלער, פלאקער!

אמעריקע.

א. לוצקי / אונזערע אידישע טעכטער.

א מתנה אונזערע אידישע טעכטער.

אונזערע אידישע טעכטער —
א לעבן אויף זיי.
זע נאר די ליכטיקע אויגן:
א חיות צו קוקן אין זיי.

הער נאר די הארציגע ווערטער —
א חיות צו רעדן מיט זיי.
אונזערע אידישע טעכטער —
א לעבן אויף זיי.

זיי קענען זיין פון מרחקים —
פון לענדער און שטעט אלערליי;
דאך זיינען זיי דיר אזוי נאענט —
כאטש נעם און צו זיין זיך פאר זיי.

אונזערע אידישע טעכטער,
א לעבן אויף זיי.

רוסלאנד — אוקראינע.

ש. ראסין / פון בוך „מויערקעפלאך"

* * *

און וויל איך איצט די אלטע וועלט צושטערן,
און בויען וועלטן פונדאסניי:
כ'וויל אליין דאס גליק געניסן,
פון גארנישט וויסן,
און ברויט צום ערשטן מאל אנטדעקן,
און פייער...
כ'וויל אויסטרעטן אליין די וועגן
צו נייע נים געבויטע שטעט,
און אפקומען אליין די שרעקן,
ווי דער ערשטער מענש פאר רו און שד...
און וויל איך זיך ווי ערשטער מענש דערפרייען,
ווען ער האט ליכט צום ערשטן מאל דערזען;
איך וויל, ווי ער, צו האלץ און שטיינער דינען,
און בוקן זיך צו זון
און פרייען זיך דערפון.
וואס ס'איז מיין קרבן אנגענומען
און איין אליין מיין גאט געפינען...

יעקאטערינאסלאוו.

פון דער עֶטאזשערקע

מ. קולבאק — שירים. פארלאג פון דעם פאראיין פון די יידישע ליטעראטן און זשורנאליסטן אין ווילנע. ווילנע תר״פ. 86 זייטן.

מלך כמיעלניצקי — אויף א שטילער סטעזשקע. דער קוואל־פארלאג — — — ווין 1921, 74 זייטן. — — —

און ביסלעכוויז הויבט אויך ליטע אן זיך באפרייען פון איר ביזאיצטיגן גרויען אומעטיגן פנים, פון איר פאלקסטימליכקייט און בין־השמשות־דיגקייט, און מיט שנעלע טריט הויבט זי אן דעריאגן, כאטש צו גרויס איז נאך דערוויל דער „קפיצת הדרך“ ביז דער שווארצערדיקער אוקראינע, און אאוויטמעניש־סטעפיש און טענעמענטיק—שטאליק, יונגע אמעריקאנער — דער ערשטער באפרייטער דיכטער איז קולבאק —

ער זינגט: (אין ציקל „שכורע פאטאגן“ זייט 25—27)

„וועלט!
אין טויזנט פנימער פארשטעלט,
איך גיי צו דיר אויף טויזנט וועגן —
וואוהין? — איך ווייס ניט וואו...
איך וויל אינגאנצן דיר פאר מיינעטוועגן
איך בין דו!“

דא און אין די ווייטערדיקע שורות זעהען מיר שוין דעם נייעם דיכטער וועלכער פאסט אויף די וועלט אלעס עפעס גאנצעס, שטורמישעס, ווילדעס, און אויך די פערזאן, דער דיכטערישער „איך“ איז א באפרייטער — (זע ווייטער)

„איך גיי א שיכורער דיין גוטס אנטקעגן,
פון אלץ זיך אויסגעטאן
און הפקר׳דיק מיט זיך
צושטראלט, צוהילט“.

און אזוי ווייטער.

קולבאק איז נאך יונג, ער איז נאך ניט אינגאנצן פריי פון פרעמדע ווירקונגען, אזוי איז דאס לידל „דאס לצל“ (זייט 42) זייער שטארק אונטער דער ווירקונג פון אידיש־אמעריקאנישן דיכטער מ. ל. היילפערן מיט זיין בקאנט. ליד „דער גאסן־פויקער“. עס טערקט זיך אויך א שטארקע ווירקונג פון בעלגישן גיגאנט ווערכארן, נאר דאס איז אייגנטליך דאס אומפארמיידליכע ביי אלע יונגע. די פראגע איז נאר ווי גיך זיי הויבן זיך אן באפרייען פון די פרעמדע ווירקונגען און גייען איבער שעפן פון אייגענעם קוואל, פון אייגענעם ברוניקן „איך“.

אין ציקל „אונטער דעם פארוויכערטן הימל“ וואו עס הילכט אפ שטארק דער קלאנג פון אונזער שטורמישער, ברויזנדער צייט. דארט דערגרייכט ער די געזונטע שטארקייט פון דער פרייער מוסקוליסטער ארבעט. זיין ליד דערמאנט דא זייער שטארק און אפט די יונג־רוסישע פאעזיע פון גאר דער לעצטער צייט און באזונדערס אן גאסטעוון...

פון יעדע שורה שפרודלט ארויס ווי א געעפנטער שפונט פון א פאס דער נייער מענש, דער מענש פון אונזער עפאכע, וועלכער שטעלט גיגאנטישע טריט, וועלכער ברעכט און צושטערט און אין דערזעלבער צייט שאפט ער און שאפט, שמידט און שמידט. ער קוקט זיך ניט אום אויף הינטן, ער האלט שטאלץ זיין קאפ און גייט פאראויס צו די הויכע הויכענישן פון באגינקן מארגן,

און דעריבער איז ניט אומזיסט דער רויטער לייכטענדער, באפרייענדער פרישער לייט־מאטיוו אין דער זאפטיק־נייער פאעמע זיינער „שטאט“:

„עי, לאמיר גיין! לאמיר גיין
לאמיר דא איבערלאזן די שוואכע“...

פאר אונזער צייט איז ניטא קיין ארט פאר שוואכע, בלוטאריטע און קליינע וואקלדיגע נשמות...

אין ליד „קולטור“ פלעכט זיך דורך דער מענשליכער איך אין זיין שאפן, ער פירט אייך אריין אין טונעלן „באוועגליכע קינדער פון בארג מינים, ארץ און גראניט“.

און ער ענדיגט:

כ׳בין דער מענטש, כ׳בין דער קעניג פון לענדער, פון שטעט און פינף אקעאנען:

„איך בין דאס מעטאלענע ליד
וואס עס זינגען די באנען
בגינאכט צווישן וועלדער און טאלן“....

אזוינער איז קולבאק; אין זיינע ערשטע טריט, און אין זיין שאפן איז ער פאר אונזער ליטווישער פּאָעזיע דער פיאנער, דער אנזאגער פון דער נייער פלעיאדע דיכטער וועלכע וועלן קומען און קומען שוין מיט דעם נייעם צאפלווארט אויף די ליפן און זיינען באלויכטן אזוי ווי ער מיט די אויפמונטערנדע שטראלן פון רוימן באגינען.

אין א גאנץ אנדער וועלט פירט אייך ארײַן מלך כמיעלניצקי, עפעס זעט ער די וועלט מיט אנדערע אויגן, אים ארט ניט, ער טוט זיך אוים פון דער וועלט וואו עס שטורעמט, ברויזט, קומען פאר רעוואלוציעס, אויפשטאנדן, דער העראאישער גראנגל פון צוויי וועלטן, אלטע — און נייע. וואס גייט עס אים אן? זאל ברענען פלאקערן, שטורמען, ער האט זיך זיין אייגן ווינקל, זיין וועלט איז אויך גרויס און ברייט און פריי און טיף, נאר — אין איר שטילקייט, ער איז מאדנע פארליבט אין די שטילקייט, דאס איז ניט די בלייכע שטילקייט פון א דוד אייכהארן, וועלכער פארוויגט, ניין. זיין שטילקייט איז א וואלדישע, ארום הערט זיך דאס בלעטער שארכן, און צווישן געדיכטע הויכע דעמבעס און סאסנעס געפינט ער זיין שטילע סטעזשקע, און קומט ער דארט צוגיין, זעט ער:

„דער דרימלענדיגער סאסנע וואלד
האט פלוצלונג זיך געעפנט ברייט;
באהאלטן ווי א גייסט פון טאל
האט שטיל א דערפל זיך צושפרייט”

און ווייטער —

א רוף פלאמט אויף און ווערט פארלאשן
און שטילער ווערט נאך איצט ווי פריהער
א גוטע מידקייט גיסט זיך אוים
אין וואלד, אין גראז, אין בלוט ביי מיר.

דאס ציטירטע ליד איז זייער כאראקטעריסטיש פאר זיין שאפן, די שטילקייט נעמט אים דורך, זי גיסט זיך ארײַן ביי אים אין די בלוטן און דארום געפינען ביי אים דעם העכסטן אויסדרוק שטענדיק דאס לירישע צאפלען פון בייגקענדע און פילנדע נשמות, נישט שטורמישע, און נעמט ער זיך מיט זיין פענזל מאלן (און ער איז אין זיין שאפונג מער מאלער ווי ליריקער) דאן זעט ער זיין פייזאזש אויך אזוינעם ווי ער

„פעלדער ווייט, פעלדער ברייטע
און א זילבערנע נאכט

עפעס האט זיך די וועלט און דער
הימל פארטראכט.
פרייליך קלינגען די גלעקלאך
א לאנגן געזאנג,
און א ליד און א לאך פון א קינד
קלינגט אין קלאנג”

און גייט ער ווען ארויס פון זיינע שטילקייטפאלאצן און קומט ער אין שטאט, דאן ווערט ער בייז, אויפגערעגט, פארוואס איז דארט אזוי טומלדיק, אזוי זינדיק — און ער רופט אויס: (ליד „די שטאט” זייט 22)

מיט ווילדן דארשט האסטו מיין
קראפט געזויגן
און שטיקער הארץ געווארפן
דעם מזבח —
דערשלאגן שטום, ווי א געיאגטער
שטיי איך
און קוק אויף דיר מיט קראנקע,
מידע אויגן.

און, ער קען גאר אנדערש ניט קוקן. ווי קומט דער געזונטער מענש פון וואלד, פון זונען און פארנאכטן, פון בלעטער-שארך, אין גראזן-צאפל זיך איינלעבן מיט די שטאט, די אפשטארבנדע, די הונגעריקע מיט די אויסגעלאשענע געזיכטער וועלכע. ער טרעפט אויף אלע ראגן, אין אלע סקווערן, גאסן און געסלאך און ער זאגט ווייטער:

„ניט אליין א, שטאט, האסטו
געקענט פארשימלען
ניט אליין א, שטאט האסטו
געקענט פארסם'ען” —

פאר אים איז די שטאט דער סם, די וועגן
אירע
„זינדיקע און שמאלע”
„אירע טעמפלען אן א גאט”.

און ער אנטלויפט פון איר, פון דער שטאט וואס שטארבט:

„אין גסיסה ליגט שוין לאנג
די שטאט מיין אלטער פריינד
און אטעמט מיד און קראנק און פילט
דעם טויט שוין היינט;
זי גוססט שטילערהייט, זי עקט זיך
גאס נאך גאס
און ניט סע'לאכט מיין פרייד, און ניט
סע'קוואלט מיין האס.

ער איז גלייכגילטיג, דאס שטארבט דאך ניט זיינע א געליבטע, א פרעמדע איז זי אים, און ער שטייט ווי א בעאבאכטער און קוקט צו און

צייכנט מיט זיין פינזל דאס בילד פון איר טויט... אט אין דעם שטילן גוססן שטארבן ווייזט זיך ארויס ווי אין שטילן פארליבט זיין און שטילקייט זיין קראפט.

און דארום זיינען די „אינוואלידן בלינדע" (זייט 28) וועלכע שטייען שוין אויך אפן שטאפל פון טויט, פון אונטערגאנג, אזוי בולט, אזוי רעליעף, דו פילסט זייער גסיסה-צער און עס רופט דיר ארויס ניט קיין ערביטערונג, נאר א רחמנות, ווייל מלך כמיעלניצקי קען ניט ארויסרופן קיין פראטעסטן, קיין שטורם. ער קען נאר באדויערן, באוויינען, אבער דאס באוויינען ווערט בא אים אין א צארטן שלייער פארהילט, ער איז דאך דאס קינד פון שטילקייט, א ברודער פון וואלד און בוימער-שארך, און אלס אזוינער איז ער שטענדיק זיך טריי.

טריי זיין שטילע סטעזשקע אויף וועלכע ער שפאצירט און פארשאפט דאך פארגעניגן פאר אונז, די מענשן פון דער שטורמישער עפאכע.

ז. פייגין.

די פעדער.

ליטעראַרישע מאנאט־שריפטן, ערשינען אין ניו־יארק 1919—20.

12 נומערן „פעדער" האבן זיך צו אונז אריבערגעקייקלט.. איר לייענט זיי דורך און האט א בשלמותדיגן גרוס, נאר גאר א נייעם, פרייע פרילינגס-ווינטן גיבן אף אייך א ווי פון דאלער־לאנד. איר זעט באשיינפערליך, או הינטער די „פעדער" גרופירן זיך מענשן מיט יונגע ברוזנדע הערצער, וואס פאדערן, מאנען, האבן וואס צום זאגן, ברעכן די שטעכיגע צוימען, ווילן פארטרייבן די חניפה וואס האט דעם „מורח" פארנומען אין דער אידישער ליטעראטור.

די „פעדער" שרייבער לאכן אויס ביטער פון דער טומאה, וואס איז אין היילינקייט פארהזאנדלט געווארן, ווייזן אויף די קלייניקייט פון אונזערע קינסטלער, (נח שטיינבערג אין „דער ליטעראַרישער קאפּעבּיכל א) ער לאכט ניט ביליג, ווי מען איז געוואוינט ביי אונז, נאר אויפריכטיג, ווי א נביא, וואס זעט דעם תהום, און שרייט „עד כאן", און ברעכט די אפגעטער איינער נאכן אנדערן. עס איז אבער ניט מער ווי אפן פאפיר, די אפגעטער, שוין אלטע תושבים אין דער ארימער אידישער ליטעראטור, ראנגלען זיך, ווילן ניט אוועק, די גאס שטיצט זיי, ביי אונז אידן „חזקה" איז א דין. די „פעדער" מענשן שווייגן ניט, אין די לעצטע נומערן נעמט שוין אן דער געראנגל א כאראקטער אף טויט און אף לעבן, צווישן יונג און אלט. אין ביימנדע ארטיקלען ווערט די „אלטע" געטער געזאגט שארפע מוסר:

ב. ריווקין אין א ארטיקל „ווי צו קריטיקירן די יונגע" לאכט ביטער אויס פון די „פראפעסיאנעלע קריטיקער" מיט זייער אן אפעליאציע משפט: — „גוט" — „שלעכט", אליין ניט פארשטייענדיג: — פארוואס. בוקשטיין הירמעט אגרויסן ארטיקל די „סריסים־קריטיקער", וואס ליגן ווי אמכה אויף דער אידישער ליטעראטור, און לאזן זיך ניט איר ענטוויקלען, אט די סריסים פונקט ווי די יעווגוכן וואס לאזן אויס דעם כעס צו די פרויען, לאזן זיי אויס זייער אימפאטענץ־בייזקייט צו די יונגע ליטעראטור בלומען...

די ארטיקלען האבן אנגעמאכט ארושם, מ'האט גענומען זיך אפרופן נאך שטארקער פון יענעם צד; ה' נח שטיינבערג ענטפערט זיי אין אשארף בייכנדן ארטיקל אין לעצטן נומער „די עטיק פון אונזערע שרייבער" ער רעט צו זיי ער זאגט זיי, אז עס איז פשוט א אומזין, ניט מיר זיינען שולדיג, דאס איז די צייט. דער סדר־היום איז אזוי, אלט מוז מען ווערן, מיר גייען אויך ניט אף אייביק ארויף, מיר וועלן אויך זיין אמאל פארקערט. מיט גוטמוטיקייט זייט מקבל אייער גורל, און זעצט אונז אליין ארויף אייערע שטולן... מיט אלטע קען מען נאר רחמנות האבן...

דאס וואס ס'איז געזאגט אין די ביכלעך, איז שוין ביי די אומות — העולם לאנג געזאגט געווארן, און שוין פארווירקליכט געווארן. ביי אונז וואס מיר זיינען אין אלץ אפגעשטאנען, איז עס ניי, און דארף באגריסט ווערן, ווען דאס איבעריגעס פון די ביכלאך — א צווייטן מאל...

פ. מ.

ביכער אנגעקומענע אין רעדאקציע:

שריפטן: פריהינג 1919-1920 פארלאג „אמעריקע". ניו־יארק

דוד איגנאטאוו: מעשיות פון אלטן פראג. דערזעלבער פארלאג

נח שטיינבערג — פון אליבע. פארלאג „לעבן" ניו־יארק.

ב. י. ביאלאסטאצקי: ביים ברייטן וועג. לידער.

די פעדער — מאנאטסהעפטן 1919-1920 № 1-12

אפן שוועל -- זאמלהעפט פארלאג „אר־בעטער־היים" ריגע.

קריטיק — אחודשניק אונטער דער רע־דאקציע פון משה זילבורג. העפטן א—ט 1921 ווין קוואל־פארלאג. אפטיילונג „קריטיק"

ש. גארעליק — אידישע קעפ פארלאג „וואסטאק" (?) דרעזדען.

מלך כמעלניצקי אויף א שטילער סטעז־שקע. קוואל־פארלאג. ווין.

יוסף לעווין. פרומע געזאנגן. דערזעלבער פארלאג.

בער הארוויץ: פון מיין היים אין די בערג. געדיכטע. דערזעלבער פארלאג.

אויסגאבן פון פארלאג „אידיש" קאוונע־בערלין

פראזע

ז. סעגאלאוויטש — אסנה. דערציילונג. 58 זייטן.

ב. עפעלבוים — אין פריען הארבסט 58 זייטן

פאעזיע:

יונגע אידישע פאעזיע אין רוסלאנד. 48 זייטן.

ק. זינגמאן — ווען דאס הארץ איז יונג. 80 זייטן.

מארים הלייף — משלים (שול אויסגא־בע) 32 זייטן

דראמאטישע:

ס. וויקטים — צו שפעט־אײנאקטער

י. בערנסאן — פרילינג־טויט „

ק. זינגמאן — בא דער אזערע „

זאמלביכער:

קונסט־רינג. ערשטעס בוך (2־טע אויפ־לאגע).

קונסט־רינג. צווייטעס בוך (2־טע אויפ־לאגע).

צבי הירשקאַן. ‖ קונסט און קונסטגעברויכער.

1.

איצט, אינם היינטיקן טאָג איז די מעשה שוין כּמעט אַן איינגעשטעלטער
פֿאַקט, אַגב, פֿון אַלע צדדים אַרום, און אַרום אויפֿגענומען און אָנגענומען. עפּעס
ווי אַזאַ סאָרט זאַך, וואָס לאָזט זיך, אפֿשר, מחמת זיין באַשטימטקייט, גאָרניט
אפּפֿרעגן און אַפֿילו ניט באַהאַמפּערן, און אויך מיט דער בלוטיגער חתימה פֿון
אונזער צייט = כּראָניק טאַקע אַף דור דורות פֿאַרשטעמפּלט: דער רוסלענדערשער
קינסטלער האט ווי ער שטייט און גייט, אַף וואס פֿאַר אַ קונסט - געביט עס זאָל
ניט זיין און פֿון וואָס פֿאַר א שורש ער זאָל ניט אַרויסקומען סיי פֿון די
אַלע שבטים, וואָס האָבן אקארשט די אויגן פֿונאַנדער געעפֿנט און פּלוצלונג
עפּעס ווי פֿון דער העלער הויט, די ליכטיגע שיין פֿון דער גאָרער וועלט באַ=
מערקט און סיי פֿון די וויניקע אַלטגעזעסענע זקנים = פֿעלקער. וואָס האבן זיך
שוין פֿון קדמונים אָן אַזש צופֿיל אָנגעזען און פֿון אט דאָס פֿיל קוקעניש, לסוף
כּמעט די ראיה פֿאַרלאָרן, ציען זיך טאָג = טעגליך כּסדר עפּעס פּיליגרימען -שטיי=
גערדיק אַף פֿאַרשיידענע אופֿנים און באַזונדערע וועגן, מער פֿאָרזיכטיק=איינציק=
וויַז תשובה=אָנגערונצלט און מער אין גאַנצע שיירות און מחנות פֿאַרקניפּט און זינ=
גענדיק און טאַנצענדיק, אַלע אָבער אזוי התמדה'דיק און אָנגעשטריינגט און
וואס ווייטער טאַקי אַלץ דרינגענדיקער און האַסטיקער, צו דער שפּאגל - ניי גע=
שאַפֿענער אַרבעטס - און- אַרבעטער מלוכה, עפּעס ווי צו אַ געגאַרט אויסגעביינ=
קטן לעצטן פּונקט, אָט אַ שטייגער, ווי אייביקע און אויסגעוואָגלטע גע—ווּנד=
ניקעס אַף די צעדרוזגעטע עלטערע יאָרן שמאַכטן נאָך דער שקיעה-רוהיקייט פֿון
פֿאַרצייטיקן געבוירטס = אָרט און נאָכן, ווי באַזילבערטן און דורכזיכטיקן אפּ=
גלאַנץ פֿון די ווייט ווייטע און צו זיך טוליענדיקע יוגנט זכרונות.

דאָס אַלץ איז טאַקע אַ פֿאַקט, אפֿאַקט וואס מיר זעהען אים איצט באַשיינ=
פערלאַך: אָט דער רוסלענדישער קינסטלער איז דאָך שוין היינט, אַף אונזערע
אויגן, פֿאַרוואַנדלט געווארן כּמעט אין אַן אמת'ן בן=בית אינם סאַמע אינעווי=
ניק פֿון דער אַרבעטער-מלוכה לויט איר איצטיקן געשטאַלט. אף יעדן טראָט' סיי
יום=טוב און סיי אין די וואָכעדיקע טעג, וואו מען זאָל זיך ניט קערן און וואו
מען זאָל זיך ניט ווענדן איז עס דאָך צו באַמערקן און ממש בלינדעהייט אָנ=
צוטאַפּן. און אָט דער בעשיימפערליכער פֿאַקט, וואָס קיינער אַגב, לייקנט אים
שוין ניט אַפֿילו איז. ווערליק ווי מיר דאַכט זיך, לויט זיין עצם פֿאַרנעם און
גאַנצן תוך ניט גלאַט און סתם אַזוי זיך עפּעס אַ קאַפּריז-עפּיזאָד אינם טומלדיקן
הו-האַ לעבן פֿון דער עקסצענטרישער קינסטלערישער משפּחה. וואָס איז תמיד
גרייט עפּעס אַ שפּיצל אַרויסצוּוואַרפֿן, נאָר טאַקע אַ סאָלידע און אָנגעזעהנע
מוז געשעהניש, וואס האָט דאָס פֿולע רעכט צו פֿאַרנעמען אַגאַנץ חשובן פּלאַץ
צווישן יענע וואָגיקע און לויט זייער ערנסטקייט. אומפֿאַרמיידלאַכע געשעהנישן

מיט וועלכע רוסלאַנד האָט בכלל אַזוי רייך אָנגעזעטיקט די וועלט אין די עטלאַכע קורצע יאָרן, וואָס הויבן אָן זייער צייט-רעכנונג, זינט די וועלט-קריג האָט זיך פֿאַרענדיקט: דער איינגעשטעלטער פֿאַקט, וואָס דער פֿון אייביק אָן ווייכהאַרציקער און פֿריי געשטימטער קינסטלער ציט זיך פֿונדעסטוועגן אַזוי ראַפּטומדיק און מיטן גאַנצן לייב און לעבן צו דער תמיד צוואַנגדאָרשטיקער און פֿעלזנהאַרטער אַרבעטער מלוכה איז דאָך אייגנטלאַך טאַקע דער איינאונאיינציקסטער און ריכטיקסטער אויסגאַנג פֿון אָט דעם פֿונם קאָפּ ביז די פֿיס שטאַרק פֿאַרפֿלאָנטערן און אין אַלע פּרטים, העכסט טראַגישן ווידעראַנאַנד, וואָס האָט שטענדיק און כסדר ממש טאַקע אָן אַן אויפֿהער, געהערשט צווישן דער גאָטסגנאַדיקער און דורכאויס צוועקמעסיקער נאַטור פֿונם קינסטלער און צווישן דעם הייזמוטוויליקן און לגמרי הפֿקר'דיקן כאַראַקטער פֿון דעם פּעריאָד אינם לעבן פֿון דער גאַנצער מענשהייט, אַנטקעגן וועלכן אָט די זעלביקע אַרבעטס- און אַרבעטער רעגירונג גופֿא, האָט עס טאַקע אויסגערופֿן אַזוי אַנטשלאָסן, די ריזיקע און אומרחמנות'דיקע מלחמה אַף לעבן און טויט.

1.

עס איז באמת קלאָר, ווי דער טאָג, אַז דער קינסטלער לויט זיין עצם נאַטור ווי ער נעמט אויף די וועלט און זיך גופֿא, איז ניט קיין מקובל בעל-שם און ניט קיין בדחן ווערטל-זאָגער, ניט קיין משלים ליפֿערער, ניט קיין פֿלינקער עילוי פֿון איינפֿאַלן און אַ המצאות, נאָר בתוך אייגנטלאַך נאָר אַ שעפֿער בעל-מלאכה, וואָס מוז זיין תמיד, כדי ניט צו פֿאַרפֿלאָנטערן זיך באַם קלאָרן זינען און פֿאַרשטאַנד, ווערדליק ווי אַ פֿאַכמאַן דאַרף זיך פֿירן און האַלט כסדר אין איין אָפּוועגן און אויסמעסטן, און טראַכטן און איבערטראַכטן און אַרבעט אויס זיינע ווערק און אַרבעט זיי נאָכדעם איבער, אָבער ניט מיט שמות און צירופֿים, אָדער מיט אַלץ, וואָס ס'פֿאַלט בלויז אַרויף אַף דער צונג, צו מיט יעדער זאַך וואָס שפּרינגט אַריין פֿון דער העלער הויט אין מח, נאָר מיטן שנור און מיטן צירקל, מיטן פּענזל און מיטן פּעדער, שטרייננג אַרכיטעקטאָריש אויסגערעכנט און גאַנץ אָפּט קומט אים נאָך אויס אַפֿילו צו זיצן אין דרייען איינגעהויקערט און ממש באַגאָסן מיט שווייס יאָרן לאַנג נאָכאַנאַנד און פּשוט האָרעוועדיק שלייפֿן און פֿיילן אָט די ווערק זיינע ביז זיי באַקומען פֿאַרט סוף-כל סוף דעם געהעריקן און פֿאַרענדיקטן אויסזעהן — אָט דאָס איז דער קינסטלער און דאָס איז זיין עובדא אין אַלע צייטן און דורות. אמת טאַקי ניט סתם אַ בעל-מלאָכה, גאָר אַ שעפֿער בעל-מלאכה און גאָר גאַר אין דער העכסטער און גרעסטער מדריגה, — אַ מייסטער הייסט ער. אָבער דאָך פֿונדעסטוועגן פֿאָרט אַ בעל-מלאכה, וואָס אַרבעט מיט איינפֿאַכע האַנטווערקער געצייג און ניט מיט אויסגעדוכטע שם-המפֿורש'ן, און אָט טאַקע מחמת דעם אַגב, וואָס דער קינסטלער איז לויט זיין נאַטור, אין דער זעלביקער צייט אויך אַ בעל-מלאכה, נויטיקט ער זיך עס שטאַרק פּונקט, ווי יעדער בעל-מלאכה, אין געברויכער, וואָס זאָלן זיך באַנוצן מיט זיין אַרבעט און ניט האַבנדיק אָט די געברויכער, אָדער ניט שפּירנדיק כאָטש זייער אָטעם נאָנט דערביי, לאָזן זיך ביי אים פּשוט אַראָפּ די

הענט פֿון אָנמוט: אָט אַ שטײגער װער װײסט עס ניט אַנ׳ערך דעם סקאַרבאָװן
אָבער אימה׳דיקן פֿײַן פֿון קינסטלער, אױב אים איז נעמען באַשערט אַרײַנצופֿאַלן
אַף די עלטערע יאָרן עפּעס צו אַ נײַעם דור, װאָס קאָן ניט זײַן אַרבעט און
װאָס נױטיקט זיך ניט אין איר און ער, דער קינסטלער פֿאַרלירט פּלוצלונג זײַן
געברױכער?... מיר װײסן דאָך אַפֿילו צופֿאַלן אױך פֿון אײגנמאָרד אָט בײַ אַזײנע
צושטענדן, און נאָך װײַפּל צופֿאַלן: די געשיכטע פֿון דער קינסטלערישער משפּחה
איז ממש געפּאַקט מיט זײ.

און דאָך פֿונדעסטװעגן ניט געקוקט אַף דעם אַלץ, איז דאָך פֿאָרט פֿאַראַן
אַ גװאַלדיקער אונטערשײד צװישן דעם פּשוטן בעל-מלאָכה און דעם קינסטלער מײַ·
סטעה, אַפֿילו טאַקי בנוגע אָט די געברױכער גופֿא: דער פּשוטער בעל-מלאכה
נױטיקט זיך אינם געברױכער כּדם-כּל, װי אין אַ קונה אַנגרא און עס קימערט
אים, בעצם גאַנץ װײניציק צו אט דער קונה װעט עס אױסנוצן זײַן װערק פֿאַר
זיך גופֿא, צו ער װעט עס גאר אפּגעבן אַ צװײטן אין די הענט, פּונקט װי עס
אינטערעסירט אים לגמרי ניט דאס או׳סזעהן גופֿא פֿון קונה און אױך זײַן פֿער·
זענליכער אינװײניקסטער גוסט און באַגער, בעת דער קינסטלער מײסטער מוז גאר
האבן דעם געברױכער, װי אַ בעלן און דערנאך ניט עפּעס אַזױ זיך סתם אַבעלן
אַמין מבין ספּעציאַליסט, װאָס קװיקט זיך בלױז מיטן מײסטער װערק. אױב עס
שטײט אָט דאָ דערבײַ פֿאר די אױגן אדער שטודירט אים פֿלײסיק גלאט װי אַ
לימוד פֿון נײַגעריקײט װעגן, נאר טאַקע אָט דעם סאָרט בעלן, װאס זאל כּסדר·
און ניט עפּעס אַף אַ רגע דערװײל—שפּירן זיך ממש בלוט משפּחה׳דיק פֿאַר·
בונדן מיט דער אַרבעט פֿון מײסטער און זײַן תמיד אױג אַף אױג מיטן מײסטער
גופֿא.—אָט אַ שטײגער אין װאָס פֿאַר אַ געברױכער דער ריכטיקער מײסטער
נױטיקט זיך עס, כּדי ער זאָל פֿילן מיט אַ פֿולער ברוסט זײַן טױגבאַרקײט און
פֿעסטקײט, להיפך, צום אײַנפֿאַכן בעל-מלאכה, װאָס שטעלט זיך צופֿרידן מיט סתם
עפּעס אַ קונה אומגעזעהענער.הײט.

III.

און אפשר טאַקי אָט דעריבער און מחמת דעם איז זינט דער מענשהײט
לאָזט זיך גאָר געדײנקען, כּסדר כּמעט עפּעס װי אַ נאַטור-געזעץ, די פּרוכטבאַר·
סטע און אױסדערװײלטע צײַט פֿון דער קונסט געװען תמיד אַזױ שטאַרק פֿאַר·
בונדן אַז פּשוט ניט אפּצוקניפּלען מיט דעם, װאס דער מײסטער האט. בעת-מעשה
פֿאַרמאגט נאנט נעבן זיך און אױג אַף אױג זײַן אײגענעם בעלן.—שױן אפּגע·
ערעדט װעגן גאָר טיפֿן אַלטערטום, בעת דער מײסטער איז אײגענטלאַך גע.
דורכאױס אַ לאָקאַלע פּערזאָן אַ מענש פֿון זײַן שטאָט און אונטער זײַן רשות
טאַקע האָט זיך לגמרי געפֿונען אָט די גאַנצע שטאָט װי זי שטײט און גײט מיט
אירע הערשער און אונטערטעניקע, כּהנים און קריגסלײט, נזירים - שטיבלאַך און
שאַנדהײַזער, בתי-מקדשים און צירקן, געמאַרקן און גערטנער, געמױערטע װענט·
פֿעסטונגען און פֿרײַ פֿאָרומס און מיט אַלץ און אַלעמען, װאָס האָט דעמאָלט
געהערט צום שטאָטישן אַײנקומעניש. נאָר אַפֿילו אין די שפּעטערע צײַטן און
גאר שפּעטער זעהן מיר אױך. אַז בעת די קונסט װאַקסט און בליהט װירקלאַך

טאַקע ווערט באמת אַ טייל פֿון מענשליכן ישוב - אינווענטאַר, — איז דעם מייסטער פֿון זיין בעלן פשוט ווי כמעט ניט אפצושיידן, אָט למשל, די רענע-סאַנס - עפאָכע: באַ פּויבסטן אין די קלויסטערס און באַ דוכּסים אין די פּאַלאַצן איז ער דער מייסטער, דעמאָלט געזעסן, ווי א היימישער, אַלס אַ "קרוב למלכות" און געטאָן מיט התמדה זיין אַרבעט, וואָס אַפילו זיי די גאוה'דיקע און פֿאַרשווענ-דערישע געוועלטיקער האבן געהאַלטן פֿאַר איינעם פֿון די וויכטיקסטע פֿאַרמעגנס אין זייער האב און גוטס. און ניט בלויז פּויבסטן און דוכּסים, נאר אויך יעדער קאַרדינאַל און סעניאָר פֿון די פֿאַרוואָרפֿענע ווינקעלאַך האבן אין די שלאָסן פּאַלקערס און איבערשטיבלעך געהאַט אייגענע מייסטערס וואס זיי פֿלעגן אָפּ-היטן און באַשיצ׳ט פּונקט ווי הייליקע רעליקוויעס אדער ירושה - געווער, עס האט זיך דאך אַזש געטראָפֿן — אויב ניט גאר זעלטן — אַז לענדער גאַנצע פֿלעגן זיך שלאָגן צווישן אַנאַנד אין בלוטיקע מלחמות פֿרן בלויז פֿאַר דער גרויסער זכיה צו זיין אַ רעזידענץ פֿונם מייסטער.

אָט אזוי איז עס געווען פֿאַרצייטן און לפי-ערך אויך כמעט אט דא גאר-ניט לאַנג. עס איז אַ נאַנדער שאלה ווי אַזוי און אַף וואס פֿאַר אַנ׳אופֿן ע ט י ש אפּצושאַצן אָט די בעלנים, דער עצם פֿאַקט גופֿא אבער בלייבט דאך: דער מיי-סטער האָט דעמאלט זיין אייגענעם און איינציקן בעלן פֿאַרמאגט און טאַקע אַט דעריבער איז עס געווען אַזוי רוהיג דעם מייסטערס געמיט און אַזוי אומ-פֿאַרגלייכלאַך הארמאניש אויסגעהאַלטן די ווערק זיינע, וואָס זייגען אַגב אַזוי פֿריי פֿון קאַפּריז און פֿון צופֿעליקע המצאות, פּונקט, ווי די אומפֿאַרענדערטע געזעצן פֿון ריטם און געאָמעטרישע ליניען.

.IV

און אָט די פֿיל גנאדיקע און געבענשטע צייט פֿאַרן קינסטלער, בעת ער איז זיך געזעסן זיכער און אויג אַף אויג מיט זיין שטענדיקן בעלן און ניט גע-איילט, פֿאַוואלענקע — מייסטערעש — הארעווענדיק און דאך מיט אַ רוהיקן גע-מיט, עפּעס ווי שפּאַצירנדיק אין געדאַנקען פֿאַרטיפֿט אַף א זוממערדיקער לאָנקע נאָך אַברכה-רעגן, זיינע האַרמאָניש - אויסגעהאַלטענע און ריטמעש געזעצלאַכע ווערק געשאַפֿן האָט זיך, בעצם ממש קאַטאַסטראָפֿאַל טאַקע פֿאַרענדיקט עפּעס העכער ווי מיט הונדערט יאר צוריק, אַנ׳ערך, אָט וואס עס האט דעמאלט פֿאַ-סירט: אט דער מיט לייב און לעבן איבערגעגעבענער און אויסדערוויילטער בעלן פֿונם קינסטלער איז פֿלוצלונג, ווי פֿון דער מיט קינסטלערישער אַנטציקונג, א-רויסגעריסן געווארן און פֿאַרשוואונדן, עס קאָן גריילאַך זיין יסורימדיק און באַ-האַלטענערהייט אין פֿולן רשות פֿון אַנגרא - ליפֿעראַנט, וואס האט, אַגב דעמאלט טאַקע אנגעהויבן מיט אַזאַ גוואַלדיקן אימפּעט צו רייסן פֿאַר די פֿאַלעם יערדרן, וואָס האט זיך גאָר געמאַכט אונטער דער האַנט, אין מארק אַריין, כדי וואס מער פֿאַרטיקע סחורות צו האבן אין פּדיון, און אפשר האט ער ערגעץ אַנדערשוואו און גאה אן עגמת-נפש און כמעט בפרהסיה פֿאַר עפּעס אַן אַנטרונונגס - ארט אויסגעפֿונען, ווי אבער עס זאָל ניט זיין, נאר ער דער באַשטענדיקער בעלן פֿונם מייסטער, האט אין מיטן דערינען ניט געסטייעט, און דער מייסטער גופֿא,

פֿאַראײַנזאַמט און פֿאַרלאָזט האָט געמוזט בעת מעשה. אַרויסטרעטן פֿון די אײַנגעזעסענע און אײַנגעפֿונדעוועטע פּויפּסטליכע קלויסטערס און דוכּסישע פּאַלאַצן, פֿון די קאַרדינאַלישע און סענארישע שלאָסן - סאַלקעס און אויבערשטיבלאַך און ניט וויסנדיק וואוהין און צו וועמען די אויגן צו ווענדן, ווי אַ פּשוט׳ער פֿאַרטאַך - און טאַנדעט בעל־מלאכה, אויך אַוועקגעשלעפּט זיך אין הפקר - גאַס אַריין מיט זײַנע ווערק אונטערן אָרעם, — אין קאַפּריז - צונויפֿגעקלאַטעטע אויסשטעלונגען, און אימפּרעסאַריע - טומלדיקע קאָנצערטן און אין מיש־מאַש רשות־הרבים׳דיקע זשורנאַלן איז ער, דער קינסטלער מגולגל געוואָרן. און טאַקע פֿון אַט דעם מאָמענט אָן און ווײַטער הויבט זיך ס׳אָן אין לעבן פֿונם קינסטלער יענע ווירקלאַך גרויסע טראַגעדיע, וואָס ביז איצט האָט ער גאָר קיינמאָל אַזוינס ניט געוואוסט: ער דער איבערגעטראַכטער מייסטער און דער ערנסטער פֿאַכמאַן פֿון מאָנומענטאַלער ווערק איז עפּעס, ווי פֿון דער העלער הויט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין קינדערשפּילעכלאַך - אומן - יד, וואָס שפּרייזט אַרום איבער די מערק מיט אַ פּעקל אָנגעלאָדן אַף די פּלייצעס. באמת קען מען זיך אויסמאָלן נאָך אַ גרעסערע טראַגעדיע אינעם לעבן פֿון גייסט? — און ווער ווייסט אפֿשר גאָר דערמיט אָט מיט דער טראַגעדיע לאָזט זיך עס דערקלערן, וואָס אינעם לעצטן יאָרהונדערט האָבן זיך עס אַזוי געווימלט און געמערט זיך די פֿאַרשיידענע קונסט און קינסטלער לערעס, און למשל, אַז דאָס אמת׳ע קונסט איז מיניאַטוריש און נאָר מיניאַטוריש און טאָר ניט פֿאַרנעמען קיין גרעסערן פּלאַץ ווי דאָס לעכל פֿון אַ נאָדל און אַז דער אמת׳ער קינסטלער דאַרף בכלל קיין מייסטער ניט זײַן און קיין אייגענע בעלנים ניט האָבן און נאָך אַזוינע חקירה׳ס. אָט דאָס אַלץ, די אַלע לערעס און חקירה׳ס איז קאָן זײַן געווען בלויז אַ מיטל, אַ חיילונגס מיטל צו פֿאַרשרייען און פֿאַרטויבן די טיפֿע און נאָגנדיקע בענקענעש נאָך אַ אמת׳ן בלוט משפּחה׳דיקן בעלן, וואָס זאָל קומען אַלס אַ דערלייזער און ווי פֿאַרצײַטן, אָפּזונדערן זיך טאַקע מיטן מייסטער און העלפֿן אים מייסטעריש שאַפֿן בתּוך אַבער?...— בתּוך האָט זיך געדאַכט, כּמעט אַלעמען, אַז עס איז ניטאָ קיין שום אויסגאַנג פֿון אָט דעם ווידעראַנאַנד, וואָס האָט אַרײַנגעשטעלט מחיצה׳דיק צווישן דער צוועקמעסיקער נאַטור פֿון קינסטלער און צווישן דעם הפקר׳דיקן כּאַראַקטער פֿון גאַנצן לעבן אַרום און אַרום בכלל, און אַז דער עצם מין מייסטער שטייט שוין. אייגענטלאָך. כּמעט מיט בײדע פֿיס אַף יענער וועלט.

.V

נאָר אָט האָט פּלוצלונג, און אפֿשר טאַקע פֿאַר אַלעמען אומגעריכט, אַ מעשה פּאַסירט אַ וואונדערבאַרע מעשה: אין איין טייל פֿון דער וועלט — אין —רוסלאַנד — איז מיט אַמאָל דער מאַרק גופֿא און אַלץ וואָס אָפֿן מאַרק און און אַרום מאַרק מיט די אַלע קויפֿערס בלינדערהייט און אַלע פֿאַרקויפֿערס אומגעזען, אַפֿילו מיט צאַפּלדיקע ערב־ירידן און פּוסטע נאָך - ירידן, ממש טאַקע, ווי מיט אַ רויך אַוועקגעגאַנגען און פֿאַרשוואונדן געוואָרן, און בײַ דעם אקאָרשט פֿאַרצווייפֿלטן קינסטלער האָבן זיך פֿול מיט האָפֿנונג אין דערוואַרטונג, די אויגן געעפֿנט:

—וועל ווייסט, עס קאָן זיין טאַקע איצט, בעת דאָס מין „אַנגרא“ ווערט דורכאויס און בכלל בטל, וועט זיך אויך צו אים צו דעם קינסטלער זיין געוועזענער געברויכער, מיט דער אַלטער און איינאייניציקער בעלן אומקערן און פונקט, ווי גאָר פאַרצייטן און אַמאָל, וואָס ער דער קינסטלער הייסט עס, ווידער. ווי פריער ווערן מייסטער?...— עס קאָן אַלץ זיין, בפרט, אַז מען זעט דאָך טאַקע באַשיינפּערלעך, ווי ביז איצט אומגעהערטע און אומגלויבלאַכע זאַכן ווערן מקוים, בפועל-ממש, מיט יעדער טאָג, אויף יעדער טראָט פאַר אַלעמען אין די אויגן.

און עס האָט אים אָנגעהויבן ציען מיט דעם קינסטלער פון אַלע שבטים און פעלקער, וואָס באַזיצן דאָס געוועזענע און איצטיקע רוסלאַנד, און אויך אַפילו פון דערוויטנס און גאָר פון דער פרעמד צו מיט דער שפּאָגל-ניי געשאַפענער אַרבעטס און אַרבעטער מלוכה, אַזוי התמדה׳דיק און אנגעשטרייגט און וואָס ווייטער אַלץ דרינגענדיקער און האסטיקער עפּעס ווי צו אַ געגאַרט אויסגעביינקטן לעצטן פונקט, מיט א שטייגער ווי אייביקע און אויסגעוואָגלטע נע-ווגד׳ניקעס אויף די צודרוזגעטע עלטערע יאָרן שמאַכטן אַזוי נאָך דער שקיעה-רוהיקייט פונם פאַרצייטיגן געבורטס-אָרט, און נאָכן באַזילבערטן און דורכזיכטיקן אָפּגלאַנץ פון די ווייט ווייטע און צו זיך רופנדיקע און טולנדיקע יוגנט-זכרונות.

ה. בלאשטייז ⁝ פון ציקל „קאווקאז“.

ק אַ ז ב ע ק.

אין הייסער רויזנפרייד זיך באָדן דיינע פיס,
קאַווקאַזער ריז,
ברייט-אַקסלדיקער באַרג,
קאַזבעק!
און יעטווידער אָאָל,
וואָס דראַפּעט זיך און קלעטערט
אַף דיין קאַרק,
איז ווי אַ יונג פאַרליבט געמיט
צעבליט,
מיט ווייַן און לידער איבערפול...
דאָך, ביזט,
באַרג,
מיט קאָפּ פון דר׳ערד
אַוועק צו ווייט—
און ס׳זומט דיין שטערן שטום
אַ קאַלטער שניי-געדאַנק...
און ס׳בלעטערט,
זיפצענדיק,

אין לופטן איבער דיר,
דאס הארבע בוך פון איינזאמקייט
דער ווינט... — — —
די ווילדע ציג,
וואָס שפרינגט אַף דיר אַרום
און שרייט
אין ווייט
אַריין אַ שאַרף און ווילד געשריי —
צי איז זי נישט אַן עכא פון דיין עלנט-וויי?...

איך האב אַ רויטע רויז
גענומען באַ דיין פוס,
און מיטן שטעגעלע,
וואָס גנב'עט זיך מ'ט זייט
און דראַפּעט זיך צו דיר אַרוף,
און שיקט פון דאָרט אַן אָדלער-רוף
אַראפ —
געבראַכט האָב איך אַ הייסן יוגנט-גרוס
דיין טרויעריקן אַלטן קאפ...
איך האָב דעם רויזן-בלאַם אַף פינקעלאַך צעשטויבט
און אַפּן ווינט צעבלאָזן זיי,—
און ס'האָט דיין טויטער שניי
מיט הייסע יונגע טראָפּנס בלוט געבליט...

שכור - טאַנץ.

פון ציקל „שכורע מלוכה“

כאַ-כאַ-כאָ! כאַ-כאַ-כא!—
ס'טאַנצט די לופט און טופּיעט אויס'עט ווילדע פאַ...
ס'יאָגט זיך נאך, נאָך מיר דער אומעט מיט אַ גרויער נעץ,
ס'קוקט אַרויס דורך געטער-אויגן — ליימענגעץ...
און אין האַרצן עפּעס וועבט זיך שאָטנדיק און גראָ...
קער איך אויס מ'ט ווילדער אימפעט
ביזן דעק דעם בעכער —
און צעלאַך זיך הויך און העכער:
כאַ - כאַ - כאַ !...
כא - כאָ - כאָ ! —
ווער אין שכור - טאַנץ פאַרשווינדלט,

שוואַרצע יאוש - שעה!..

כאַ - כאַ - כאָ!
כאַ - כאַ - כאַ! ...
אומעט שאַ! ...
זע, די העלע שפיגלען טאַנצן, טאַנצן מיט דער וואַנט...
אין דער לופטן וויגט זיך, דרייט זיך זייער זילבער - גלאַנץ...
ס'איז די וועלט — אַ טאַנץ!...
כאַ - כאַ - כאַ! אין שפיגל דאָרטן מיט אַ כוס אין האַנט,
מיט צעשויבערט - ווילדע האָר — ווי דערנער — אַפּן קאָפּ,
שווינדעלט עמיץ, שפרינגט: היפ - האָפּ!
הויבט זיך אוף און אָפּ
דיל און סטעלע טיש און פענסטע" —
וואָס אַרום נאר דאָ...
שאָטנס לויפן אַף די ווענט אום
הענדום - פענדום
יאָגן זיך ווי גרויע קעץ...
לאַך איך,,, פויקט די לופט צום טאַנץ צו — פייקלט ווי אַ לץ:
כאַ - כאַ - כאַ! כאָ - כאָ - כאָ!
כאַ - כאַ - כא...

מייקאָפּ, קאַווקאַז 1921.

ס'טאַנצט דער זומער...

ס'טאַנצט דער זומער אין די וועלדער מיט אַ נאַקעט שטראַליק לייב...
קייקלט זיך פון תאווה שכור, אַף די פליינען אַף די גרינע...
אַלטער דו! מיט טויזנט אויגן היט אַ צינד דיין יונגעס ווייב!
האָסט באַמערקט? עס איז אַ דבוק טיף אַריין אין איר פיאַנינע...

יעדן אָוונט גאַנצע שעה'ן רייסט ער קייטן, קלאָגט און לאַכט...
ניט קיין טענער — ס'שוועבן, ס'זשומען בלומענזווכנדיקע בינען... —
וועסט זיך אַויפכאַפּן, דו אַלטער, אין אַ הייסער בלויער נאַכט—
און דיין ליידנשאַפּט די וועלקע וועט אַ פוסטע בעט געפינען!

וועסטו פיס אין נאַכט-שיך שטעקן און זיך לאָזן איבער הויז———
און דערנאָך צום בעט צופאַלן מיט אַ קלאָג אַ הילפלאָז - טריבן...
און דו וועסט דיין ווייַ אויסקלאָגן פאַר דער אָפּגעוועלקטער רויז,
וועלכע איז דאָ אַף איר נאַכטיש אַפּאַריתומ'טע געבליבן...

פ. מאַרקוס. ‖ אַ שטרייק־ברעכער.

נ אָ ו ע ל ע.

1.

די גרויסע שווערע קעלער טיר פון בעקעריי לאָזט זיך יעדן פרימאָרגן אַרונטער, קלאַפּט צו מיט איר מאַסיוון האַמעטנעם געמאַך ווי געזאָגט:

— בלייבט דאָ, עס שטייען קאַסטנס גרויסע, טיפע, וואָס נעמען אַריין אין זיך זעק מעל מיט טייכן וואַסער, און אַאויוון וואָס שלינגט ווי אַמחבל, האַלץ און טויג און ווערט קיין מאָל ניט זאַט — זיי דאַרפן דיר האָבן.

די טיר, אונטערגעשפּאַרט אַף אירע דיקע זאַוויעסעס, איז געווען אָפּן איבערן קליינעם טרעפל זיינען געלאָפן אַרויף און אַראָפּ דער באַלעבאָס און פרעמדע מענשן מיט בלאַסע אָבער ניט קיין בעקערשע פּנימער, זיי האָבן יעדער ווייל מיט די אַרבעטער געכאַפּט אַ שמועס אַ קורצן, ווי אַ זייגער אויסקלאַפּ און לאַנג גאָר לאַנג זיך געאַמפּערט מיטן באַלעבאָס...

פון די פרעמדע, אַ דיק פולער בחור, מיט אַ הייזעריגע שטימע און קליינע גראָהע אויגעלעך, האָט אַרויסגענומען פון פּאַס קעשענע, וועלכע איז געווען געגורט זיין זומערדיגע שוואַרצע העמדל, אַקליין אָפּגעריבענעם שוואַרצן זייגערל און קורץ מיט אַ געצייגענעם טאָן זיך ווענדנדיק צום באַלעבאָס, אַרויסגעזאָגט:

— ביז אַכט...

מיט „אַ גוט נאַכט" צו די אַרבעטער, ניט קוקנדיג אַפן באַלעבאָס גלייך ווי זיי וואָלטן מיט אים קיין מאָל ניט גערעט, זיינען זיי אַרויס פון בעקעריי. דער דיקער בחור האָט זיך אין מיטן וועג אומגעקערט, גענומען עפּעס וואָס ריידן מיטן אַרבעטער, וואָס איז געשטאַנען ביי דעם ערשטען קאַסטן. יענער האָט אים ניט געלאָזן ריידן, זשמורענדיג, אַזאָג געטאָן עפּעס, דער דיקער בחור איז געווען שטאַרק צופרידן, און שמייכלענדיג מיט די גראָהליכע אייגעלאַך געדריקט דעם אַרבעטער פעסט די האַנט..

עס איז געוואָרן צוריק שטיל, די טיר האָט זיך פאַרמאַכט די אַרבעטער זיינען געשטאַנען אנמוטיגע, אַריבערגעבויגן מיט די ווייסע כאַלאַטן איבער די קאַסטנס, די מוסקולן האָבן זיך שווער און אנגעשטריינגט באַוועגט מאַכנדיג קורצע פּויזעס.

דער טויג האָט זיך ניט געקלעפּט. דער באַלעבאָס איז געזעסן אַף אַ זעקל מעל, די קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן אַ צווייטן זעקל, געביסן די ברעגן וואָנצן און שפּיץ בערדל, האַלטנדיג די אויגן אַיינגעגראָבן אין זיך. ער האָט זיך צונערוקט נענטער צו די אַרבעטער, זיך שטאַרק אָנשטריינגנדיג צו שאַפן אַ פריילאַכע מינע געפּרובט מאַכן אַ וויץ מיט די אַרבעטער, אַקלאַפּ טאָן ווען אין פּלייצע אין זעענדיג, אַז חברה שוויגן איז ער אַריבער צו אַ שמועס טאַקע מכח אָט דעם ענין און גערעט האָט ער לאַנג, גאָר לאַנג,,, די אַרבעטער האָבן געשוויגן, ער איז געבליבן פּלוצים שטיין, פאַרשלונגען דעם וואָרט, זיך אַ חאַפּ געטאָן ווי פון אַ ביס, אַ קלאַפּ געטאָן האַסטיג מיט די טיר און איז אַרויס...

די אַרבעטער האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט אַ בליק, די אויגן צוריק אײַנגעגראָבן אין קאַסטן טויג; אַליאַן דער קריסטליכער בחור, וואָס רעט מיט אַכריפּ, מיט די לאַנגע מאָגערע האַלדז, האָט אָנגעהויבן אונטערצוברומען אַ לידל, דאָס איז געווען אַ אומעטיקס, די אַרבעטער האָבן אים אונטערגעכאַפּט. באַלד האָט דער פרישער אַרבעטער מיטן שוואַרצן שטערן ישיבה-בחורישן בערדל, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל ביי דעם לעצטן קאַסטן — אָנגעהויבן איבערשרייען מיט אַ שטאַרקערן, מונטערן מאָטיוו, די אַרבעטער זײַנען אַריבער צו אים, און אַליאַנס לידל האָט גענומען גיסן...

דער פרישער אַרבעטער האָט אַרויסגענומען פון דער אונטערשטער קעשענע אַ זייגערל. געגעבן איבערן קאַסטן, אַ איינצעלנעם אָפּגעהאַקטן שטריינגל קלאַפּ. די אַרבעטער האָבן זיך אויסגעגלײַכט, דער געזאַנג איז איבערגעריסן געוואָרן. די קלאַנגען זײַנען ווי הייגנען געבליבן אונטערן נידעריקן בעליק און פאַרפאַלן געוואָרן אין גרויסן אויוון מיט די גרויסע מויל... די אַרבעטער האָבן זיך ווי צונויפגעגאָסן איינאיינעם:

— די לעצטע התראה דאַרף מען שיקן!

לייבע, שוין אַ עלטערער אַרבעטער, מיט אַ פליכווואַטע קאָפּ איז די גאַנצע צייט אָן אַ זייט שווייגנדיק געשטאַנען, ער האָט עטליכע מאָל אָנגעהויבן אונטערצוכאַפּן דעם ניגון, נאָר עס איז ניט געגאַנגען,, זיין שטים איז געבליבן שטעקן אין קעלע. ער האָט זיך איצט אויך צוגעשאַרט נענטער, זיך עטליכע מאָל אָפּהוסטנדיק, אין אַ בעטנדיקן טאָן, פאַרגעלייגט:

— חברים, רעדט ניט שטרײַנג, בעסער מיט גוטן, אים אויפווייזן אַז מ׳קען ניט דורכקומען, אַלץ איז טייער,,, ער איז דאָך אויך אַ מאָל אַ אַרבעטער געווען,,,

עטליכע אַרבעטער פאַרוועמען ס׳איז געווען ניי, אַז דער באַלעבאָס איז אַמאָל געווען אַ אַרבעטער, האָבן אויסגעשטעלט אַף אים די אויגן מיט נייגעריקייט. דאָס האָט אים צוגעגעבן מוט און ער האָט ווייטער גערעט, אָנווענדנדיק דעם טראָפּ, אַז ער לייבע האָט מיט אים בחורווייז געאַרבעט ביי איסערסקען אין בעקעריי, און ווייטער די זעלבע איבערגעחזרט, אַ מ׳דאַרף מיט גוטן און נאָר מיט גוטן, אַלע מאָל פירט מען בעסער אויס מיט גוטן. קיינער האָט אים ניט געהערט, די פּאָר אַרבעטער זײַנען ווידער אין קופּקע געשטאַנען, און ס׳האָט זיך קיינער ניט געפונען, וואָס זאָל אַפילו מאַכן די קלענסטע באַמערקונג אַף זיינע רייד. דער פרישער אַרבעטער האָט זיך שטרייַנג און קאַלט אַרויסגעזאָגט, מען דאַרף שיקן עמיצן מיט דער לעצטער התראָה דעם באַלעבאָס:

— יאָ אָדער ניט.

אַלע האָבן אונטערגעכאַפּט און עס איבערגעחזרט.

דער אַרבעטער, וואָס איז געגאַנגען צום באַלעבאָס האָט זיך צוריקגעקערט, פון אַלע זייטן האָט מען אים אַרומגערינגלט און אין דער רגע אַפילו קיינוואָרט ניט אויסריידנדיק האָבן אַלע געכאַפּט די אויבערשטע רעקלאַך, איבערלאָזנדיק דעם ברענענדיקן אויוון מיט די אָפענע קאַסטנס, און זיך בהלה׳דיק געלאָזן צום טיר.

דער באַלעבאָס איז זיך ווי אַלעמאָל געשטאַנען האַרט ביים טאָמבאַנק, צום אנהויב קאַלט נאָכגעקוקט גלייך ווי אים גייט דאס ניט אָן, אָבער באַלד זיך גענומען אויפרעגן, נאָכשרייענדיג הינטער זיי:

— הינט, שכורים, ראַבושניקעס, אין מיטן דער אַרבעט!?.

— בלוט זויגער! — האָט אַ לערע-אינגל, דער קליינער שמוליק, זיך אָפּקערנדיג אַ געשריי געטאָן. אַ עלטערער אַרבעטער האָט אים אַ שלעפּ געטאָן פֿאַרן האַנט און אים אָפּגעצויגן:

— טפוי, עס פּאַסט ניט פֿאַר אַ באַוואוסטזיניגן אַרבעטער.

ביים ווינקל גאַס זיינען די אַרבעטער שטיין געבליבן, דאָרטן האָבן שוין אף זיי געוואַרט חברים פֿון אַ אַנדער שטרייקענדער בעקעריי, מ'האָט זיך באַגריסט, אַ ביסל געשטאַנען און נאָכדעם זיך צושיידט. עטליכע זיינען אַריין אין נאָהנטן שיינק,,, אַנדערע האָבן זיך שנעל אַוועקגעשלייכט אין די דערביייאיגע געסלאַך,,,

לייבע איז געבליבן אַליין, ער האָט געוואָלט נאָכשרייען די אַרבעטער זיי זאָלן אים אויך מיטנעמען, אַלץ איינס אַ יואַוו, אין שטוב קען ער ניט גיין אַזוי פֿרי, די ווייב ליגט אַ קראַנקע, זי וועט פֿאַרשטיין,,, ער וויל נאָך וואס זאָגן, מ'זאָל אים איצט הערן,,, נאָר קיינער איז שוין ניט געווען. ער איז אַ צייט אַ פֿאַרטראַכטער געשטאַנען,,, ער האָט זיך אומגעקערט און מיט האַסטיגע טריט גענומען שפּרייזן צוריק צו דער בעקעריי:

— ער וועט אַליין מיט אים ריידן, ער איז דאָך אַליין אַ אַרבעטער געווען, מיט אים צוזאַמען געאַרבעט, ער וועט זיך דערמאָנען, ער וועט אים זאָגן, ער וועט אים אַוודאי פֿאָלגן, אַט די „שנעקעס” ווייסן ווי צו ריידן?...

II.

איבערן בעקעריי האָט אַרומגעשפּאַצירט הין און צוריק דער באַלעבאָס, ער האָט וואָס געריידט מיט דער באַלעבאָסטע, וואָס איז נעבן אים געזעסן,! לייבע איז אַריין, עס איז געוואָרן שטיל. דער באַלעבאָס האָט לייבן שטאַרק אָנגעקוקט און שמייכלענדיג אַ זאָג געטאָן, סאַרקאַסטיש:

— דו לייבע ביזט אויך אַ שטרייקער, גלייך מיט דער חברה... נו!...

די באַלעבאָסטע, וואָס איז געזעסן די גאַנצע צייט אָן אַ זייט און געמאַכט ווי זי וואָלט לייבן ניט באַמערקט, איז צו אים צוגעגאַנגען:

— אַ, לייבע, אַ גוטן אָוונט, אויך אַ שטרייקער?,— ווילסט אַ גלאָז קאַווע אוודאי? און ניט וואַרטנדיג אַף קיין ענטפֿער געקלונגען אין קיך אַריין, און דער ווילע געקלאַפּט מיט אירע ווייכע ווייבערשע הענטל לייבן איבערן פּלייצע:

— אַוודאַי נו, מילא...

לייבע האָט געשוויגן, אים האָט פֿאַרדראָסן, וואָס ער איז גאָר אַריין. אונטער די ווייכע ווייבערשע האַנט מיטן שמייכל צוקריכט צושווימט אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט דעם באַלעבאָס זאָגן... דער באַלעבאָס הערט ניט אויף אַ אויפגערעגטער צו ברומען:

— יונגאַטשעס,,, הינט,,,

לייבע שאָקלט מיטן קאָפּ:

— יאָ,,, יא.,,

די דינסט האט אַריינגעטראָגן די קאַווע, די באַלעבאסטע האָט אנגעשריען אַפֿן מאן, הלמאַי ער רעגט זיך אויף, אייגס לוינט ניט, והשנית קאָן עס שאַטן צו זיין געזונט,, זי האָט איר שטול צוגערוקט נענטער צו לייבעס, און מיט אַ רחמנות-טאָן גענומען זיך אויספרעגן ביי אים מכח זיין ווייבס קראַנקהייט, און געהאַלטן אין איין באַשאַנען, אַז זי דאַרף נאָר האָבן גוטע פלעגע.

לייבע האט עס אונטערגעכאפט, אין גענומען דערציילן מיט אַלע פרטים וועגן דער ווייבס קראַנקהייט, און אַריבער צו די קינדער, אַז זיי זיינען אויך שוואַך.,. ער האָט געפילט, אַז עס ווערט אים לייכטער, ער געפינט די וועג, ווי אַזוי צו זאָגן דעם באַלעבאס, אַז ס'איז שלעכט, מען קען ניט דורכקומען מיט די שכירות. די באַלעבאָסטע האט אים ניט געלאזט ענדיגן:

— זי מיינט אויך די זעלבע, אַודאַי איז שווער פאַר אַ מענשן מיט אַ פאַמיליע ווי ער, און זיך צובייזערט אפֿן מאַן, הלמאַי, ער האט אים נאָך יענע וואָך ניט געהעכערט. אַזוי ריידנדיק איז זי צוגעגאַנגען צום טאָמבאַנק, אַ קלונג געטאָן מיטן בונט שליסלען פֿון אַונטערן פאַרטוך, און אַרויסנעמענדיג אַ מטבע האָט זי עס אַריינגעשטופט לייבען אין קעשענע:

לייבע האָט אויפגעציטערט:

— טפו, אַ נידעריגער מענש בין איך, אַ פאַררעטער... טפו..׳

— איר הערט, איר זאלט קויפן פאר דער ווייב אַ פלעשל ווין — האט אים די באַלעבאָסטע איבערגעהאַקט די געדאַנקען.

— איר הערט, ניט אַנדערש, נאר אַ גוטע. — און נאָך אַ קליינער פויזע איז זי אַריבער אין אַ קאלטן טאָן, גלייך ווי קיין זאַך וואלט ניט געווען:

— לייבע שפעטיגט זיך ניט, קומט מארגן פרי, איר הערט, ניט אַנדערש.

III.

לייבע האָט זיך געשטעלט אַרבעטן, ער האט עטליכע מאל די חבוים אנגעטראפן, זיי האבן צו איסגארניט גערעדט, נאָר געווארפן אַ קורצן, קרומען בליק פול מיט פאַראַכטונג,,, דאס האט אים שטאַרק וויי געטאָן, ער וואלט אַזוי געוואלט זיי זאָלן צו אים ריידן, אַפילו האַרט, שטריינג און נאר האַרט:

— לייבע! ביסט אַנידעריגע בריאה, ביסט ניט ווערט, וואָס די ערד טראגט דיר!

ער פון זיין זייט וואלט זיי די גאַנצע האַרץ אויסגעגאסן. געוויינט,., רעם גאַנצן אמת דערציילט: „טאַקי איך בין אַ מיאוסע בריאה. איר זייט גערעכט נאר הלמאַי האט איר יענעם אוונט מיר געלאזן אַליין,., די ווייב איז קראנק,.. מען האט געקויפט ווין פאַר איר...

ער וואָלט אַף די קני געפאַלן, געקושט זיי די הענט, זאלן זיי אים מיט געוואַלט פון דער אַרבעט אַראפנעמען,,, ער איז שוואַך,,, די ווייב איז קראַנק,,. זאלן מען אים שלאגן, עס זאָל אַפילו בלוט רינען,,,

פאַרטאָג. ווי אַ גנב איז ער אין בעקעריי אַריין, זיך אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן, האָט אַיינגעהייצט דעם אויוון, און פלוצלונג אַראפגעוואָרפן פון זיך דעם ווייסן שירץ און איז אַרויס אפן גאַס. אַ רעכטע ווײלע האָט ער זיך ארומגעדרייט, און געטראַכט:

„ווען איך טרעף איצט אַן אַ חבר, וואָלט איך אים אָפּגעהאַלטן. אים דערציילט אַלץ,„ אַלץ. זאָל יענער אַפילו ניט וועלן הערן, קוקן איך וועל אים האַלטן פעסט, פעסט, ניט אָפּלאָזן...

פון ווינקל גאַס האָט זיך אַרויסגעשלייכט איליאַן דער קריסטלעכער אַרבעטער מיטן לאַנגן טרוקענעם האַלדז. ער איז געווען האַלב פאַרשלאָפן און שכּור, זיך געוואַקלט, געפּלאָנטערט די פיס. פאָכנדיק אין דער לופט מיט די קולאַקעס, ווי אין כעס בורטשענדיק...

לייבע האָט אויפגעציטערט, ער האָט געפילט, אַז ער ווערט אינגאַנצן בלאַס, און אין האַלדז הויבט אים אָן צו שטיקן,„ און אַ געדאַנק איז אים דורך אַז איליאַן פאָכט דאָס קעגן אים די קולאַקעס און ער הערט:

— לייי...באַ — לייי...באַ!

לייבען האָט שוין געהאַט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט אים אָפּגעהאַלטן און האָט זיך גענומען פאַרדרייען אין דערבייאיקן געסעל. איליאַש איז אים נאָכגעלאָפן געצויגן אים פאַרן אַרבל, האַלטנדיק זיין רעקל אין האַנט, וועלכן ער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן און געשריען:

— נאַ שטרייך ברעכער! קויף דעם רעקל! האָסט דאָך געלט!.. נבלה איינע.

לייבע האָט זיך געפּרובט אַרויסרייסן פון אים, איליאַש האָט אים פעסט געהאַלטן און ניט געלאָזן. לייבע האָט זיך, אַנשטרענגנדיק, אים מיט אימפּעט אַ שטופּ געטאָן פון זיך, איליאַש איז געפאַלן מיטן פּנים אַן ברוק און אַ שטראָם בלוט האָט אַ שפּריץ געטאָן אין דער הויך,„ לייבע איז שטיין געבליבן, אַ צושראָקענער זיך אומגעקוקט, עס האָט זיי אַרומגערינגלט אַ עולם, עמיץ האָט געהאָלפן איליאַנען זיך אויפהויבן, איליאַ איז מיט אימפּעט צוגעלאָפן נאָך אַ מאָל צו לייבען, אויסגעשטרעקט אַ נאַקעטע האָריגע האַנט און געברומט:

— נאַ, שלאָג, שטרייך - ברעכער! מיר ווערסטו שלאָגן הינטישע נשמה?! וואַרט, מיט דיין טויט ווערסטו ניט שטאַרבן!,„ און מיט אַ קליינעם מעסערל זיך געפאָכעט הין און הער,

פון עולם איז פּלוצלונג אויסגעוואַקסן דער פרישער אַרבעטער מיטן שוואַרצן ישיבה בחורשן בערדל,„ ער איז צוגעגאַנגען צו לייבען זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט שטום אַנווייזנדיק מיטן פינגער אויף איליאַשעס פאַרבלוטיקטער קאָפּ, ביים בחור האָבן זיך צונויפגעפּרעסט די קולאַקעס,„ ער רוקט זיך נענטער צו צו לייבען עס ווערט אַ שטופּ ריי. עס דערהערן זיך אויסרופן — גוט, שלאָגט!

— א איד, אַ אידן?!.

— אַמצווה, שלאָגט, ער איז ווערט,„

— אַרחמנות, געוויס אַ ווייב מיט קינדער,„

לייבע קוקט זיך צושראָקן אַרום, די האַנט ווי צום שווערן, אַרויפגעלייגט אַפן האַרצן, דער בחור ווערט בלאַס, עס לאָזן זיך אים די קולאַקעס פאַנאַנדער, ער שפּייט אויס אין לייבעס זייט, און איז צו צו איליאַשן. אים אָפּגעווישט מיטן טאַשנטוך די בלוט, גענומען אונטערן אָרעם און פּאַמעלאַך זיך אַרויסגערוקט.

דער עולם צו גייט זיך ביסלאַכווייז... לייבע קוקט זיך אום, און מיט אַנ׳אַראָפּגעבויגענער קאָפּ, שלייכט ער זיך אויך אַוועק...

I.

מ ע ג.

איך אויסגעלויטערטע, גריניקע, בינזשומיקע
און בלומיקע טעג
ווער גייט מיט מיר אַוועק
אינ׳ם שאַרכעדיגן, פול-סודות האָרכעדיגן
גרינצווייגעדיגן, שווייגעדיגן וואַלד?
ווער וויקלט זיך ווי איך מיט גרינבלאַט איין
און באָדט זיך אויס מיט שאָטנשיין
און ווערט פאַרשיכורט פון וואַלדיש ווייַן, —
גאַנצע טונען
זונען
איז אויסגעגאָסן אויף אַלע וועגעלאַך
שטעגאַלאַך
פונ׳ם וואַלדישן פאַרנעם...
העי, איר טויבע!
איך וועל אין בלויאיקן זוניקן פאַרטאָג
דעם פאַסטוך-פייפל נעמען
און דאַן וועט איר זיך שעמען
און וועט שוין ווי אַ סטאַדע קומען צולויפן
אַלע — מידע, פאַרסאָפּעטע אַהער..
העי, איר פילע ניכטערע נשמות!
פאַרלאָזט די שטאָט, פאַרמאַכט די קראָמען
גלייכט אויס די קנייטשן פון אייער פנים,
עס איז דאָך זומער איצט!
איר שוויצט
באַ פולטן, טאָנביינק מיט בלייער׳ס אונטערן אויער
ווייסט! —
אָפן איז דער טויער
פון הינטערן שטאָט!
קומט
זיך מתיחד זיין מיט גאָט
מיט אַ יונגן שטיפערישן גאָט...
איר הערט ניט? איר זייט טויב?
צו בלענדט אייך ניט די שטראַלן
פון יונגן זומער-פרינץ-זון? —
הערט! ווייסט!
עס וואַרט אויף אייך

אויף אונז אַלעמען
אַבעט געבעט פֿון גרינע בלעטער,
אַוואַלד מיט סאָסנע בוימער!
ע׳, ווערט אַלע טרוימער!
ווערט לוסטיגע קינדער:
ווערט זינדער!
עס רופֿט אייך דער נאַקעטער
אין זון ליכֿט זיך באַרנדיקער וואַלד!
ע׳, קומט מיט מיר
אין שימערדיגן וואַלדישן גלאַנץ
אַ זומער טאַנץ...
עס דרייט זיך מיר דער קאפּ
פֿון זומער גליק..
פֿון זומער גליק!

.II

נ ע כֿ ט

דײַן אויסגעשטערנטע ליבניקע נעכֿט
איז גוט צו בלאָנקען אַליין מיטן שאטן פֿון „איך“
איבער גאַסן און סקווערן —
דו זוכסט אַ פּאָרענציקן ביינקעלע אויס
ערגעץ אין אַ גארטן
און פֿאַרנוּרקעסט זיך דארטן
און לאזט פֿריי זיך צו פאכֿן די פֿליגלען
דיין פֿליגלדיקע טויב — דיין יוגנט טויב —
זאָל זי פֿליען, זאָל זי פֿליען...

זי וועט אקלאַפּ טאן
די טייבעלי
אין שייבעלי
פֿון דיין קעמערל —
זכֿרונות...
און ס׳וועלן אַרויס אויף דער וועלט
ווי פון אויפגעפראַלטע שוואַרצע אַרונות
געסט,
אַזויגע מאדנע אויסטערלישע געסט...
זיט זעסט: זי׳עלאַך, אַלע מיט טרוימישע אויגן
מאָנען בא דיך:
— וואו איז דיין יוגנט?..

ווּעסטו אַנטלויפֿן אַ ווילדער, אַ בייזער פֿון דאָרטן;
ס׳וועט פֿאַר דיינע אויגן זיך צושווינדלען
די בוימער, דער גאָרטן,
און אַלעס וועט טאַנצן אַ קאַרעהאָד טאַנץ...
וועסט קוקן, זיך וואונדערן
געבליבן ביזט גאַנץ
פֿון שדישן טאַנץ,
וואָס האָט זיך צושפּילט און צוויושעט
אין אַ שטיליקער, שפּיליקער, לבּניקער נאַכט..

— — — — — — — — — — — — — —

ביזט אַוועק אינעם גריניקן,
רוישיקן נאַכטיקן וואַלד.
שוואַרץ - נאַכט און וואַלד = רויש
האָבן דיך אין קלעמבעס גענומען
און פֿאַרשטומט איז דיין גומען
און ס׳איז פֿאַרשוואונדן דיין ווײ —
עס זאָגט די נאַכט:
שטײ!
ווערסט דאַן שטאָלץ און פֿרײ און הויל
ווי די נאַכט,
די וואַלדישע נאַכט —
ווערסט דאַן מוטיג און גרויס
ווי די ערד — דער וועלטן — שוים...
דו ווערסט הערשער אין איינעם מיט איר
און זי — מיט דיר!
דו ווערסט אַ שטיק פֿון דער נאַכט
מיט איר זינד און איר לוסט,
מיט איר בלויזע, הוילע ברוסט...
וואָס זי אַנטפּלעקט
אין אַ שטיליקער, שפּיליקער, לבּניקער נאַכט..

— — — — — — — — — — — — — —

קאָוונע.

פון ביינ׳ש שטיימאנ׳ס ירושה.

שלומית.

טראַגעדיע אין 1 אַקט

פֿון אסקאר אואיילד.

אידיש:

ביינ׳ש שטיימאן.

פ ע ר ז א נ ע ן.

הורדות אַנטיפּה, דער טעטראַרך פון יהודה.

יוחנן המטבל.

אַ יונגער סיריער, דער עלטסטער פון וואַך.

טיגעלינוס, אַ יונגער רוימער.

אַ קאַפּאַדאָציענער.

אַ נוביער.

1-טער קריגסמאַן.

2-טער קריגסמאַן.

הורדיה'ס פּאַזש.

יהודים, נוצרים און אַנדערע.

אַ שקלאַף.

נעמן, (תליון).

הורדיה, די ווייב פון טעטראַרך.

שלומית, די טאָכטער פון הורדיה.

שלומית'ס שקלאַפינס.

אַ גרויסע טעראַסע אין הורדות'ס פּאַלאַץ, וואָס שליסט זיך צו צום מאָלצייט-זאַל. עטלעכע קריגסמענער שטייען אָנגעשפּאַרט אַן די פּאַרענצעס. אַנטקעגן אַ גרויסער לייטער. אויף לינקס אין דער טיף אַן אַלטער מקווה מיט אַ צוים פֿון גרינע בראָנז. לבֿנה-ליכט.

יונגער סיריער: ווי שעהן איז היינט אוונט די בת-מלכּה שלומית.

הורדיה'ס פּאַזש: טוט אַ קוק אַף די לבֿנה, באַ דער לבֿנה איז זעער אַ מאָדנער אויסזען, זי איז ענלאַך אויף אַ טויטע פֿרוי, מען קאָן מיינען זי זוכט טויטע.

יונגער סיריער: באַ איר איז זעער אַ מאָדנער אויסזען. זי איז ענלאַך אויף אַ קליינע בת-מלכּה אין אַ געלן שלייער, באַ וועלכע די פֿיס זיינען פֿון זילבער, זי איז ענלאַך אויף אַ בת-מלכּה, באַ וועלכע די פֿיס זיינען ווי קליינע, ווייסע טייבעלאך... מען קאָן מיינען זי גייט אַ טאַנץ.

הורדיה'ס פּאַזש: זי איז ווי אַ טויטע פֿרוי, זי באַוועגט זיך זעער לאַנגזאַם.

(אַ רעש אין מאָלצייט-זאַל).

1-טער קריגסמאַן: סער'אַ רעש! וואס פֿאַר ווילדע חיות ברומען דאס?

2-טער קריגסמאַן: די יהודים. זיי זיינען תּמיד אַזוי. זיי זיינען זיך מתוכּח וועגן זייער גלויבן.

1-טער קריגסמאַן: פֿאַרוואס זיינען זיי זיך מתוכּח וועגן זייער גלויבן?

2-טער קריגסמאַן: איך ווייס ניט, זיי זיינען זיך תּמיד מתוכּח... די פּרושים, צום ביישפּיל, באַשטעטיגן, אַז ס'זיינען דא מלאָכים און די צדוקים זאגן, אַז מלאָכים עקזיסטירן ניט.

1-טער קריגסמאַן: איך האַלט פֿאַר לעכערליך צו שפּארן זיך איבער אַזעלכע

ענינים.

יונגער סיריער: ווי שעהן איז היינט אוונט די בת־מלכּה שלומית!...

הורדיה׳ס פּאַזש: איר קוקט שטענדיג אויף איר, איר קוקט צופיל אויף איר. מען טאר אַזוי ניט קוקן אויף מענשן... ס׳קאַן זיך טרעפֿן אַ אומגליק.

יונגער סיריער: זי איז זעער שעהן היינט אוונט.

1־טער קריגסמאַן: ביי׳ם טעטראַרך איז אַ טרויעריגער אויסזען.

2־טער קריגסמאַן: יע, ביי אים איז אַ טרויעריגער אויסזען.

1־טער קריגסמאַן: ער קוקט אויף עפּעס.

2־טער קריגסמאַן: ער קוקט אויף עמיצן.

1־טער קריגסמאַן: אויף וועמען קוקט ער?

2־טער קריגסמאַן: איך ווייס ניט.

יונגער סיריער: ווי ס׳איז בלייך די בת־מלכּה! איך האָב קיינמאל איר ניט געזען אַזאַ בלייכע. זי איז ענלאַך אויף א אָפּשפּיגלונג פֿון אַ ווייסער רויז אין אַ שפּיגל פֿון זילבער.

הורדיה׳ס פּאַזש: מען דארף ניט קוקן אויף איר, איר קוקט צופיל אויף איר.

1־טער קריגסמאַן: הורדיה האט אנגעגאסן וויין דעם טעטרארך.

קאַפּאַדאציאנער: די מלכּה הורדיה איז אט די, וואס איז אין שוואַרצן שלייער באַזייט מיט פּערל, בא וועלכע די האר זיינען געפֿארבן העלבלוי?

1־טער קריגסמאן: יע, דאס איז הורדיה. דאס איז די ווייב פֿון טעטראַרך.

2־טער קריגסמאַן: דער טעטראַרך האט זעער ליב וויין, ביי אים איז פֿאַראַן דריי מינים וויין: איינס פֿון אינזל סאַמאטהאַראַץ פּורפּור־רויט ווי דעם צעזארס־מאַנטל.

קאַפּאַדאָציענער: איך האָב קיינמאל ניט געזען דעם צעזאַר.

2־טער קריגסמאַן: דער צווייטער פֿון שטאָט ציפּרעס, ער איז געל ווי גאָלד.

קאַפּאַדאַציענער: איך האב זעער ליב גאלד.

2־טער קריגסמאַן: און דער דריטער איז סיצילישער וויין, דער וויין איז רויט ווי בלוט.

נוביער: די געטער פֿון מיין לאַנד האַבן זעער ליב בלוט. צוויי מאל אין יאר ברייננגען מיר זיי אין אַ קרבן בחורים און מיידלאַך, — פופֿציג בחורים און הונדערט מיידלאַך, נאָר מסתּמה, גיבן מיר זיי קיין מאל ניט גענוג, ווייל זיי זיינען זעער בייז צו אונז.

קאַפּאַדאציענער: אין מיין לאנד זיינען ניטא קיין געטער, עס האבן זיי די רוימער פֿאַרטריבן, אַנדערע זאגן אַז זיי האבן זיך פֿאַרבאַהאַלטן אין די בערג, אבער איך גלויב עס ניט. איך האב פֿאַרבראַכט דריי נעכט אין די בערג זוכנדיג זיי אומעטום, איך האב זיי ניט געפֿונען, צום סוף האב איך זיי גערופֿן נאָך די נעמען, אבער זיי האבן זיך ניט באוויזן, איך רעכן, אַז זיי זיינען געשטארבן.

1־טער קריגסמאַן: די יהודים דינען צו אַ גאט, וועלכן מען קאן ניט זען.

קאַפּאַדאציענער: איך קאן עס ניט פֿאַרשטיין.

1-טער קריגסמאַן: און בכלל גלויבן זיי נאר אין דאס, וואס מען קאן ניט זען:

קאַפּאַדאציענער: מיר קומט עס אויס אינגאַנצן לעכערלאַך.

יוחנן: (פון בעך) נאך מיר וועט קומען אַ אַנדערער, א שטאַרקערער פון מיר, איך בין ניט זוכה אַפילו פאַרנאַנדערצובינדן די רימענס פון זיינע סאַנדאַליען. ווען ער וועט קומען וועט זיך דער מדבר דערפרעהען ער וועט זיך צעבליען ווי א ליליע. די אויגן פון די בלינדע וועלן דערזען ליכט, און עס וועלן זיך עפענען די אויערן פון די טויבע. אַ ניי-געבארענער וועט לייגן זיין האַנט אויפן רוה-ארט פון פייער-שלאַנגן און וועט פירן לייבן פאַר די גריוועס זייערע.

2-טער קריגסמאַן: נייט אים שווייגן, ער רעדט שטענדיק נאַרישקייטן.

1-טער קריגסמאַן: גיין, דאס איז א הייליגער מענש, אויסער דעם איז ער זעער אַ גוטער, יעדן טאג טראג איך אים עסן, ער באַדאַנקט מיר תמיד.

קאַפּאַדאָציענער: ווער איז דאס?

1-טער קריגסמאַן: דאס איז אַ נביא.

קאַפּאַדאציענער: ווי רופט מען אים?

1-טערקריגסמאַן: יוחנן.

קאַפּאַדאציענער: פון וואנען איז ער?

1-טער קריגסמאַן: פון מדבר, וואו ער האט זיך מפרנס געווען מיט היישעריקן און ווילדן האניג. אויף אים איז געווען אַ קליידונג פון קעמל-וואל, און אויף די לענדן האט ער געטראגן אַ גורט פון פעל, זיין אויסזען איז געווען זעער ווילד, אַ גרויסער המון איז אים נאכגעגאַנגען, ער האט געהאַט אַפילו תלמידים.

קאַפּאַדאציענער: וועגן וואס רעדט ער?

1-טער קריגסמאַן: מיר ווייסן קיינמאל ניט. אפטמאל רעדט ער שרעקליכע זאַכן, נאר ס'איז אוממעגליך אים צו פאַרשטיין.

קאַפּאַדאציענער: מען קען אים זען?

1-טער קריגסמאַן: ניין דער טעטראַרך ערלויבט ניט.

סיריער: די בת-מלכה האט פאַרבאַהאַלטן דעם פנים אירן פאַרן פאָכער. אירע קליינע ווייסע הענט באַוועגן זיך ווי טייבעלאַך, וואס פליהען אַוועק אין זייערע טויב-נעסטן, זיי זיינען ענלאַך צו ווייסע שמעטערלינגן, זיי זיינען גאר, ווי ווייסע שמעטערלינגן.

הורדיה'ס פּאַזש: אבער וואס איז אייך דערצו, צו וואס קוקן אויף איר, מען דאַרף ניט קוקן אויף איר. עס קען זיך טרעפן א אומגליק.

קאַפּאַדאציענער: (באַוויייזנדיג אויפן בעך) ס'ער אַ מאדנע תפיסה!

2-טער שריגסמאַן: דאס איז אַ אַלטער מקוה.

קאַפּאַדאציאנער: אַ אַלטער מקוה, דאס מוז זיין זעער שעדלאַך?

2-טער קריגסמאַן: ניין. אט, צום ביישפּיל, דער ברודער פון טעטראַרך, זיין עלטערער ברודער, די מלכה הורדיה'ס ערשטער מאַן איז געווען פאַרזעצט דארט גאַנצע צוועלף יאר און ער איז ניט געשטארבן פון דעם. צום סוף איז נאך אויסגעקומען דערשטיקן אים.

קאַפּאַדאַציענער: דערשטיקן אים, ווער זשע האָט געוואָגט דאָס צו טאָן?

2-טער קריגסמאַן: (באַווייזנדיק אויפֿן תּליון, אַ גרויסן נעגער) אָט דער, נעמון.

קאַפּאַדאַציענער: און ער האָט ניט מורא געהאַט?

2-טער קריגסמאַן: ניין, דער טעטראַרך האָט אים געשיקט דאָס רינג.

קאַפּאַדאַציענער: וואָס פֿאַר אַ רינג?

2-טער קריגסמאַן: דאָס רינג פֿון טויט, און דערום האָט ער זיך ניט געשראָקן.

קאַפּאַדאַציענער: פֿון דעסטוועגן איז שרעקלאַך דערשטיקן אַ מלך.

1-טער קריגסמאַן: פֿאַרוואָס? ביי די מלכים איז אויך אַזאַ האַלז ווי ביי אַנדערע מענשן.

קאַפּאַדאַציענער: מיר דאַכט זיך — דאָס איז שרעקלאַך.

סיריער: די בת-מלכה שטעהט אויף, זי גייט אַרויס פֿון טיש, ביי איר איז זעהר אַ לאַנגווייליגער אויסזעהן אָ! זי גייט אַהער, יע, זי גייט צו אונז. ווי זי איז בלייך, איך האָב קיינמאָל ניט געזען זי אַזאַ בלייכע.

הורדיה'ס פּאַזש: ניט קוקט אויף איר, איך בעט אייך, ניט קוקט אויף איר.

סיריער: זי איז ווי אַ טויב, וועלכע האָט זיך פֿאַרבלאָנדזשעט, זי איז ווי אַ נאַרציס, וואָס געבויגן פֿון ווינט איז... זי איז ענלאַך צו אַ זילבערנעם בלום.

(עס גייט אַריין שלומית).

שלומית: איך וועל ניט פֿאַרבלייבן דאָרט. איך קען דאָרט ניט פֿאַרבלייבן. פֿאַרוואָס קוקט דער טעטראַרך אַלץ אויף מיר מיט זיינע אויגן פֿון אַ מוילוואָרף, פֿון אונטער די ציטריגע ווייגן? ס'איז זעהר מאָדנע וואָס דער מאַן פֿון מיין מוטער קוקט אויף מיר אַזוי. איך ווייס ניט, וואָס זאָל דאָס באַדייטן... איבעריגענס, יע איך ווייס דאָס.

סיריער: איר זייט אַוועק פֿון מאָלצייט, בת-מלכה?

שלומית: ווי די לופֿט איז דאָ פֿריש! דאָ צום סוף קאָנען אָטעמען. דאָרט, אינווייניק — די יהודים פֿון ירושלים, וועלכע בייסן זיך איבער זייערע נאַרישע מנהגים; און די באַרבאַרן, וועלכע טרינקן אַלץ און פֿאַרגיסן ווייַן אויף די פּליטן פֿון דיל; און די גריכן פֿון סמירנע מיט אונטערגעפּירטע אויגן און אָנגעפּאַרבענע באַקן און אין רינג פֿאַרפֿלעכטע האָר; און די מצרים, די שווייגעדיגע און לוסטיגע, מיט נעגל פֿון נעפֿריט און ברוינע מאַנטלען; און די רוימער מיט זייער גראָבקייט, שווערקייטן און זידלערייען. אָ, ווי איך האָב פֿיינט די רוימער! דאָס זיינען גראָבע מענשן און האַלטן זיך פֿאַר די פֿאָרנעמסטע לייט.

סיריער: אפֿשר ווילט איר זיך זעצן, בת-מלכה?

הורדיה׳ס פּאַזש: צו וואָס ריידן מיט איר, צו וואס קוקן אויף איר. אָ, ס׳וועט זיך טרעפֿן אַ אומגליק.

שלומית: ווי ס׳איז אַנגענעם צו זען די לבנה! זי איז ענלאך צו אַ קליינע מטבע, מען קאן מיינען דאָט איז גאָר אַ קליינינקער זילבערנער בלום. זי איז קאַלט און צניעות׳דיג די לבנה. איך בין אַיינגע־גלויבט, אַז זי איז מיידלש־ריין. ביי איר איז די שענקייט פֿון אַ יונגפֿרוי. זי איז אַ יונגפֿרוי, זי האט קיינמאל ניט באַשמוצט זיך. זי האָט זיך קיינמאל ניט אפגעגעבן מאַנסבילן ווי אַנדערע געטינס.

יוחנן׳ס שטים: ער איז געקומען ד״ר האַר, ער איז געקומען דער מענשן־זון, די צענטאַוורען האָבן זיך פֿאַרבאַהאַלטן אין די טייכן, און די סי־רענען האָבן פֿאַרלאָזן די טייכן און באַהאַלטן זיך צווישן די בלע־טער אין וואַלד!

שלומית: ווער האט אויסגעשריען דאָס?

2־טער קריגסמאַן: דער נביא, בת־מלכה.

שלומית: אַ, דער נביא, דער פֿאַר וועלכן עס האָט מורא דער טעטראַרך?

2־טער קריגסמאַן: מיר ווייסן גארנישט פֿון דעם, בת־מלכה. דאָס איז יוחנן הנביא.

סיריער: איר ווילט איך זאל הייסן דערלאַנגן אַייערע טראג־בעטלאַך, בת־מלכה? ס׳איז זע״ר גוט אין גאָרטן.

שלומית: ער רעדט שרעקליכע זאַכן וועגן מיין מוטער, ניט וואר?

2־טער קריגסמאַן: מיר פֿאַרשטייען קיינמאָל ניט וואס ער רעדט, בת־מלכה.

שלומית: יע, ער רעדט שרעקליכע זאַכן וועגן איר.

שקלאַף: בת־מלכה, דער טעטראַרך בעט אַייך זיך אומקערן אויפֿן מאלצייט.

שלומית: איך וועל זיך ניט אומקערן אַהין.

סיריער: אַנטשולדיגט, בת־מלכה, אבער אויב איר וועט זיך ניט אומקערן קאָן זיך טרעפֿן אַ אומגליק.

שלומית: ער איז אַ זקן, דער נביא?

סיריער: בת־מלכה, בעסער אומצוקערן זיך. ערלויבט מיר באַגלייטן אַייך.

שלומית: דער נביא איז אַ זקן?

1־טער קריגסמאַן: ניין, בת־מלכה, דאס איז נאָך גאָר אַ יונגער בחור.

2־טער קריגסמאַן: קיינער ווייס ניט. אַנדערע זאגן, אַז דאָס איז אליהו.

שלומית: ווער איז דאָס אליהו?

2־טער קריגסמאַן: זעער אַ אוראַלטער נביא פֿון דעם לאַנד, בת־מלכה.

שקלאַף: וואָס פֿאַר אַ ענטפֿער זאָל איך איבערגעבן דעם טעטראַרך פֿון בת־מלכה׳ס נאמען?

יוחנן׳ס שטים: ניט פֿרעה זיך ארץ־ישראל, וואָס די בייטש פֿון דעם, ווער ס׳האט געשמיסן דיר איז צובראָכן: ווייל פֿון שלאַנג וועט אַרויס־קומען אַ עקדעש און דאָס וואָס פֿון אים וועט געבאָרן ווערט אַיינ־שלינגען די פֿויגל!

שלומית: ס׳ער אַ מאדנער קול, איך וואָלט וועלן ריידן מיט אים.

1-טער קריגסמאַן: איך האָב מורא, אַז דאס איז אומעגלאַך, בת מלכּה, דער טעט־ראַרך וויל ניט מען זאל מיט אים ריידן. ער האָט פאַרווערי אַפילו דעם כהן גדול ריידן מיט אים.

שלומית: איך וויל ריידן מיט אים.

1-טער קריגסמאַן: דאס איז אומעגלאַך, בת־מלכּה.

שלומית: איך וויל עס.

יונגער סיריער: באמת, בת־מלכּה, בעסער אומקערן זיך אויפן מאָלצייט.

שלומית: פירט אַרויס דעם נביא.

1-טער קריגסמאַן: מיר וואַגן ניט, בת־מלכּה.

שלומית: (צוגייענדיג צום בעך און אַריינקוקנדיג אין אים) ווי דארט איז פינסטער! ס'מוז זיין שרעקלאַך צו זיצן אין אַזאַ לאך! דאס איז ענלאַך צו אַ קבר (די קריגסלייט) איר האָט ניט געהערט? פירט אַרויס אים. איך וויל אים זען.

2-טער קריגסמאַן: איך בעט אַייך, בת־מלכּה, ניט פאָדערט פון אונז דאָס.

שלומית: איר צווינגט מיר וואַרטן?!

1-טער קריגסמאַן: אונזערע לעבנס געהערן אַייך, נאָר מיר קאָנען ניט ערפילן דאָס, וואָס איר פאָדערט פון אונז... צום סוף ניט צו אונז דאַרפט איר זיך ווענדן.

שלומית: (קוקנדיג אַויפן יונגן סיריער) אַ!

הורדיה'ס פאַזש: אָ! וואָס ס'ועט זיך איצט טרעפן! איך בין אַיינגעגלויבט, אַז עס וועט זיך טרעפן אַ אומגליק.

שלומית: (דערנענטערנדיג זיך צום יונגן סיריער) איר וועט דאָס טאָן פאַר מיר ניט אמת, נאָראַבאט, איר וועט דאס טאָן פאַר מיר. איך בין שטענדיק געווען צוגעלאזט צו אייך, ניט אמת. איר וועט דאָס טאָן פאַר מיר. איך וויל נאָר א קוק טאן אַויף אים, אויף דעם מאָדנעם נביא. וועגן אים האָט מען אַזוי פיל גערעדט, איך האָב אזוי אָפט געהערט ווי דער טעטראַרך האָט וועגן אים גערעדט. מיר דאַכט זיך ער האט מורא פאַר אים. דער טעטראַרך, איך בין איינגעגלויבט אַז ער האָט מורא פאַר אים, ס'קען זיין איר אויך נאַראַבאַט, סקען זיין איר האָט אויך מורא פאַר אים?

סיריער: איך האָב ניט מורא פאַר אים, בת מלכּה, איך האָב פאַר קיינעם ניט קיין מורא, נאָר דער טעטראַרך האט שטריינג פאַרווערט אויפצוהייבן דעם דעקל פון דעם ברונען.

שלומית: איר וועט דאָס טאָן פאַר מיר, נאָראַבאט, און מאָרגן ווען מען וועט מיר דורכטראָגן אויף די טראָג - בעטלאך דורך די טויערן, וואו די געצן פאַרקויפער, וועל איך לאזן פאַר אייך אַ קליינינקן בלום אַ־קליינינקן גרינינקן בלום.

סיריער: בת מלכּה, איך קאן ניט, איך קאָן ניט.

שלומית: (שמייכלענדיג) איר וועט דאס טאָן פאַר מיר, נאַראבאָט, איר ווייסט אַז איר וועט דאָס טאָן פאר מיר און מאַכן ווען מען וועט מיר דורכ־

טראָגן אין די טראַג־בעטלאַך איבערן בריק וואו די געצן קויפֿער וועל איך אַ קוק טאָן אויף אייך דורכן טיולענעם דעקטוך, איך וועל אַ קוק טאן אויף אייך, נאַראַבאט, איך וועל, מעגלאַך, אַ שמייכל טאָן, צו אייך. גיט אַ קוק אויף מיר, נאַראַבאַט, גיט אַ קוק אויף מיר. אַ! איר ווייסט גוט אַז איר וועט טאָן דאַס וואָס איך בעט אייך, איר ווייסט דאס גוט, ניט אמת? איך, איך ווייס דאָס גוט.

סיריער: (געבנדיג אַ צייכן דעם 3־טן קריגסמאַן) פֿירט אַרויס דעם נביא, די בת־מלכּה שלומית וויל אים זען.

שלומית: אַ!

הורדיהס פּאָזש: אַ! סער'אַ מאָדנער אויסזען בּאַ דער לבנה! מען קאן מיינען דאָס איז אַ האַנט פֿון אַ טויטע, וועלכע וויל זיך פֿאַרדעקן מיט אַ סייבע.

סיריער: זעער אַ מאדנער אויסזען ביי איר. מען קאָן מיינען דאָס איז אַ קליינע בת־מלכּה מיט אויגן פֿון בורשטין, דורך די וואלקענס פֿון טיול שמייכעלט זי, ווי אַ יונגע בת־מלכּה.

(דער נביא גייט אַרויס פֿון ציסטערנע שלומית קוקט אויף אים און טרעט אָפּ)

אתנן: וואו איז דער וועמענס בעכער פֿון זינד איז שוין איבערפֿולט, וואו איז דער ווער סוועט אַמאָל אין זילבערנע קליידער שטארבן פֿאַר די אויגן פֿון גאַנצן פֿאלק. זאָגט אים ער זאל קומען כּדי ער זאל קאָנען דערהערן דעם קול פֿון דעם, וואָס האָט גערופֿן אין די מדבריות און אין די פּאַלאַצן פֿון מלכים!

שלומית: וועגן וועמען רעדט ער?

סיריער: קיינער ווייס קיין מאָל ניט, בת־מלכּה.

יוחנן: וואו איז די, וועד דערזעענדיק מענער אנגעמאלטע אויפֿן וואַנט, די פֿנימער פֿון כּאַלדעער געצייכנט מיט פֿאַרב, האט געלאזט פֿאַרפירן זיך דעם באגער פֿון אירע אויגן און האָט געשיקט שלוחים קיין כּאַלדעיע?!

שלומית: דאָס רעדט ער וועגן מיין מוטער.

יוחנן: וואו איז די, וועלכע ספלעגט זיך אָפּגעבן די קריגספירער און די סי־ריער, וועלכע ס'טראגן איבערבאַנד; אויף די לענדן און אויף די קעפּ קרוינען פֿון אַלערליי קאָלירן? וואו איז די, וואָס פּלעגט זיך אָפּגעבן די בחורים, וועלכע זיינען אָנגעקליידט אין ליין און פורפור, וועלכע טראָגן גאָלדערנע שילדן און זילבערנע פּאַנצערס און וועלכע זיי־נען געוויקסיג מיטן קערפּער? זאָגט איר, אַז זי זאָל אויפֿשטיין פֿון געלעגער פון אירע פּרעכיקייטן, פֿון איר געלעגער פֿון איר בלוט־צומישונג, כּדי זי זאָל קאָנען דערהערן די ווערטער פֿון דעם, וואָס מאַכט גרייט די וועג פֿון גאט, כּדי זי זאָל חרטה האָבן אויף די זינד אירע און אויב זי וועט קיינמאָל ניט חרטה האבן און וועט פאַרבלייבן אין די אומריינקייט אירע טא זאגט איר זי

זאָל קומען. ווייל גאט האלט שוין די בייטש אין דער האַנט זיינער!

שולמית: אָבער ער איז שרעקליך. ער איז שרעקליך.

סיוייער: ניט פֿאַרבלייבט דאָ בת - מלכּה, איך בעט אייך.

שלומיר: גאר די שרעקליכסטע דאָס זיינען די אויגן מען קאָן מיינען דאס זיינען שווארצע לעכער דורכגעבערענטע מיט אַ שטורקאַץ אויף אַ טעפּיך צור, מען קאן מייגען, דאס זייגען שווארצע היילן וואַו ס׳וויינען פֿייער שלאַנגען, די שוואַרצע היילן פֿון מצרים וואו פֿייער- שלאַנגען געפֿינען זיך אַ באַהעלטענעש. מען קאָן מיינען דאס זיינען שוואַרצע ימים אויפֿגערודערטע פֿון פֿאַנטאַסטישע לבנות... איר מיינט ער וועט נאך רעדן?

סיריער: ניט פֿאַרבלייבט דאָ, בת-מלכּה, כּבעט אייך ניט פֿאַרבלייבט דא.

שלומית: און ווי ער איז דאַר, ער איז ענלאך צו אַ איידעלע שניץ-ווערק פֿון העלפֿאַנד ביין. מען קאן מיינען, דאָס איז אַ שניץ-ווערק פֿון זילבער איך בין אַיינגעגלויבט אַז ער איז צניעותדיק. אַקוראַט אַזוי ווי די לבנה. ער איז ענלאַך צו אַ זילבערנעם שטראַל. זיין לייב מוז זיין זעער אַ קאַלטע ווי העלפֿאַנד ביין. איך וויל אַ קוק טאן אויף אים פֿון דער נאענט.

סיריער: ניין, ניין, בת-מלכּה!

שלומית: איך דאַרף אַ קוק טאָן אויף אים פֿון דער נאנט.

סיריער: בת-מלכּה! בת-מלכּה!

יוחנן: ווער איז די אשה, וואס קוקט אויף מיר? איך וויל ניט זי זאל קוקן אויף מיר. פֿאַרוואס קוקט זי אויף מיר מיט אירע גאָלדענע אויגן פֿון אונטער די גאלדענע ווען? איך ווייס ניט ווער זי איז. איך וויל דאס ניט וויסן. זאגט איר זי זאל אַוועקגיין, ניט מיט איר וויל איך ריידן!

שלומית: איך בין שלומית, די טאכטער פֿון הורדיה, די בת-מלכּה פֿון יהודה.

יוחנן: אַוועק, טאכטער פֿון בבל, ניט דערנענטערט זיך צום אויסגעוויילטן פֿון גאט. די מוטער דיינע האט אנגעפֿילט די ערד מיט דעם ווײַן פֿון איר זנות, און דער געשריי פֿון די זינד אירע האט דערגרייכט גאט׳ס אויערן!

שלומית: רעד נאך, יוחנן, דיין קול פֿאַרשכּורט מיר.

סיריער: בת-מלכה! בת-מלכּה! בת-מלכּה!

שלומית: א רעד נאך, רעד נאך, יוחנן, און זאָג מיר וואָס באַדאַרף איך טאָן.

יוחנן: ניט דערנענטערט זיך צו מיר טאכטער פֿון סדום, נאָר פֿאַרדעקט מיטן דעקטוך דעם פּנים אַייערן, באַשיט די קאפּ אַייערע מיט אש און גייט אין דעם מדבר זוכן דעם מענשן-זון.

שלומית: ווער איז דאס דער מענשן-זון. ער איז אויך אַזוי שיין, ווי דו, יוחנן?

יוחנן: אַוועק, אַוועק. איך הער אין פּאַלאַץ א פֿלאַטערן פֿון פֿליגלען פֿון מאך המות.

סיריער: בת-מלכה, איך בעט אייך קערט זיך אום.

יוחנן: גאָטס שליח, וואס טוסטו דאָ מיטן שווערד דיינעם, ווען זוכסטו דא אין אַ אומריינעם פּאַלאַץ? דער טאג פון דעם, ווער סוועט שטאַרבן אין א זילבערנע קליידונג, איז נאך ניט געקומען!

שלומית: יוחנן!

יוחנן: ווער רעדט?

שלומית: יוחנן, איך בין פֿאַרליבט אין דיין לייב, דיין לייב איז ווייס ווי אַ ליליע פון טאָל, וועלכן אַ שניטער האָט נאָך קיינמאָל ניט געשניטן. דיין לייב איז ווייס ווי די שנייען, וואָס ליגן אויף די בערג, ווי די שנייען, וואָס ליגן אויף די בערג פון יהודה און וואָס נידערן ניט אַראָפּ אין די טאלן. די רויזן אין גאָרטן פון דער אַראַ-ווישער מלכּה זיינען ניט אַזוי ווייס ווי דיין לייב. ניט די רויזן אין גאָרטן פון דער אַראַווישער מלכּה, ניט די שפּורן פון מאָרגן רויט וואָס לויפן דורך איבער די בלעטער, ניט די ברוסט פון דער לבנה ווען זי רוט אויפן בוזים פון ים... ניטאָ גאָרנישט אויף דער וועלט, וואס ס׳זאל זיין אַזוי ווייס ווי דאָס לייב דיינע... לאז זיך מיר צורירן צו דאָס לייב דיינע.

יוחנן: אַוועק טאכטער פון בבל! דורך דער פרוי איז געקומען די שלעכטס אויף דער וועלט. ניט רעדט מיט מיר, איך וויל דיר ניט הערן, איך הער זיך נאָר איין צו די ווערטער פון גאָט.

שלומית: דיין לייב איז עקלהאַפט! זי איז ווי אַ לייב פון אַ געקרעציגטן, זי איז ווי א אויסגעווייסטע וואַנט, איבער וועלכע ס׳האָבן דורכגע-פויזעט עקדעשן, ווי אַ אויסגעווייסטע וואַנט, אויף וועלכע ס׳האַבן זיך אויסגעבויט אַ נעסט סקאָרפּיאָנען, זי איז ווי אַ אויסגעווייסטער קבר אנגעפילט מיט מיאוסע זאַכן. זי איז שרעקלאַך, זי איז שרעקלאַך, דיין לייב. איך בין אין דיינע האר פֿאַרליבט, יוחנן! דיינע האָר זיינען ענלאַך צו בינט וויינטרויבן, צו בינט שוואַרצע וויינטרויבן, וואס היינגן אַראָפּ פון אדמ׳ס וויינשטאָקן אין לאַנד פון די אַדומים. דיינע האָר זיינען ווי צעדערן פֿון לבנון, ווי גרויסע צעדערן פון לבנון, וואס שיינקן אַ שאָטן לייבן און גזלנים, וועלכע ווילן בייטאָג זיך באַהאַלטן. לאַנגע שוואַרצע נעכט, נעכט, ווען עס באַווייזט זיך ניט די לבנה, ווען עס שרעקן זיך די שטערן — זיינען ניט אַזוי שוואַרץ. דער שווייגן וואָס הערשט אין די וועלדער איז ניט אַזוי שוואַרץ. ניטא גארנישט אויף דער וועלט וואס זאָל זיין אַזוי שוואַרץ ווי דיינע האר... לאָז מיר זיך צורירן צו די האָר דיינע.

יוחנן: אַוועק, טאָכטער פון סדום! ניט ריר זיך צו צו מיר. מען טאָר ניט באַ-שמוצן דעם מקדש פון גאָט.

שלומית: דיינע האר זיינען שרעקלאַך! זיי זיינען באַדעקט מיט שמוץ און שטויב, זיי זיינען ווי אַ דערנער־קראַנץ, אַרויפגעלייגט אויף דיין שטערן, זיי זיינען ווי אַ קנויל שוואַרצע שלאַנגען, וואס דרייען

אַרום דיין האַלז. איך האָב ניט האָלט דיינע האָר. איך בין אין דיין מויל פֿאַרליבט, יוחנן. דיין מויל איז ווי אַ העל-רויטע איבערבאַנד אויף אַ טורם פֿון העלפֿאַנט-ביין, עס איז ווי אַ מילגרוים, וואָס איז צושניטן מיט אַ מעסער פֿון אַ העלפֿאַנט-ביין. די מילגרוים-בלומען, וואָס בליען אין די גערטנער פֿון צור, און וואָס זיינען רויטער פֿאַר רויזן, זיינען ניט אַזוי רויט. די רויטע געשרייען פֿון די טרומייטן, וואָס זאָגן אָן דעם אָנקומען פֿון די מלכים, און וואַרפֿן אַ אימה אויף די פֿיינט — זיינען ניט אַזוי רויט. דיין מויל איז רויטער פֿאַר די פֿיס פֿון די וואָס טרעטן ווייןטרויבן אין די טרעטערס. עס איז רויטער ווי די פֿיס פֿון טויבן, וואָס האַלטן זיך אויף אין די טעמפּלען און וועלכע סע שפּייזן די כּהנים. עס איז רויטער ווי די פֿיס פֿון דעם, וואָס קערט זיך אום פֿון וואַלד וואו ער האָט דערהרג׳עט אַ לייב און דערזען די גאָלדענע טיגערן. דיין מויל איז ווי אַ צווייג קאַרעלן, וואָס פֿישער האָבן געפֿונען אין פֿינסטערניש פֿון ים און האָבן פֿאַרהאַלטן פֿאַר די מלכים. עס איז ווי צינויבער וואָס עס געפֿינען די מואבים אין די מעטאַל גרובן פֿון מואָב און וועלכע עס נעמען צו בײַ זיי די מלכים. עס איז ווי אַ בויגן פֿון פּערסישן מלך, אַ פֿונאַנדערגעשריבענער מיט צינויבער און מיט קאַרעלענע שפּיצן. ניטאָ גאָרנישט אין דער וועלט, וואָס ס׳זאָל זיין נאָך אַזוי רויט ווי דאָס מויל דיינע. לאָז מיר אַ קוש טאָן דיין מויל.

יוחנן: קיין מאָל ניט, טאָכטער פֿון סדום, קיין מאָל ניט!

שלומית: איך וועל אַ קוש טאָן דיין מויל, יוחנן, איך וועל אַ קוש טאָן דיין מויל!

סיריער: בת-מלכּה, בת-מלכּה, דו וואָס ד׳ביסט ווי אַ מירטן-בינטל, דו וואָס ד׳ביסט אַ טויב פֿון טויבן. ניט קוק אויף דעם מענטשן, ניט קוק אויף אים׳ ניט זאָג אים אַזעלכע זאַכן. איך קען זיי ניט פֿאַרטראָגן... בת-מלכּה, בת-מלכּה, ניט רייד אַזעלכע זאַכן!

שלומית: איך וועל אַ קוש טאָן דיין מויל, יוחנן.

סיריער: אַ! (ער דערהרג׳עט זיך און פֿאַלט צווישן שלומית און יוחנן)

הורדיה׳ס פּאַזש: דער יונגער סיריער האָט זיך דערהרג׳עט! דער יונגער הויפּטמאַן האָט זיך דערהרג׳עט! עס האָט זיך דערהרג׳עט דער, ווער ס׳איז געווען מיין חבר! איך האָב אים געשאָנקן אַ קליינע קעסטעלע מיט בשמים און אויערינגלאַך פֿון זילבער און איצט האָט ער זיך דערהרג׳עט! אַך, צו האָב איך ניט פֿאָראויסגעזאָגט, אַז ס׳וועט זיך טרעפֿן אַ אומגליק? איך האָב דאָס אַליין פֿאָראויסגעזאָגט און אָט האָט דאָס געטראָפֿן! איך האָב געוואוסט, אַז די לבנה האָט געזוכט אַ טויטן, נאָר איך האָב ניט געוואוסט, אַז זי האָט אים געזוכט. אַך! פֿאַרוואָס האָב איך אים ניט באַהאַלטן פֿון דער לבנה. אויב איך וואָלט אים באַהאַלטן ערגעץ וואו אין אַ

הייל וואלט זי ניט דערזען אים.

1-טער קריגסמאַן: בת-מלכה, דער יונגער הויפּטמאַן האָט נאָר וואָס זיך דער-הרג'עט.

שלומית: לאָז מיר אַ קוש טאָן דיין מויל, יוחנן.

יוחנן: צו דען איז אַייך ניט שרעקלאַך, טאָכטער פון הורדיה? האָב איך דען אַייך ניט געזאָגט, אַז כ'האָב געהערט אין פּאַלאַץ אַ פלאַטערן פון פליגל פון מלאך-המות, און צו איז דען ניט געקומען דער מלאך?

שלומית: לאָז מיר אַ קוש טאָן דיין מויל.

יוחנן: טאָכטער פון זנות, ס'איז דאָ נאָר איין מענש וועלכער קאָן ראַטעווען דיר, דאָס איז דער, וועגן וועלכן איך האָב געזאָגט דיר. גיי זוכט אים, ער איז אין אַ שיפל אויפן ים כנרת און רעדט צו זיינע תלמידים. שטעלט זיך אויף די קני אויפן ברעג ים און טוט רופן אים מיטן נאָמען. ווען ער וועט קומען צו אַייך, ווייל ער קומט צו אַלעמען וואָס רופן אים, שפּרייט זיך אויס בײַ די פיס זיינע און בעט בײַ אים מחילה אויף די זינד אַייערע..

שלומית: לאָז אַ קוש טאָן דיין מויל.

יוחנן: זייט פאַרשאָלטן, טאָכטער פון אַ מוטער-אַ בלוט-צומישערן, זייט פאַר-שאָלטן!

שלומית: איך וועל אַ קוש טאָן דיין מויל, יוחנן.

יוחנן: איך וויל ניט קוקן אויף דיר. איך וועל ניט קוקן אויף דיר. דו ביסט פאַרשאָלטן, שלומית, דו ביסט פאַרשאָלטן! (ער לאָזט זיך אַראָפּ אין ציסטערנע).

שלומית: איך וועל אַ קוש טאָן דיין מויל, יוחנן.. איך וועל אַ קוש טאָן דיין מויל.

1-טער קריגסמאַן: מען דאַרף אַריבערטראָגן דעם טויטן קערפּער אין אַ אַנדער אָרט. דער טעטראַרך האָט ניט ליב צו קוקן אויף טויטע קערפּערס אויסער די קערפּערס פון די, וועלכע ער אַליין האָט דער'הרג'עט.

הורדיה'ס פּאַזש: ער איז געווען מיר אַ ברודער און נענטער פון אַ ברודער. איך האָב געשאָנקען אים אַ קליינע קעסטעלע אין וועלכע ס'זיינען געווען בשמים און אַ רינג פון אַ גאָט, וועלכן ער פלעגט שטענדיג טראָגן אויפן האַנט. אָוונט צייט פלעגן מיר שפּאַצירן ביים ברעג פון טייך און אונטער די מאַנדל-ביימער, און ער פלעגט מיר דערציילן פון זיין היימאַט. ער פלעגט שטענדיג ריידן זייער שטיל. דער קלאַנג פון זיין שטים איז געווען ענלאַך צו אַ פליייטן-קלאַנג פון איינעם פון די, וואָס עס שפּילן אויף פלייטן. ער האָט אויך זייער ליב געהאַט צו קוקן זיך אין טייך. איך פלעג מאַכן אים פאָרוואורפן פאַר דעם.

2-טער קריגסמאַן: איר זייט גערעכט. מען דאַרף באַהאַלטן דעם קערפּער. מען דאַרף ניט דער טעטראַרך זאָל אים זען.

1-טער קריגסמאַן: דער טעטראַרך וועט ניט קומען אַהער. ער קומט קיין מאָל

ניט אויפֿן טעראַסע, ער האָט צופֿיל מורא פֿאַרן נביא.

(ס'גייען אַריין הורדות, הורדיה און דער גאַנצער הויף).

הורדות: וואו איז שלומית, וואו איז די בת-מלכּה, וואַרום האָט זי זיך ניט אומגעקערט אויפֿן מאָלצייט, ווי איך האָב באַפֿעלן איר? אַ! אָט איז זי.

הורדיה: מען דאַרף ניט קוקן אויף איר. איר קוקט די גאַנצע צייט אויף איר.

הורדות: זעער אַ מאָדנער אויסזען איז בא דער לבנה היינט אָוונט. ניט אמת? בא דער לבנה איז זעער אַ מאדנער אויסזען. זי איז ווי אַ היסטערישע פֿרוי, אַ היסטערישע פֿרוי וועלכע גייט און זוכט אומעטום ליבהאבער. אויסער דעם איז זי אַ נאַקעטע, זי איז גאָר אַ נאקעטע. די וואָלקענס פֿרובן פֿאַרדעקן זי, נאר זי וויל נישט, זי וואַקלט זיך אַרום צווישן די וואלקנס, ווי אַ שיכּור'ע פֿרוי. איך בין אַיינגעגלויבט, אַז זי זוכט ליבהאָבער, ניט אמת? זי וואַקלט זיך ארום ווי אַ שיכּור'ע פֿרוי, זי איז ענלאַך צו אַ היסטערישע פֿרוי, ניט אמת?

הורדיה: ניין, די לבנה איז ענלאַך צו דער לבנה און גאָר. לאָמיר זיך אומקערן... איר האט גארנישט וואס צו טאָן דא.

הורדות: איך וועל פֿארבלייבן! מנשה, בעט אויס דאָרט טעפּיכער, צינדט אָן שטורקאַצן, ברייגנט טישן פֿון העלפֿאַנד-ביין און טישן פֿון שהם שטיין. די לופֿט איז דאָ פּראַכטפֿול. איך וועל נאָך אויסטרינקן ווייַן מיט מיינע געסט, די שלוחים פֿון קיסר דאַרפֿן אָפּגעבן ווערן אַלערליי כּבוד'ן.

הורדיה: ניט צוליב זיי בלייבט איר.

הורדות: יע, די לופֿט איז פּראַכטפֿול. גיי, הורדיה, אונזערע געסט וואַרטן אונז. אַך! איך האָב זיך אַויסגעגליצט! כ'האָב זיך אויסגעגליצט אין בלוט! דאָס איז אַ שלעכטער סימן, דאס איז זעער אַ שלעכטער סימן! פֿאַרוואָס איז דאָ בלוט?.. און דער טויטער קערפּער? פֿאַרוואָס איז דאָ דער טויטער קערפּער? צו דען מיינט איר, אַז איך בין ווי דער עגיפּטישער מלך, וועלכער מאַכט ניט קיין איין מאָלצייט, וואו ער זאָל ניט באווייזן קיין טויטן קערפּער זיינע געסט. צום סוף, וועֶר איז דאָס, איך וויל אויף אים ניט קוקן!

1-טער קריגסמאַן: דאָס איז אונזער הויפּטמאַן, מיין האַר, דאס איז דער יונגער סיריער, וועלכן איר האָט געמאַכט פֿאַר אַ הויפּטמאַן אין גאנצן מיט דריי טעג צוריק.

הורדות: איך האָב ניט געגעבן קיין באַפֿעל צו טויטן אים.

2-טער קריגסמאַן: ער האט אליין דער'הרג'עט זיך, מיין האַר.

הורדות: וואַרום? איך האָב דאָך אים געמאַכט פֿאַר אַ הויפּטמאַן.

2-טער קריגסמאַן: מיר ווייסן ניט, מיין האַר, נאָר ער האָט אַליין זיך דערהרג'עט.

(המשך קומט).

פ. אַייזיק. ⁞ פון ציקל „באַגינען“.

א. ווען ס׳ווערט געבארן דער באַגינען.

נעכטן איז דעם טאָג געוואָרן שווער פון לאַנגן זיין,
האט ער אָוונט-צייט געפינטלט מיט די אויגן,
ביז ר׳האט אויסגעצויגן,
גליד נאך גליד.
אוונטיק און מיד,
די אויגן צוגעמאַכט,
און אַיינגעשלאפן
אין דער נאַכט...
האט זיך אים געחלומט טוי
האט זיך אים געפלאנטערט גרוי
אַ חלום בלוי —
פון וויגן זיך אַזוי;
מיט האַלבע אויגן אָפן,
פון ליגן זיך אַזוי,
אַ האלב איז וואַך, א האלב פאַרשלאפן...
האט עס אויסגעזען —
ווי נעכטן וואָלט זיך טאג פאַרליבט אין נאַכט,
און אין תאַווה-גלי צו איר פאַרקראכן,
און נאכט איז מעוברת געווארן,
און האט אַ באגינען געבארן...

און אַז נעכטיקער טאג האט אַ גענעץ געטאן,
האט מאַמע-נאַכט צוווארפן די ברוסטן,
און תאַווה׳יש פאַרזשמורעט די אויגן,
אז טאג זאל זיך גלוסטן,
נאך לייִנגער צו ליגן —
מיט איר, און פאַרוויגן
דעם יונגן באַגינען...
און אַז נעכטיקער טאג האט אַ צווייט מאל געגענעצט
האט מאַמע נאַכט צולאָזן זיי וואַלדישע לאקן,
נאר טאג איז מטושטש געבליבן.
האט זיך נאַכט דערשראקן,
און איז אַנטלאפן...

— — — — — — — — — — — — — — —

טאג האט זיך דערמאנט,

און די אויגן אויסגעריבן,
אויסגעצויגן בלייכע הענט,
אַרומגעקוקט און ניט דערקענט...
דער חלום — צורונען,
און טאג האט געפונען —
אַ יונגן באַגינען...

פון חלומות אויסגעשפינען,
טריפן טראָפּנס טוי און רינען,
ס׳איז אַ יונגינקער באַגינען.
שטיל און בלייך,
גלעטענדיק און ווייך,
בלויע אדערלאַך אַרום די אויגן.
און די ליפעלאַך צוצויגן
ווי אַ קוש צו געבן.
ס׳אטעמט טיף און שטיל אַ לעבן.
שוין אַ בעקעלע פאַררייטלט,
באַ דעם יונגינקן באַגינען,
פון חלומות אויסגעשפינען...

ב. ווער וועקט?

ווער וועקט, ווער?
כ׳זעה נישט, נאָר איך הער:
— חאַכט אויף!
ווער איז דאס, ווער?

אַ פויגל האט זיך דורכגעטראָגן,
און די שווייגעניש צושלאגן.
אַ בלעטל האט אַ שאָרך געטון —
באַלד שיינט אויף די זון.

ווער וועקט, ווער וועקט?
כ׳ווייס נישט, נאָר עס שרעקט.
איך!... כ׳בין פאַרשטעקט.
ווער וועקט, ווער וועקט?

קלאַפּט עס ערגעץ וואו,
בו!... צושטערט די רו,
ס׳קרייט אַ לעצטער האָן,
באַלד שיינט אויף די זון.

ווער האט איצטער אויפגעוואַכט?
ס׳שפינט נאך אויס איר סוד די נאַכט.
הימלען זיינען נאך פארמאכט.
ווער האט איצטער אויפגעוואַכט?...

ס׳שרעקט, ס׳שרעקט,
וועלט איז אויפגעוועקט.
נאַכט, אַנטלויף, אַנטלויף!
באַלד שיינט אויף די זון...

— —

ג. פֿאַרבן-שפּיל.

שטיל שטיל שטיל,
צושפּילט אין פֿאַרבן שפּיל
דער אימלס בלייכער בלוי.
שטיל, עס פֿאַלט אַ טוי.

שטיל, שטיל, שטיל.
כ'וויס נישט וואס איך וויל.
כ'קוק אין ראָזן היל,
און הער דעם פֿויגל-שפּיל...

פֿויגל-טאַנץ, פֿויגל-טאַנץ,
שטראַלן-בליאַסק, וואַסער-גלאַנץ,
פֿליגל-פֿאָך, פּערל-טוי,
שאַ אַזוי, שטיל אַזוי.

ווינטל-בלאז, ווינטל-בלאז,
ווייע שטיל אזוי אין גראז.
ווינטל ווײ, ווינטל יאג,
נאג אַרויס דאס האַרץ, און נאָג.

בוימל שארך, בוימל שארך,
בייג אַ צווייגל אן און הארך.
שטיל, שטיל, שטיל,
ס'שפּילט דער פֿאַרבן-שפּיל...

ד. ווער האט צושלאגן דעם שטילן באַגינען?

כ'וועל אַרויס אַ באַגינען אין דרויסן
און טרעפֿן די וועלט נאָך פֿאַרשלאָפֿן,
און נאָכדעם וועט קלינגען א גלאק פֿון אַ קלויסטער
און רופֿן, און רופֿן — — —

וועט טרייסלען זיין קלאנג אין די לופֿטיגע וועלן,
און וועקן די וועלט פֿונם שלאף און איר וועקן,
אַ פֿויגל אין נעסט וועט זיך רייבן די אויגן, —
פֿאַרשלאָפֿן, אין דרויסן דאס קעפּעלע שטעקן.

וועט אנהויבן רוישן דער טאג מיט געטומל,
און מער וועט פֿון צארטן באַגינען ניט בלייבן;
אַ היץ און אַ ברענענדע זון וועט צושמעלצן,
אַ רעגן מיט דונער און בליצן וועט טרייבן.

און פּיצלאַך צוקראָכענע נישטיגע ברואים
מיט שמאַלציגע אויגלאַך און שמאָלע געדאַנקן,
און אַלטע דאַר-ברוסטיק צוקראָכענע - ווייבער
און תּאווה ישע קליינע טייוואָלים וואס בלאַנקן...

וועל איך פֿאַר ווייטאָג שיגעונדיק ברומען,
מיט קאָפּ אָן די שטיינער, אַ ווילדער אָן זינען.
ווער האָט צושלאָגן דעם צאַרטן באַגינען?
ווער האט צושלאגן דעם שטילן באַגינען?...

ד. כהן. ⋮ דער קלויסטער.

דערציילונג.

הארט בײם שטעטיל שטייט דער גרויסער פאַלאַנער קלויסטער. זיינע פענסטער לאַנגע שמאלע שפּאַלטן, ווי זיי וואלטן אויסגעהאַקט געוואָרן פאַר די פרומע קריסטליכע טעכטער, זיי זאלן קאָנען כאַפּן א קוק אויף גאָטס זון ווען זיי פארוואַלט זיך נאר... דורות לאַנג שטייט דער קלויסטער אין זיין יחידות ווינקל און קוקט אַראָפּ פון זיין הויז, איבערן שטעטל. איבער אירע קליינע הייזלאַך וואס ליגן אויסגעשפּרייט בײם ברעג טייך און באַהאַלטן זייער שפּלן אויסזען אין שאָטן פון אַלטן וואַלד וואס רינגלט ארום ווי א קרוין די קליינע שטעטעלע.

פאַרנאַכט, עס גוססן די לעצטע זון - שטראַלן, פון קלויסטער רייסט זיך אַרויס א טרויעריקער באַסאווער בים - באַם, די שטעטעלע מיטן וואַלד הילן איין אין פינסטערניש... שבת אוונט, ווערט דער קלויסטער באַלויכטן, מיט פייערלאַך, וועלכע שעמערירן אַרויס פון זיינע שמאלע שפּאַלטן. זיין צלם באַקומט גאר א נאנדער גלאַנץ, און די גלעקער א שטאַרקערן קלאַנג. זיי קלינגען און זאגן אָן די פרומע קריסטן פון שטעטל און פון די נאהענטע דערפער. אז גאָטס זון הייליגט זיך אין זייגע ליידן...

און פון קלויסטער אַרויס, טראָגן זיך אַזוינע שטילע ווײנעדיגע טענער, די קריסטליכע זין און טעכטער זאָגן „הללויה".

זונטאַג ביז האַלבן טאָג, זיינען די אײַזערנע טירן פון קלויסטער ברייט צו עפנט. און פויערים אין ווייסע סערמעגעס מיט נייע לאַפּטשעס און ווייסע טיכער אַף די פיס, קניען זיך שעהן לאַנג, און די פלאַקסענע האָר גלייך ווי די סטרונעס איז באגולט פון די פיל ליכט וואָס ברענען אין קלויסטער.

א האַלבן זונטאַג, דרייען זיך אַרום די אידן פון שטעטל, און דונקלען זייערע אויגן אין די ברייטע הימלען: ווען וועט שוין דער זייגער שלאָגן 12 די טירן פון קלויסטער וועלן זיך שליסן און די טירן פון זייערע קרעמלעך וועלן זיך עפענען? און די אידן דאַנקען גאָט, וואָס נאר איין זונטאַג איז דאָ אין וואך. און מען שפּייט אויס צום זייט פון קלויסטער, זאגנדיג דערביי: „שקץ תשקצנו".

אין הויף וואו „ער" זאל געזונד זיין האט געוואוינט, האָט מען דערציילט פארשיידענע מעשיות וועגן דעם קלויסטער. געזאגט האָט מען, אז ער איז ניט גלייך צו די איבעריגע קלויסטערס. והאָ ראַיא. נאָטע דער אַלטער, איז אַמאל דורכגעגאַנגען די שטעטל, פאַרביי דעם קלויסטער און ער איז נכשל געוואָרן. געווען איז דאָס אין א פאַרנאַכט. עפּעס ערב חגא. נאָטע איז פאַרביי געגאַנגען דעם קלויסטער און האט פּלוצלונג דערהערט אזא שטילן הארציגן ניגון, ער האָט גאר פאַרגעסן אז ס'איז שוין מנחה צייט. אים האָט זיך געדוכט אז ס'איז גאָר ערב יום כפּור פאַר כל - נדרי, אין דאַווען-שטוב איז ליכטיג הימל-

דיג, דער עולם זאָגט אין דער שטיל „תפלה זכה" און מען ציטערט און מען פלאַטערט... און פלוצלונג... בים - באָם.

דעם סוף פלעגט מען דערציילן, בסוד אויפן אויער, הכלל, נאָטע איז נכשל געוואָרן...

די יונגע, אַז זיי פלעגן הערן די מעשה, פלעגן אנהויבן גלייך אַ ניגון, אַ לעבעדיגס, אַ פריילאַכס און פארטרייבן די מרה שחורה.

געווען איז דאָס נאָך סכות. אין „הויף" גרייט מען זיך צום ווינטער. יאָסע דער משמש, שטעלט אַריין די דובלט פענסטער, מען שיט אַן צווישן די פענסטער זאַמד מיט צוויי שוואַרצע קוילן אין דער מיט. די יונגע וועלכע לערנען אין שטיבל, שערן לאַנגע פאסן פאַפיר און מען פאַרקלעפּט די שפּאַלטן פון די פענסטער.

די ערשטע וואָך פון „שובבים" „תת" איז שוין געווען אמתר ווינטער מאנטאָג, די ערשטע נאַכט פון „שובבים" איז אַ גרויסער עולם אויף געווען. מען מען האָט געלערנט „תקוני ז'הר" און צו חצות האט מען געהאַט אַ וואַרימע מקוה. יאָסע האט אין אַ ווינקל פון שטיבל אַרומגעקליבן די יונגע און דערציילט דעם סוד פון „שובבים": אין די טעג ווען אדם הראשון איז געווען פרוש פון חוה'ן מוציא געווען זרע לבטלה. און משיח וועט נאָר דאַן קומען ווען אַלע ניצוצות וועלן אַ תיקון באַקומען... יאָסע רעדט אַזוי שטיל, גלייך ווי ער וואָלט מורא באַקומען פאר די מיליאָנען מחבלים וואָס פילן אָן אין די טעג אַלע ווינקלען. די יונגע זיצן איינגעקאָרטשעט, די שוואַרצע געקרייזלטע פאותן שליינגלען זיך איבער די בלאַסע פנימער און די אויגן בלאַנדזשען אַרום צושראָקענע איבער די ווענט. איינגאַנצן אין שאָטן זיצט בערל דער „וואָלינער." זיין פּעסט געבוויטער קערפּער, איז ווי צוגעשמידט צום וואַנט, און זיינע גרויסע קאַרשן אויגן וועלכע דערציילן וועגן די ברייטע אוקראַינע, קוקן אַרום זיך, צושראָקן...

אין דער שטילקייט וואָס אַרום, הערט זיך דער שאָרכען פון די בלאָנדזשענדע ניצוצות אין פאַרשיידענע געשטאַלטן.. פון הינטערן בימה אַרויס, פון דאָרט וואו ס'וואַלגערן זיך די שמות און וואַרטן אף זייער תיקון - קומען צו קבורה, קוקן צו אים אַרויס היילע נאַקעטע ניצוצות וואָס וואָגלען אַרום פון דור צו דור און זוכן זייער תיקון. און אויפן פאַרטאָג, ווען די שטיבל איז בלאַס באַלויכטן פון לבנה ליכט, אַף די טישן ליגן מידע יונגע, אַלטע. חסידים און ראַנגלען זיך מיט די שלעכטע חלומות, זיצט נאך אַלץ דער „וואָלינער." אין זיין ווינקל. אין מח פלאָנטערן זיך די הייליגע ווערטער פון „אים" וואָס געזונגן זיין, די מעשיות פון יאָסען וועגן די ניצוצות און וועגן די „שובבים" נעכט פאַר „אים" זכרונו לברכה.

ער דערמאָנט זיך די מעשה מיט נאָטען. ער אַליין האָט איינמאָל געזען אין זייערן אגרויסע חגא ווי נאָטע איז אַרומגעגאַנגען אַ פעדבקה'טער ביים קלויסטער. ער האָט זיך דאַן זייער דערשראָקן און איז גלייך אַנטלאָפן. אָבער אים האָט זיך געדוכט: אַז נאָטע לאַכט פון אים:

אַנטלויף, אַנטלויף, ס'וועט דיר ניט העלפן, דו וועסט קומען צו מיר!

אין הויף האָט מען באַמערקט, אַז מיטן „וואָלינער" איז עפּעס ניט פּריי־לאַך. עפּעס איז ער צו פיל פאַרטיפט אין זיך. גייט אַרום ווי אויף אנאַנדער וועלט און זיין פּנים ווערט בלאַסער און בלאַסער...

„ער" זאָל געזונד זיין האָט אים אַריינגערופן, לאַנג געקוקט אף אים און געזאָגט: בּאַ יוספן שטייט, „וימאַן" מיט אַ שלשלת, ד"ה ער האָט ניט געוואָלט און אַרויסגעזאָגט האָט ער די ווערטער מיט אַ ניגון פון אַ שלשלת, „מען דאַרף זיך ראַנגלען, וואָס שווערער די מלחמה אַלץ גרעסער איז דער נצחון". דער „וואָהלינער" האָט זיך פּלוצלונג שטאַרק צו וויינט, און ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער האָט ער גערעדט און געכליפּעט: די מחשבות זרות... איך האָב מורא פאַר זיי"... „ער" זאָל געזונד זיין האָט אים געהייסן מער לערנען, און יאָסען האָט ער אָנגעזאָגט ער זאָל ביי נאַכט מיט אים לערנען „תקוני זהר"...

אָבער ניט „ער" און ניט יאָסע האָבן געוואוסט וואָס אַזוינס מאַטערט דעם „וואָהלינער." קיינער האָט ניט געוואוסט אז ביינאַכט, ווען ער ליגט אויף זיין באַנק אין שטיבל און שלאָפט, זעט ער אין חלום נאַטען. ער זעט אים ווי ער שטייט און קניט זיך אין קלויסטער פאַר זייער גאָט, און פּלוצלונג הערט ער נאַטעס קול: אנטלויף, אַנטלויף, ס'וועט דיר ניט העלפן, דו וועסט קומען צו מיר!"

ער כאַפּט זיך אויף, גיסט אָפּ אויף גיך נעגל וואַסער, אבער דער חלום לאָזט אים ניט אָפּ. ער דערמאַנט זיך זיין שטעטעלע אין וואָהלין, אין מיטן מאַרק שטייט דער גרויסער קלויסטער, און זונטאָג נאָך האַלבן טאָג קומען צו זיי אין שטוב אַריין יונגע שיקסעס מיט שקצים, טרינקען, און לאַכן אַזוי שטאַרק ,געזונט..

ער וויל פטור ווערן פון די מחשבות זרות און הויבט אָן אין דער שטיל אַ ניגעלע, און דורכן פענסטער קוקט אַריין די „שובבים"־נאַכט, אַ העלע, אַ ליכטיגע, און די שטיבל איז פול מיט ניצוצות, אַלע שלאָפן, נאר ער אַליין ראַנגלט זיך..

אויף חנוכּה איז אָנגעפאָרן אַ גרויסער עולם. מערסטענטייל פלעגן קומען אף חנכּה אָרעמע חסידים. קיין טישן פּראַוועט מען ניט. נאר ביינאַכט, נאָך מעריב צינדט ער זאָל געזונט זיין די חנכּה ליכט און הייסט די אַלטע חסידים דערציילן וועגן „אים" זכרונו לברכה.

דעם חנוכּה האָט מען געמאַכט אַ סעודה און „ער" זאָל געזונט זיין האָט זיך זייער משמח געווען. די יונגע האָבן געזאָגט אַ ניגון און גלייך איז פון טרויס אַ ריקוד. בערע כאַשעס, אַ געקומענער חסיד, איז געווען גוט בגילופנ'דיג, און האָט דערלאַנגט די יונגע אַזוינע פּעטש, אַז זיי פלעגן זיך בייגן אין דריי'ען. פּלוצלונג, אָבער, האָט ער אָנגעטראָפן אויפן „וואהלינער". ער האָט געוואָלט אויך אים מכבד זיין מיט אַ פּאַטש, דער וואָהלינער אבער האָט אים גלייך אַ כאַפּ געטאָן, און איין מינוט אַרויסגעצייגן אויפן טיש און דער עולם האָט זיך משמח געווען...

בערע האָט נאָכדעם געהאַלזט און געקושט דעם וואָהלינער און געשריען: ער מוז אים צונעמען צו זיך.

נאָך דעם טאָג, האָט בערל כּאַשעס גערעדט מיט „אים" זאָל געזונט זיין, אַז ער וויל דעם וואָהלינער נעמען פאַר אַ איידעם און אַז ער וואָלט וועלן אים גלייך נעמען אַהיים. „ער" האָט מסכּים געווען און האָט פאַרזאָגט בערלען, אַז דער בחור זאָל דערווייל דערפון ניט וויסן.

ווען דער וואָהליגער האָט זיך געזעגנט איז ער אינגאַנצן געשטאַנען אַ צוציטערטער און זיינע גרויסע אָפענע אויגן זיינען געווען פאַרגאָסן. „ער" זאָל געזונט זיין האָט אים מיטגעגעבן אַ עפּל פון די שבת'דיגע שריים. ער האָט אויך פאַרזאָגט, אַז די ערשטע צייט זאָל ער נאָר שלאָפן אין שטיבל.

אַיינגעוויקלט אין אַ גרויסן פעלץ, אין אַ גוטן שליטל געשפּאַנט צו אַ שוואַרצן פערד, האָט זיך דער וואָהלינער צוזאַמען מיט בערלען געטראָגן איבערן גרויסן שליאַך דורכן וואַלד קיין פאַלאַנע. דער טאָג איז געווען אַ כמאַלעדיגער, און וואַלד האָט געהאַלטן אין איין קנאַקן. דער „וואָהלינער" איז געזעסן איינגע־קאָרטשעט און האָט שטום געקוקט אַרום זיך.

אַז זיי זיינען אַרויסגעפאָרן פון וואַלד איז שוין געווען דונקל. איבער די ווייס באַשנייטע פעלדער האָבן געשפּילט רויטע פאַסן און אין דער דונקעל־הייט האָט עפּעס אַרויסגעסטאַרטשעט אַ רויט באַגילדעטער שפּיץ. ער האָט אין אָנהויב ניט מבחין געווען וואָס דאָס איז, נאָר אַרויף פאָרנדיג אויפן באַרג האָט ער דערזען דעם גרויסן, ברייטן גאָלדערנעם צלם פון קלויסטער. ער האָט אויס־געשפּיגן זאָגענדיג רערביי מיט כּוונה: „שקץ תשקצנו".

אין פאַלאַנע האָט ער זיך איינגעאָרדנט אין שטיבל. אין שטעטל איז קאָם געווען אַ מנין חסידים, איז די שטיבל געווען אַ קליינער חדר ביי בע־רלען אין הויז. אין שטיבל איז געשטאַנען אַ טיש אַ דריי פיר בענק, און אַ קליינער הילצערנער אָרון־קודש וואָס איז געווען פאַרהאַנגען מיט אַ פּרוכת. דורכן פענסטער האָט זיך געזען די גאַנצע שטעטיל מיט אירע קליינע איינגע־בויגענע הייזלאַך, און פון בערגל אַראָפּ האָט זיך געזען דער גרויסער ווייס גע־קאַלכטער קלויסטער מיט זיין גאָלדענעם צלם. גאַנצע שעהן פלעגט ער אין די שבת טעג אָפּשטיין ביים פענסטער און קוקן אין דער ווייסער ברייטער וועלט אַריין.

אין די שעהן זעט ער נאָטען, ווי ער שטייט אַ איינגעבויגענער פאַרן קלויסטער, זיין ווייסע באָרד בלאָנקט און גרייכט ביזן גאַרטל, ער שטייט און הערט זייערע נגונים,, וואָס זינגט מען דאָרט? וואָס פאַר אַ תפילות זינגען זיי מתפּלל? ווי זעט דאָס אויס ביי זיי אין גרויסן קלויסטער? ער כאַפּט זיך אָבער גלייך אַז ער זינדיגט. ער איז כמעט אַ עובד עבודה־זרה און ער וואַרפט זיך צו דער גמרא, בליומע ־ בערעס טאָכטער, עפנט שטיל די טיר פון שטיבל און רופט אים עסן,,, ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען איר פנים. ער ווייס נאָר אַז איבער איר אַקסל הייגנט אַ שוואַרצער צאָפּ. פרייטאָג פאַר נאַכט, ווען אין

הײליגער ערב־שבת פֿאַר־נאַכט, גײט ער אַרום שטיל און זאָגט מיט אַ האַרציקן ניגון שיר־השירים און אין האַרצן קלעמט אַזױ, ס׳בײנקט זיך אַזױ שטאַרק. שטיבל ברענען די שבת ליכט און דורכן פֿענסטער קוקט אַרײַן דער

נאָכן עסן. ער איז אין שטיבל אַלײן. די שבת ליכט צאַנקען שױן און די שבת נאַכט איז אַזאַ העלע. די גאַנצע שטוב שלאָפֿט שױן, ער זיצט בײַם פֿענ־סטער, ער דערמאָנט זיך אָן הױף, דאָרט איז איצט אַזױ ליכטיק!

ער הײבט אָן שטיל „יה אכסוף“, ער זינגט און אין האַרצן איז אַזױ אײנג. דורכן פֿענסטער זעען זיך די קלײנע שפּיצן הײַזלעך, אַפֿילו דער בית־המדרש זעט אױס אַזױ קלײן, אַזױ װאַכעדיק, און דאָרט איבערן באַרג שטײט דער רחבות׳דיקער קלױסטער. די שטערנדלעך בלישטשען אַרײַן אין זײַנע שױבן שפּאַלטן און די לבנה הײנגט אױף זײַן גאָלדערנעם צלם... ער פֿילט אַז זײַן האַרץ ציט אַזױ שטאַרק... אָבער װאָוהין?! ער ציטערט אױף און הױבט אָן חזרן װאָס „ער“ זאָל געזונט זײַןהאָט אים געזאָגט: באַ יוסף הצדיק שטײט: „וימאן“ מיט אַ שלשלת, און ער גײט אַרום איבערן שטיבל און חזרט מיט אַ ניגון: װי — מ — אן — װי מ — אן,״ און װען ער שלאָפֿט אײַן דוכט זיך אים: אַז ער שטײט אין קלױסטער. פֿון בײדע זײַטן שטײען גאָלד׳רנע מנורות — נאַטע אין אַ װײַסן קיטל צינד גרױסע ליכט און בלױמע שטײט פֿאַרן מזבח און איז מקטיר קטרת... ער כאַפּט זיך אױף אינגאַנצן אַ צושראָקענער, אין שטיבל איז פֿינסטער און אין פֿענסטער אַרײַן בלאַנקט דער װײַס געקאַלכטער קלױסטער מיטן גאָלדערנעם צלם.

ער פֿילט אַז מיט אים איז ניט גלאַט, אים דוכט זיך אַז „ער“ זאָל געזונט זײַן האָט אים אַ העך געשיקט צו פֿירן מלחמה מיט דעם גרױסן קלױסטער. אָבער װאו נעמט מען כחות? ער הױפּט זיך אָן שרעקן פֿאַרן פֿענסטער, אים דוכט זיך אַז די שױבן באַגילדן זיך פֿאַר נאַכט אומישנע כדי ער זאָל קוקן אַ הין צום בערגל אַ גאַנצן טאָג ראַנגלט ער זיך. ער פֿאַלט צו צום קלײנעם ארון־קודש, ער װײנט, בעט זיך ער איז דאָך דאָ אַזױ אײנזאַם. ער האָט קײן כחות ניט — און דורכן פֿענסטער קוקט אַ רײן דער קלױסטער, ער איז אַזױ גרױס, ברײט באַלױכטן... אײנמאָל אין אַ זונטאָג טאָג, די גלעקער האָבן אַזױ שטאַרק געקלונגען, פֿאַרבײַ פֿענסטער, זײַנען פֿאַרבײַ געפֿאַנגען אַזױ פֿיל קריסטן אין נײַע סעמעגעס, פֿרײלאַכע יום־טוב־דיגע, אַלע גײען זײ אין קלױסטער — אים האָט זיך פּלוצלונג אױסגעדוכט אַז װער האָט צו אים דורכן פֿענסטער אַרײַן געװאונקען, אַרײַן גערעדט אים גערופֿן אַהין װאו ס׳איז אַזױ ליכטיק העל...

ער האָט געפֿילט אַז ער טאָר הײנט ניט צוגײן צום פֿענסטער, אים האָט זיך געדוכט, אַז בײַם פֿענסטער װעט ער טרעפֿן נאַטען אין אַ װײַסן קיטל, ער האָט זיך ניט געפֿונען קײן אָרט. ער האָט געפּרובט פֿאַרשטעלן די שױבן מיט דער גמרא, און בשעת מעשה האָט ער געהאַלטן די אױגן געשלאָסן... אָבער װוּצר ס׳איז האָט אים אױפֿגעריסן די אױגן. ער האָט דערזען. די טירן פֿון קלױסטער זײַנען אָפֿן, אַ ים מיט מענטשן שטראָמט אַלץ אַהין, אַהין אין קלױסטער אַרײַן, און פֿון דאָרטן טראָגט זיך אַזאַ שטילער האַרציקער ניגון — אַמינוס איז ער שטיל, גלײַך װי דער ניגון פֿון כל נדרי, און גלײַך װערט ער שטאַר־

קער, ברייטער, גלייך ווי הימל און ערד וואלטן מיטגעזונגען. ער האט ניט גע־וואוסט וואס צו טאן, ווי צו ראַטעווען זיך, ער האט אויסגעפונען אַ ברעטל פון אַ צובראָכענע באַנק, אַראָפּגעכאַפּט אַ מעשענים לייכטער פון טיש, און אַרויס ציענדיג אַ טשוואָק, האט ער אנגעהייבן, פאַרקלאַפּן מיט די ברעט דעם פענסטער. פון שטוב זיינען אַלע אַריינגעלאָפן אין שטיבל אַריין, בערע האָט אים אָנגעהאַפּט פאַר דער האַנט און אים געפרעגט וואָס ער טוט? ער איז אבער געשטאַנען ווי צומישט, מיטגרויסע צושראָקענע אויגן און געברומט: וימא—אַן מען טאָר ניט! און אויפהייבענדיג דעם לייכטער אין דער הויך איבער בערען, האָט ער געשריען: נאַטע! וואָס ווילט איר האבן פון מיר? אַוועק—אַוועק!!!

אַז ער איז געזונט געוואָרן האָט בערע באַשלאָסן צו פאָרן מיט אים אין אין "הויף" אַריין. ס'איז שוין געווען סוף וואָך דער טאָג איז אַשטורומדיגער. אין מיטן טאָג האָט מען געמוזט צו מאַכן די לאַדינס. כדיי דער ווינט זאל ניט אוועקטראָגן. דעם טאג איז דער פאלאנגער גלח אַסכּרה געוואָרן.

אַ גאַנצן טאָג האָבן די גלעקער פון קלויסטער אַזוי שטאַרק געקלונגען, גלייך ווי זיי וואָלטן מיטן ווינט מלחמה געהאַלטן.

פאַר נאַכט, דער ווינט איז שטילער געוואָרן, פון ביידע זייטן שטעטל איז דער שניי ווי צוויי מויערדיגע ווענט געלעגן און געהאַלטן די שטעטל ווי אונ־טער אַ פרעס. מיטן פאַרנאַכט, האָבן פון די אַרומיגע דערפער אָנגעהויבן אָנ־פאָרן ק־יסטן, קריסטנס אַפילו קליינע קינדער האָט מען מיטגעבראַכט, מיטן אווענט האט מען ביי בערעז די פייער אויסגעלאשן, טיר און לאַדן געשלאסן און זיך געלייגט שלאָפן. דער „וואַלינער "איז שטיל ווי אַ גנב אַריין אין שטיבל־חדר ער איז געווען באַלויכטן מיט לבנה לייכט, און אין פענסטער האבן אַריינגעלויכטן אַ סך ליכט פון קלויסטער. ער האט זיך ניט געראנגלט, ער האט קיין כח ניט געהאַט, אנג שפאַרט די קאפ אן די פאַרפרוירענע שויבן איז ער געשטאַנען, און געאטהעמט אויף די פאַרפרוירענע שויבן. די גאַנצע שויב האט ער ריין געמאַכט פון פראסט און מיט ברייט צו עפנטע אויגן געקוקט.

באַגאסן אין ליכט איז געשטאַנען דער קלויסטער. פון אַלע זייטן האט געשפאַרט מיט מענשן. די טירן זיינען געווען ברייט צו עפנט און ער האט גע־זען: הונדערטער כהנים אין ווייסן שטייען אונטער חופות, אַרום די חופות, פלאַטערן מלאכים און פאכען מיט זייערע פליגלען— איבערן קלויסטער, אויפן גאלדערנעם צלם, שטייט נאַטע, די ווייסע באָרד צושפרייט, ער האַלט אַ שופר אין מויל און רופט.,..

שטיל אַף די שפיץ פינגער האט ער אַרויסגעשלייכט פון שטוב...

אויפן שוועל פון קלויסטער שטייט ער. און ער זעט: אַלע שטייען אויף די קניה מיט בלויזע קעפ און האַלטן וועקסענע ליכט אין די הענט. האַרט ביים מזרח וואַנט, קניהן זיך אויף טרעפ אַלטע און יונגע גלחים. אויף זייערע קיט־לען בלאַנקט די גאלד און די זילבער און זייערע לאַנגע האר זיינען געזילבערט. אין דער הויך אויפן בימה שטייט דער ארון, און פון ארון קוקט אַרויס אַ געלב וועקסענער געזיכט... אַ אַלטער גלח פאַלט כורעים און הויבט אויף דעם פרוכת... פון זיין הויך קוקט אַראָפּ גאָטס זון, די הענט אַריבער געצולמט און פאַרן רויטן

שיין זעט זיך אַ סליחה שמייכל איבער זיין ליידענדע געזיכט...
פלוצלונג, און אַלע גלחים פאַלן כורעים — אַ ים בלייזע קעפ קושט די שטיינערנע פאל, און די גלחים פאכען גאלדערנע צלמים איבער זייערע קעפ...

———

אַ שטאַרקער קלאַפּ איבערן קאפ, האט דעם „וואָלינער" אויפגעוועקט פון זיינע געדאַנקען. ער האט נאר געפילט ווי איבער זיין קאפ שיטן זיך קלעפּ און געשרייען אַון אין איין מינוט, איז ער שוין געלעגן אין אַ באַרג שניי ווייט נאכן בוים...

ווי אַ צודולטער איז ער געלאפן ער האט ניט געפילט ווי פון זיין נאז שטראמט רויטע וואַרימע בלוט,, בלומע האט אים געעפנט די טיר, און איז אַ צושראקענע אפגעשפרונגען ווען זי האט אים דערזען,,,

דער „וואָלינער" איז געלעגן אין בעט, בלומע האט אים געלייגט קאַלטע טיכער אויפן נאז, און ער האט זיך איינגעצן געקראַמפּט און מיט ביידע הענט האט ער געקלאַמערט בלומען און איר געדריקט צו זיך..

ק. זינגמאַן. ⁞ אוונט אין קאַפע.

מיין שטאָט די קאַקאָטקע האָט זיך קאקאטיש פארקליידט
אנגעפודערט אירע באַקן, אנגעצונדן אירע פייערלאַך-אויגן
און צוקושט זיך מיט דער נאַכט.

עס בלענדט און בליצט מיט איר עלעקטרישע ליכט
דער פילעטאזיקער, באלקאנעדיקער, רויט-גרינלאכער מויער
עס שפּאַרן זיך געדיכט
און ציען זיך פון אַלע זייטן און אַלייען
גאַנצע רייען
מענשן, אַלטע, יונגע, נארן, קלוגע,
מיט גיריקע אויגן
אַלע צום קאַפּע!
ווער — נאך טיי אַ גלעזל, אַ קופל ביר,
אַ פרעכן בליק, אַ בליק פון זינד,,,
ווער— געארעמט, ווער — אַליין, אָן ווייב און קינד,
זי נאַכט איז לינד,,,
און עס צושפרייטן זיך און צוטראגן זיך
די פאַרטאוה'טע ניגונים
פון אָרקעסטער
אַרום,, אַרום,,. אויף דער גרין באַפלאכטענער
וועראַנדע;
און עס צולייגט זיך אַ שמייכעלע, אַ זיסינקער

אויף די זאַטע מאָרדעס
פֿון די געכטער
פֿון דעם נאַכטישן קאַפֿע.

ווייסע מראַמאָר-טישלאַך, פֿרויען קעפּלאַך, מענער-שרונדן
אויבן — גאַלעריען, ווייכע פּלושן מעבל — אונטן —
רעכט׳סן, לינקס׳ן — נאַכטיש-ספֿינקסן
קוקן דורך די גרויסע ווענטיש-שפּיגלען,
ווי עס לויפֿן אום די קעלנער, די באַקנבאַרדיקע
מיט הענט און אַרבל פֿונאַנדערגעשפּרייטע,
צערשטרייטע,
און זיי פֿאָכן ווי מיט שוואַרצע פֿליגלען
אַהער און אַהין;
פֿון אַלע פֿולבאַזעצטע טישלאַך
הערט זיך, טוט זיך הערן אַ קלונג —
לוסטיג, יונג!
— קעלנער! קעלנער! —
דער קעלנער קומט ווי אַ ווינט —
און — פֿאַרשווינט.

זיצן פֿרויען אָנגעפּודערטע, האַלב צורודערטע,
חצופּיש-פֿריי, פֿוס אויף פֿוס,
אויף די ליפּן — אַ ניש אָפּגעהויכטער מענער קוש,
אין די ציינער — אַ האַלב פֿאַרלאָשענער פּאַפּיראָס,
אין די בליקן — אַ תּאווה׳דיק פֿאַרדראָס
אויף ניט געשטילטער און געדורשטער לוסט...
שמוגלען זיי, די נישט געזעטיגטע
צו טישל-געסט פֿאַרשפּעטיגטע
קאָקעטיש מיט די פּיסלאַך,
שורשן די אַזשורנע זאָקן,
פֿינקלען פֿון אַלע ווינקלען
אוירינגלאַך — בריליאַנטן,
און גאָלדן שפּילקעס באַ די פֿראַנטן;
און עס הויבן אָן צו ריידן פּיסל-שפּראַך...
און עס הויבן אָן צו שעפּטשען ליפּן-לאַך...
ווי אַ גרינער שלאַנג וועקט און רופֿט,
פֿאַרגאַפֿט, פֿאַרשמאַכט, צו האַלבער נאַכט
די בלייכע לוסט...

און וואָס מער שטערן אויפֿן הימל,

און וואָס מער שטילקייט אויפֿן גאַס,
ווערט פֿול און פֿולער, קלאַנג און קלאַנגער
די קאַפֿע.
און עס קלאַפּן, קלינגן, הוזשען
גלעזער, קופּלען, טאַץ און טעצלאַך,
עס הויבט זיך אָן דער אָוונט-ברויט
אין קאַפּע.

— — — — — — — — — — — — — — — —

און אַרום, אין דער שוואַרצער
ווי פּרויען-אויגן נאַכט,
און אַרום אין די בלייכע
ווי פּרויען-געזיכטער — גאַסן,
האַווקען, מיאַוקן, און קאַנאָיקען,
הינט און קעצלאַך —
וועמען אַרט עס?
ס'איז אָוונט אין קאפע.

כאַרקאָוו—קאָוונע.

קאַלאַטאווע.

קאַלאַטאווע! קאַלאַטאווע!
גרינוואַלדישע סאסנע מלוכה,
ריז צווישן קאַרליקעס שטעט!
באַ דיר צופֿוסן ליגט ניעמאַן אויסגעצויגן
(מיט בלוי-וואַסערדיגע אפּענע אויגן)
און היט דיך ווי אַ טרייער הונט. —
א, קאַלאַטאווע! א, קאַלאַטאווע!

דיין גרין-געלאַקטע וואַלדיש קאפּ,
פֿון וועמען האסט געירשנט?
דיין שטילן שאטן-כישוף
ווער האט עס דיך געשיינקט?
פֿון ווייטע ווייטענישן,
פֿון שוואַרצערדיקער, שוואַרצבלוטיקער אוקראינע
האָב איך געביינקט
נאך קילשאטנדיקע, שליינגלדיקע
שטעגעלאַך דיינע...

א, קאַלאַטאווע! א, קאלאטאווע!

אין דיין ווייכן מיידל-שויס,
וויגסטו איינעט און פאַרשלעפערסט
אין געפלאכטענע האַמאַקעס
קראנקע, מידע זעלן..
אַף דיין בוזם
האט עמיץ אנגעשפּילט אַ בונטע רויטע רויז—
באַגינענס און פאַרנאַכטן.
און יעדער קומט, און יעדער גיט אַ שמעק
מיט זיין פאַרקאַטערט נאז...
א, קאלאטאווע! א, קאלאָטאווע!

יוני 1921.

אַהרון קושניאַראוו. — מיין האַפן.

פאר יוגנט-פאַרשייטער און דרייסטער,
וואָס האָט אירע האַפענס
אויף שיפן פון אומזין פארביטן,
וואָס דיינקט ניט און ווייס ניט
פון זיכערע רוהיגע ברעגן—
וואָס טויגן ערפאַרונג און חכמה
פון אַלטע געמאָסטענע וועגן?
פון ווייכע פון וואַרימע מוטערשע בליקן
אויף אויביג, אויף אויביג צו שטורמס זיך ווענדן,
פאַראַן ערגעץ שענסטע און טייערסטע גליקן,
נאָר ניט אין די פאטערשע לענדער;
פאַראַן ערגעץ ברייטן און לענגן און וויטן
אויף וועלטן צו שאפן
פאַר שיפן פון אומזין פון יוגנד פאַרשייטער
דאָרטן א האַפן.

פסח מאַרקוס. — אַ זון — אַ גלח.

ז׳ ע ר צ יי ל ו נ ג.

אַ. י. גאָלדשמידטן — אַ סתנה.

I.

אין מיטן דארף, אַף אַ בערגל, באַרינגלט פון גרויסע, הויכע, אלט איינ-
געוואקסענע קאַשטאַן בוימען, איז געשטאַנען אַ קליינע הילצערנע דארף-באזש-

ניצאַ.*) איר לאַנגער, ביים ברעג באַגולדטער שפּיץ מיטן גלאָק־פּענטעלע, וואָס האָט פֿון דער הייך אויסגעזען קליין ווי אַ פֿויגל־נעסט — האָט זיך אַריבערגעהויבן איבער די בוימען שפּיצן און געלאָזט פֿון ווייטן זיך זען.

זונטאָג, אָדער אין אַ וואָכעדיקן טאָג, בעת אַ חתונה, אָדער אַ לויה האָט ער דורכגעקלונגען אויף זיין דינעם קליין גלאָקישן קול און געלאָזט הערן פֿון זיך דעם גאַנצן אַרום.

הינטערן באַזשניצאַ האָט זיך צוגעריכט אַ גרויסער גאָרטן, פֿול בוימער, טיף אין אַ ווינקל איז געשטאַנען די הילצערנע געל פֿאַרביקע גלחישע שטוב. אין איר האָט געוווינט דער אַלטער גלח דער פּראָבאָשטשאַס.

אַחוץ אַלטן גלח האָט אויך דאָרטן געוווינט דער יונגער גלח אַמבראַזשאַס גוטקויצקאַס, אַ זון פֿון אַ קליינעם נגידישן בעל־הגוף. נאָך זיין מוטערס טויט האָט אים זיין מוטערס אַ קרובֿ, אַ גלח אין אַ גרויסער שטאָט צוגענומען ביי זיך. אַמבראַזשע איז פֿון דער גרויסער שטאָט צוריקגעקומען אַ הויכער מיט אַ קנייטש אויפֿן בלאַסן פּנים און אין לאַנגע גלחישע קליידער. מיט אַ פֿאַרמאַכטן קאָנווערט מיט אַפֿילו שטעמפּלען, איז אַמבראַזשע גלייך אַוועק צום אַלטן פּראָבאָשטשאַס און פֿון דעמאָלט אָן איז ער שוין געבליבן וואוינען אין דער הילצערנער געל געפֿאַרבענער שטוב.

זיין טאַטע, דער נגידישער קליינער בעל הגוף פּעטראַס, האָט סך הכל געהאַט אַכט מאָרגעס שלעכטע פֿעלד, אַ מאָגערן דוכאַוויצנעם פֿערדל, אַ קליאַטשע וועלכע לאָזט קיין יאָר קיין לעבעדיקן קיזעקל ניט אַרויס און דערצו נאָך אַ האַנאַראַוויסטע, און אַ קו, וואָס מער חדשים אין יאָר איז זי געשטאַנען אָן מילך. פּעטראַס האָט זיך נאָר געגרויסט מיטן זון דעם גלח, וואָס וווינט אין דער געפֿאַרבטער הילצערנער שטוב און נאָכמיטאָג שפּאַצירט ער מיטן אַלטן גלח צווישן די קאָרן־פֿעלדער און ווינטשן די מענטשן אויף די פֿעלדער:

— גאָט העלף. און זונטאָג ווען דער פּראָבאָשטשאַס איז עפּעס ניט געזונט ריכט ער אָפּ די תּפֿילה.

פּעטראַס האָט פֿאַרלאָזט די פֿעלדער, זיך גענומען שאַרן אַרום באַזשניצאַס, געזען אָפּט צו ריידן מיט אָרגעליסט און מיטן באַזשניצאַס־שמש — געוואָלט ווייזן, אַז ער האָט מער ווי פֿעלד — ער האָט אַ זון — אַ גלח.

ער איז געוואָרן פּרימער. יעדן פּרימאָרגן־געבעט אָפּגעריכט נעבן באַזשניצאַס, אָפּגעהיט פֿאַסט און געהאַלטן לענגער די ימים־טובֿים. ער האָט אויך ניט אויסגעמיטן קיין לויה, אויף וועלכע ער זאָל ניט אָנטאָן קיין הייליקע העמדל און איר באַגלייטן מיט אַ הייליקער באַזשניצאַ לאָמטערן ביזן מאָהילניק.

פּעטראַס האָט פֿאַרקויפֿט די דיקע פֿלאַד־חזירטע, און פֿאַר די געלט זיך איינגעקויפֿט אַ בגד פֿון קרעם סחורה און אַ ווייסע העמד מיט אַ אָפּגעלייגטן קראַגן אויסגעבונדן מיט אַ געבלימט טיכל.

זיין זון דער גלח פֿלעגט אויך קומען צו אים צו גאַסט. אָבער דאָס איז געווען זייער זעלטן און קורץ. זיי פֿלעגן זיצן שווייגנדיקע, עס איז ניט גע-

*) קלויסטער.

ווען וועגן וואס צו ריידן, כאטש ד׳רצייל ד״ם זון־גלח: אז די קליאטשע האט געהאט א טויטן צווילינג און די קו האט ווידער פארריסן...

ריידן וועגן באזשניצאס, האט דער אלטער יא געוואלט, א סך זאכן האט ער געהאט צו פרעגן — נאר ער האט זיך געשעמט.. דער אלטער פלעגט ציען פויל די ליולקע און קוקן אפן זון וואס סתם אין דער וועלט אריין דרייט ער די פלעשל ווייַן, וואס איז געשטאנען פון זייַנטוועגן אפן טיש.

דאס פלעגט אזוי לאנג דויערן ביז דער אלטער פעטראס פלעגט ארויסנעמען פון הינטערן בעליק דעם געבעט־ביכל מיט די ברילן, געגעצנדיג אריינקוקן אין אים און איינדרימלען. דער זון פלעגט זיך ארויסשארן זאגנדיג א „לאבאס" (א גוטן). פון „לאבאס" און טיר קלאפ פלעגט זיך דער אלטער אויפכאפן און שמעקן דעם גלחישן ריח, וואס דער זון־גלח האט נאך זיך איבערגעלאזן. צום סוף רוקט זיך דער אלטער צו א פארדרימלטער צום טיר און שרייט נאך: „לאבאס"!.. לאבאס!" כאטש דער זון איז שוין געווען אף דער באזשניצאס וועגעלע, ווייט הינטער די קאשטאן בוימער...

II.

א קריזש טאג *) אלע ארומיגע דערפער נאנטע און ווייטע אפילו פון אנדערע פאראפיעס האבן דעם טאג זיך צונויפגעפארן אין נעראווער באזשניצאס ווער אויך צופוס. דער טאג איז א זומערדיקער, ארבעטסצייט.

מיט א נאכט פריער איז שוין די באזשניצע־לאנקע פול געווען מיט פערד און פורן פון די אנגעפארענע. אין די גלחישע שטוב האט א גאנצע נאכט פייער געברענט און פון קוימען האט געזעצט א געדיכטער רויך. די קיך טיר און די פענסטער זיינען געווען אפן און פארשפרייט א פעטן ריח פון שמערגלעריי.. פארשמאיעט האט זיך ארומגעדרייט די געשמאלצענע גאספאדינע **) מיט די פאלדיגע באקן, וואו עס איז תמיד געלעגן רינעס פעטע שווייס; די דארפישע מיידלאך, מיט די רויטע צופלאמטע באקן פון קיך־פייער זיינען געקומען העלפן די גאספאדינע, צוגרייטן אף מארגנדיגן טאג פאר די אלע גלחים, מיטן וויסקופ, וואס דארף קומען אפריכטן די גרויסע תפילה אין נעראווער באזשניצא און פארייַנס פועלן ביי די נעראווער איינוואנער, זיי זאלן בלייבן אין דארף און ניט ארויסגיין אין באזונדערע קאלאניעס, און ניט לאזן די באזשניצאס א איינזאמע...

עס איז געווען נאכטיק שטיל, פינסטער אין דארף, א שוואכע בלאסע לבנה איז געשטאנען אפן הימל, איר ביסל ליכט האבן איינגעשלונגען די נאכט שווארצע קאשטאן בוימער מיטן פינסטערן גלאק פענסטערל... ווען ניט ווען האט די שטילקייט איבערגעריסן א הינט בילעריי, וואס איז גלייך פארשלונגען

---

*) דער יאר־טאג ווען דער קלויסטער איז געשטעלט.

**) ווירטן.

געוואָרן פֿון דער נאַכֿט. אין קיך האבן זיך נאך אַרומגעדרייט די מיידלאך מיט די בראט - פֿאַנען.

די נאנטקייט פֿון די מיידלאַך און ניט אַזוי פֿון די מיידלאך ווי פֿון קאַטרע דעם הינקידיקן יערמעלקע דעה דאַרזשעניקעס *) טאכֿטער, האָט ניט געלאזט שלאָפֿן דעם יונגן גלח גוטקויטשקאַס.

פֿון לאַנג אן בריט זי אים שוין אפּ מיט אירע ברענעדיגע שפּיציגע אויגן, וואס שטעכֿן זיך אַזוי טיף, טיף אַריין..

דער יונגער גלח האט אומגעדולדיג געשפּאַצירט איבערן ריין געוואַשענעם פּאל און זיך צוגעהערט צו יעדער שארך איבער יענער זייט וואַנט,,, געדאַנקען פֿאַרשיידענע יאגן און פֿלאַנטערן זיך אין זיין מח יעדער האט נאר ביים ברעג מח אַ שטאך געטאן, אבער קיינער האַט זיך ניט אפּגעשטעלט, קלאר און דייטליך איז נאר געשטאַנען פֿאַר אים קאַטרעס בילד, פונקט ווי די הייליגע גאטס טאכֿטער אפֿן טיש ביי דעם הייליגן פּייערל.

ער גויטקויצקאַס האט זיך פֿאַרן געדאַנק ניט געשראקן. פֿאַרקערט, ער איז עם געווען ליב שפּילעוודיג און האט אים פֿריי צו זיך צוגעלאזן: די וואַנה, די מיידלאך, די גאספּאַדנע און זיינע גלחישע קליידער איז געווען פֿאַר אים גענוג זיכֿער פון שטרויכֿלערייִ, ער האט אין גאטס טאכֿטער אַריינגעקוקט און זיך פֿארגעשטעלט קאַטרען, איר געקושט און געמיינט, אַז ער קושט קאַטרען. אים האט א דרעמל אנגעכֿאַפּט, האט ער די פּענסטער פֿאַנאַנדערגעעפֿנט און אַ פרישער דארפּישער נאַכֿט ריח האט פֿאַרגאסן די גאַנצע שטוב...

עס האט זיך געהערט: די קיך טיר האט זיך געעפנט אימיץ איז פֿון דארטן אַרויס און שווער אין זיך ג צויגן די נאַכט לופט. גויטקויצקאַס האָט זיך דורכֿן אפענעם פּענסטער קאַלבלוטיג אַראָגעלאזן... אָן עפּעס שווערעס, רירענדיגעס זיך אנגעשטויסן... וואָס האט זיך עפּעס מיט אים געראַנגלט און באַלד ווי אַ אפּגעהאַקטער צווייג אַף זיינע אַקסלען אַראָפּגעפאלן... און געוואָרן אַזוי לייכט..

ער איז מיט דעריין אין פינסטערן גארטן צווישן די בוימען אַנטלאָפֿן — — — —

— —

III.

— קאַטראַ ! קאַטראַ ! — האָט דער גראָבער גאספּאַזיינ׳ס שטים די שטילקייט דורכֿגעריסן. א שוואַכֿע ליכֿטיקייט האט דורך די בוימען דזרכֿגעשלאָגן... ער האט זיך אַרומגעקוקט אַנשטאט - גאטס טאכטער, פֿאַר זיך דערזען—קאַטרען, מיט אַ נצחון-שמייכל האט צו זי פֿון זיך אַ שטייס געטאן, זי איז אַף אַ צווייג געפאַלן, פֿון איר האַנט האט אַ שטראָם בלוט אַ פּלייץ געטאן און פֿון די אויגן אַפּאר גרויסע טרערן... ער האט די טרערן מיט די בלוט אפּגעלעגט און איר שטאַרק צו זיך געדריקט... און אַוועק צווישן די בוימען...

---

*) אַ פּויער וואָס האָט נאָר אַ גאָרטן.

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען גויטקויצקאַס איז פֿון גאָרטן אַרויס. ביים שטוב־טיר האָט ער דעם פּראַבאַשצאַס געטראָפֿן, ער האָט אַף אים אַ בליק געוואָרפֿן, ווי ער וואָלט אים געוואָלט וואָס זאָגן, דער יונגער גלח איז שטיין געבליבן, נאָר דער פּראַבאַשצאַס האָט זיך אומגעדרייט און אין שטוב אַריין, גויטקויצקאַס האָט נאָך אַ ביסל טראַכטן זיך אַרומגעקוקט...

—וואוהין ?..

דורכן קיך, וואו עס האָט געפֿירט אין זיין צימער האָט ער ניט געוואָלט אַריין, און זעענדיג, דער פֿענסטער איז אָפֿן, האָט ער זיך אַ הויב געטאָן און איז אַריין אין זיין צימער. דער הייליגער פֿייערל האָט נאָך געברענט, גאָטס־טאַכטער איז אָפֿן טיש געשטאַנען, ער האָט זיך אין בעט געלייגט, דאָס פֿייערל האָט זיין שיין אַף אים פֿאַרוואָרפֿן, און גאָטס־טאַכטער האָט אין אים אירע בליקן אַריינגעשטאָכן... ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, דעם פֿייערל פֿאַרלאָשן, גאָטס־טאָכטער מיטן בגד פֿאַרוואָרפֿן און זיך צום וואַנט מיטן פּנים אומגעקערט...

IV.

ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, לעבן אים איז געזעסן אַף אַ שטול די גאַספּאַדינע, מיט פֿאַרלייגטע הענט. דאָס הייליג פֿייערל האָט צוריק געברענט, גאָטס־טאָכטער איז געשטאַנען אַפֿן טיש, אַ אָפּגעדעקטע, אירע אויגן אַף אים אויסגעשטעלט... די גאַספּאַדינע האָט אָפּזיפֿצנדיג האַלב שמייכלענדיג דערציילט: אַלע זיינען שוין אין באַשניצאַס, דער פּראַבאַשצאַס איז אַ גאַנצן טאָג אויפֿגערעגט, דער וויסקופּ איז ניט געקומען, און די נערוואָזער בעל־הגופֿים זיינען האַרט ביי דער דעה זיך אַרויסצוקלייבן פֿון דאָרף. און נאָך האָט זי דערציילט: עס איז פֿון שטאָט געקומען אַ מענש מיט אַ מונדיר, און אַ לאַנגע מאָס. ער איז פֿאַרפֿאָרן גלייך צום אידישן שיינקער און פֿון באַגינען אָן איז ער שוין מיט דער מאָס אַף די פֿעלדער.

די גאַספּאַדינע זעענדיג, אַז אים גייט עס ניט אָן, האָט זי נאָכאַמאָל אָפּגעזיפֿצט און מאַכענדיג אַ קליינע פּויזע דערציילט, אַז דער פּראָבאַשצאַס איז געווען ביי זיין בעט, און ער גויטקויצקאַס האָט זיך געוואָרפֿן ווי אין קאָנוואולסן, געשריען, גערעדט וואָס פֿון שלאָף. און דער פּראַבאַשצאַס האָט געזאָגט: דער יונגער גלח מוז זיין קראַנק; זי ט'אים צוגעטראָגן אַ שפּיגעלע, ער זאָל זיין קראַנק פּנים זען... דער יונגער גלח האָט אַ שמייכל געטאָן, איז אַרויס האַסטיג פֿון צימער, לאָזנדיג די גאַספּאַדינע אַליין.

האַרט נעבן באַזשניצאַ האָט ער דערזען ליגנדיג אַף דער ערד יערמעלקען קאַטרעס פֿאָטער מיט דער קוליע הינטער זיך. ער האָט זיין בליק שנעל פֿון אים אָפּגעווענדט, און געפֿילט אַז ער ווערט רויט, און די פֿיס ווערן אַזוי שווער, ווי יערמעלקעס שווערע הילצערנע קוליע. יערמעלקע האָט זיך מיט כּח אַ הויב געטאָן, ביי גויטקויצקאַסן האָט די האַרץ אַ צאַפּל געטאָן:

— וויס ער?.. פֿון וואַנען!.. ער האָט זיך אַף אַ מינוט אָפּגעשטעלט: טפֿוי, יערמעלקע... וויל אים אין האַנט אַ קוש־טאָן. דאָס האָט אים נאָך מער שרעק פֿאַרשאַפֿט, ווי ער וואָלט אים מיט דער הילצערנער קוליע איבערן קאָפּ געגעבן-

ער האָט זיך פֿאַרנומען מיט דער זייטיגער וועגעלע און געלאָזט יערמעלקען ליגן.

אין באַזשניצאַ איז שוין געווען די תּפֿילה באַלד צו ענדע, פֿון וואָס ער איז געווען שטאַרק צופֿרידן, פֿאַרשפּאַרנדיג אָנצוטאָן די יום־טוב׳דיגע קליידער. ווען די תּפֿילות האָבן זיך געענדיגט איז ער דורך דער הינטער טיר פֿון באַזשניצאַס אַרויס אין גאָרטן, און געמאַכט זיך ניט באַמערקנדיג דעם טאַטן, וועלכער איז אַן אַ זייט געשטאַנען, ביים ריי מיט דער גאַנצער פֿאַמיליע, און געוואַרט משמעות דער זון דער גלח זאָל פֿאַרביי גיין צוזאַמען מיט די איבע־ריגע גלחים.

ביים מיטאָג האָט ער ניט געגעסן, און ניט געהייסן די גאַספּאַדינע פֿאַר אים אַ אַרט מאַכן, דעם שטול אַן אַ זייט געשטעלט און אַ סך געטרונקען פֿון די אַלטע שטאַרקע משקאות, די גלחים האָבן אַף אים געוואָרפֿן חשדיגע בליקן, וועלכע זיינען אים גאָרניט אָנגעגאַנגען, דער אַלטער גלח האָט אין דער שטיל געביסן די ליפּן, און יעדן מינוט מיט אַ געמאַכטן ליבע־שמייכעלע דערמאָנט:

דער גלח גוטקויצקאַס איז היינט קראַנק...

די גאַספּאַדינאַ האָט איינמאָל אַף אים אָנגעצילט איר קליין גראָע־קעצישע אויגעלאַך און אין האַלב אָפּגעהאַקטע פֿראַזן, מיט אַ כיטרען שמייכעלע דערציילט:

— קאַטרע איז שוואַנגער.

ניט וואַרטנדיג אַף אַ ענטפֿער, גלייך ווי ניט מער ווי דאָס איז זי אויסן איז זי אַריבער אַף וואָס אַנדערש, גאָר וועגן מאָרגעדיגן מיטאָג, און אַז זיין בגד בעט זיך שוין אַף אַ נייעם, און זי וואָלט אים געראַטן צו נייען ביי אַ נייעם שניידער ... און מיט אירע גראָהע אויגן נאָכגעקוקט, וואָס פֿאַר איינדרוק עס האָט אַף אים געמאַכט איר לעצטע נייס.

ער האָט געשוויגן און זיך פֿאַרקוקט אַף גאָטס טאָכטער. זעענדיג, אַז די גאַספּאַדינאַ נעמט זיך אַרויסרוקן, האָט ער שמייכלענדיג איר אַ פֿרעג געטאָן:

— וואו איז דער פּראַבאָשצאַס?..

זי האָט אים געזאָגט: ער איז אין גאָרטן. גוטקויצקאַס האָט גלייך זיך געלאָזן צום טיר די גאַספּאַדינע האָט אים שטאַר אָנגעקוקט...

פֿאַרן פּראַבאָשצאַס האָט ער עפּעס אַ סך, אַ סך דערציילט... ביים פּראַ־באָשצאַס האָט זיך דער פּנים מיט בלוט אָנגעגאָסן און די ווייסע קישעלאַך פֿון זיין געקניישטע האַלז איז מיט רויטקייט אָנגעגאָסן געוואָרן... ער האָט אויפֿגע־רעגט געקלאַפּט מיטן שטעקל, מיט דער ווייסער הענטל אַן זאַמדיגן ערד און מיט שוים געשעפּטשעט:

—גו—ט—ק—וי—צ—ק־אַ—ס!—ג—קוי—צ—קאַס!

.V

ביסלאַכווייז האָט מען גענומען מורמלען אין דאָרף... דער יונגער גלח איז געזעסן די גאַנצע טעג אין שטוב, אויסער פֿאַרנאַכטליך פֿלעגט מען אים זען זיצן פֿאַרטראַכט אונטער אַ בוים... דער קאַליקער יערמעלקע האָט זיך פֿאַר אַלעמען בארימט, און גענומען אָפּט אַריינקומען צו פּעטרעסן, אַ אָנצוהערעניש אַף מחותנהשאַפֿט.

פֿעטראָס האָט אויפֿגעהערט צו קומען אָפֿט אין באַשניצאַ, אויסגעטאָן די קראָם בגדים און גענומען זוכן גראַזן ביי די ציגיינער פֿאַר די קליאַטשע, וואָס האָט ווידער אַ גרויסן בויך, און זיך מיט זיי אַרומגעבלאָנקעט אויסעון דאָרף, און געמאַכט אַ אויסבייט אַפֿן דוכאָוויצנעם פֿערד, וואָס האָט געקראָגן נאָך מער אַף די לונגען אַזש ער איז איין מאָל אין סאָכע געבליבן ליגן... פֿון אויסבייט האָט ער אַנשטאָט אַדוכאָוויצנעם געקראָגן אַ שקאַפּע מיט געמאַכטע ציגיינערישע ציין, ביי וועלכע די ביסל היי פֿלעגט בלייבן אין דראַבינע, און האָט ניט געהאַט קיין כּח אַרייצוציען אין סאָכע. פֿעטראָס איז אַוועק צום זון—גלח, ער האָט שוין געהאַט מיט אים וועגן וואָס צו ריידן, און טאַקע וועגן די שלעכטע גערעטעניש אַפֿן פֿעלד, און אַז דער נייער פֿערד האָט ניט קיין ציין... און קיין חזירים האָט ער אויך נישט, כאָטש האָט געהאַלט פּאָסט אַ גאַנץ ווינטער.

די גאַספּאַדינע האָט אים געהייסן וואַרטן אין קיך. דער גלח-זון האָט זיך נאָך אַ ווײַלע אַרום זיך באַוויזן אין טיר. ער איז געווען שטאַרק בלאַס, מיט אַ צוגעקומענעם קנייטש אַפֿן פּנים. פֿעטראָס האָט גענומען שטאַמלען, געפֿאַלן אַף די קניה, ווי פֿאַר אַ פֿרעמדן גלח, אויסשטרעקנדיק דעם פּנים ווי אַ קוש צו געבן אין האַנט... דער זון-גלח האָט זיך אָפּגעצויגן אַף הינטן, אים געוויזן אף אַ שטול אין צימער און איז אַליין אַרויסגעגאַנגען... די גאַספּאַדינע האָט קרעכצנדיק אַרײַנגעטראָגן אַ לאָמפּ, און געשאָקלט רחמנות׳דיק מיטן קאָפּ אַף פֿעטראָסן, וואָס איז געזעסן ניט באַקוועם אין ברייטן פּליושענעם פֿאָטעל.

דער זון-גלח איז געקומען גאַנץ שפּעט, מיט אַ פֿאַרמאַכטן קאָנווערט אַזאַ ווי דעם, ווען ער איז אין דאָרף אָנגעקומען.

נאָך אַ ווײַלע שווײַגן, האָט דער גלח-זון, קוקנדיק אַף גאָטס-טאָכטער אַ זאָג געטאָן:

— שפּאַן אײַן די זשראָבנע קליאַטשע, און קום באַגינען צופֿאָרן, איך פֿאָר אַרויס אין אַנאַנדער באָזשניצאַ...

פֿון יענער זייט וויספּע.

אַמעריקע.

בערנאַרד לואיס. — שלינג און שלאַנג.

שלינג און שלאַנג, שלינג און שלאַנג,
אָן געזאַנג, אָן פֿאַרלאַנג —
כ׳גיי אַרויס אין געדראַנג,
שלינג און שלאַנג, שלינג און שלאַנג.

אָן אַ פֿײַנד, אָן אַ פֿרײַנד —
ניט עס טאָגט, ניט עס שײַנט,
ווי דער נעכטן אויך דער הײַנט,
אָן אַ פֿײַנד, אָן אַ פֿרײַנד.

טראָט נאָך טראָט, טראָט נאָך טראָט,
אָן אַ גאָט, אָן געבאָט —
שרייט מיר נאָך בייזער שפּאָט
טראָט נאָך טראָט, טראָט נאָך טראָט.

בּרילט און ברילט, בּרילט און בּרילט,
ווער עס פּלוכט, ווער עס שילט —
ווי מיט שפּיזן שאַרף געצילט,
בּרילט און בּרילט, ברילט און בּרילט.

ווי געפּענט, ווי געפּענט —
האַלט דעם קאָפּ, האַלט די הענט:
פּלאַמט דער ברוק, שטשירען ווענט —
ווי געפּענט, ווי געפּענט.

ווערט מיר באַנג, ווערט מיר באַנג,
פון דעם צוואַנג און געפּאַנג: —
לאָז זיך גיין שלינג און שלאַנג
אין ג דראַנג, אין געדראַנג.

א. לוצקי.

פאַרוואס בּין איך אזוי?

פאַרוואָס בין איך אָזוי —
אַזוי נישט אַזוי?
פאַרוואָס בין איך נישט אַזוי:
אַזוי — און, נישט אַזוי נישט אַזוי?

יעדער איז אַזוי:
אַזוי — און נישט — אַזוי נישט אזוי..
און איך בין אַזוי, אַזוי נישט אזוי! —
פאַרוואָס בין איך אַזוי?

אוקראינע.

ד. האפשטיין.

* * *

איך בין געוועהנט
צו דיינע גרוסן, ווייסער צפון!
איך האָב געבלאָנזעט לאַנג
אויף הויל פון ערד,
געהערט,
ווי ווייטן וויגן זיך,
ווי ווייטן ווערן איינגעשלאָפן...
אין גרויער מיט
פון האַרבסטן פעלד
האָב איך געקוקט
ווי קאַלטער טוי
פארפערלט שטיל
דעם טונקעלן שניט
פון רערעלאַך דינינקע
ביי אַלטער שטרוי —
איך האָב פון עק
פון נידעריקן פלייט
פאַרטרויט

מיין בליק
דער גרויסער וועלט..
און ווען דער האַרבסט
מאכט קאַלט און ברייט דעם הימל
אַ פרעמדער בלאָנזע איך
אַויף רוישנדיגע גאַסן —
פון הויכע מויערן דער ראַנד
פיןביידע זייטן,
די פלאַכן די געבראכענע
פון ברייטע דעכער אין דער ווייטן
ניט זיינען ברייטער מער,
ניט זיינען העכער
פון פיצלאַך אַלטן פלייט
אין מיט פון גרויען פעלד...
איך האָב אַמאָל נאָך קינדווייז
(ווי לאַנג איז דאָס געווען?)
פון עק פון נידעריגן פלויט
פאַרטרויט מיין בליק
דער גרויסער וועלט!..

זעמדעלאַך פון מ. לאַזד־נער.

א י מ פּ אָ ט ע נ ץ.

ביי אונז האַלט מען אין איין קלאָגן:

— מיר זיינען אימפּאָטענץ!

עס קלאָגן אַלע, און דוקאָ מער פון אַלעמען די אימפּאָטענטן אַליין. אָבער ניט איבער זיך — נאָר דוקאָ איבער יענעם...

ל י כ ט א ו ן ש אָ ט ן.

אַז פּראָסטיטוציע אין דער ליטעראַטור פאַרשפּרייט זיך, דאָס קלאָגט קיינער ניט.

— שטיל... שטיל...

אין אַלע ליטעראַטורן איז זי דאָ, וואו עס איז דא ליכט מוז זיין אויך שאָטן (אַף אונז רב"שע' געזאָגט געוואָרן אַזאַ שאָטן!) אַנדערש איז, וואו עס איז דאָ שאָטן איז אויך דאָ ליכט (אַז אָך און וויי צו אַזאַ ליכט!)

אַזוי פיל שמיראַכטס און שמירער ווי בײַ אונז וועט איר ניט זען אין ערגעץ... און זיי פאַרנעמען נאָך דעם אויבנאָן.

מען זאָגט:

— וואו ס'איז דאָ ליכט מוז אויך זיין שאָטן...

ה פ ק ר ו ת.

עס איז קיין צופאַל, וואָס אַ שונד־ראָמאַניסט האָט אָנגעהויבן צו שרייבן קריטיק (אמת, ער לויבט אַלעמען) און אַפילו אין דער זעלבער צייטונג.

ניט קיין ערליכע מוטער קען קיין ערליכע קינדער געבוירן...

ד י פּ ו י ק.

דערפאַר האָבן מיר אַ פּויק, פון הוילע יחוס, פון אמת'ע קאַלבן־פעל. אַף איר צופּויקן מיר ־אַלץ. קלאַפּט איינער אויס, טראַכטן שוין די איבעריגע פּויקער נישט:

מ'דאַרף ניט שטערן די האַרמאָניע און מ'פּויקט מיט..

ווערט אָבער אַ פּייקלער אַנדרימלט, אָדער עט געפעלט אים ניט,— שווייגט ער, און אַלע שווייגן מיט. .

דערפאַר ווערט ביי אונז אַ סך פאַרשוויגן.

— דער פּייקלער האָט פאַרשלאָפן...

רעדט ווער, וואַרפט אַויף דעם אמת אין פּנים אַריין, — ענטפערט מען ניט... מ'האָט מורא, מ'קען זיך אַמאָל אַרויסריידן. מ'מאַכט אָפּ מיט דער האַנט:

— אַ חצוף, טאַלאַנטלאָזיקייט שרייט... מאַכט אָ טומל!..

און שווייגן?...'

פון דער עטאזשערקע.

רינגען א'ב' זאַמלהעפטן, אַרויסגעגעבן פון מ. ווייכערט און אַ. קאַציזנע. וואַרשע 1921.

אַ מאָרנעם גורל האָט די אידישע ליטעראַטור, ווי דאָס צושפּליטערטקייט און מפוזר ומפורד'קייט פון איר פאָלק, אזוי איז א״יך איר ליטעראַטור,

און האָט די געענדיקטע און דאָך ניט פאַרענדיגטע וועלט-מלחמה געשאַפן מחיצות, צוימען, צווישן איין לאַנד און צווייטן, אַזוי האָט זיך עס גלייך אָפּגעשפּיגלט אַף אונזער ליטעראַטור, אַנשטאָט איין גרויסן קבוץ - דאָס אַמאַליגע גרויסע רוסלאַנד. האָבן מיר היינט פיל קבוצים'לאַך, אַנשטאָט - אַ גרויסע הויז - פיל קעמערלאַך, און ווענט האָט די מלחמה אָנגעשטעלט, אַזוינע מאַסיווע, שווערע ווי זי איז אַליין געווען, און עס גייען אַוועק חדשים אַמאָל אויך יאָרן ביז איין קעמערל באַקומט אַגרוס פון צווייטן, דאַכט זיך, איין משפּחה, און דאָך ווי צעשיידט...

אָט ליגט פאַר אונז „רינגען“ צוויי זאַמלהעפטן אַרויסגעגעבן אין וואַרשע. אין דער זעלבער שטאָט וואָס האָט אונז פאַר דעם קריג געהאָלפן פלעכטן די גאָלדערנע קייט פון פּרץ'ען. אַש'ן, ווייסענבערגן, איז אויסגעבראָכן די מלחמה, האָט זיך עס אַריבערגעוואָרפן ווי אַ זיכערער אַנקער אַריבער דעם אָקינוס-ים און האָבן עס אויפגעכאַפּט און עס האָט זיך ווייטער געפלאָכטן: אַפּאַטאָשו, איגנאַטאָוו, ראַבאָי, מאַני לייב, ה' לייוויק. האָט זיך דאָס צוברויזטע וואַסער אַפּלושקע געטאָן און האָט אַ שפּריץ געטאָן ביים דונײַ, ערגעץ אין עסטרייך, גאַליציע, און עס האָט זיך ווייטער געפלאָכטן... האָט זיך „אַכאַפּ געטאָן די שוואַרצ-חנו'דיקע אוקראַינע, אויסגעריבן איר לאַנגע פאַרשלאָפענע אויגן, און די גאָלדענע קייט פלעכט זיך שוין, נאָך פיל פאַרביקער, בונטער: בערגעלסאָן, הירשקאַן, האָפשטיין, קוויטקאָ, און דער אנקעו' וואָרפט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער...

איז פאַרפלאָסן און פאַרפלייצט מיט בלוט געוואָרן אוקראַינע, איז געוואָרן בית-הקברות און נאַכט חושך'דיג אַרום און אַרום, און גאָר דאָ און דאָרטן בליצן דורך קליינע פייערלאַך, פון די קייט איז געוואָרן רינגעלאך און אויך די רינגעלאַך זיינען אַזוינע לייכטע שוואַכע אַפילו קיין שאָטן ניט פון די אמאָליגע גאָלדערנע קייט..

לייענסטו דורך פון טאָחל ביז טאָחל די ביידע ביכלאַך „רינגען“ און אַ מאָדנער פאַרדרוס נעמט דיך אַרום, עפּיס דוכט זיך, אַז דו ביזט אַף זיבן יאָר קלענער געוואָרן, ניט א י נ ג ע ר, יונגקייט, פרישקייט, אייגענטלאַך צו דעם שטרעבן מיר דאָך, גאָר דו פילסט, אַז דו ביזט ממש קלענער געוואָרן, ווייל, לאָ-

מיר זיך ניט נאַרן. אונז רעגט שוין היינט ניט דאָס בעסטע ליד פון די אַלע אונזערע ביז מלחמה פּאָעטן. און מעג דער אַלט-יונ-גער, שטענדיק ליבער סענגאַלאָוויטש אונז נאָך אַמאָל אַ שפּריץ טאָן מיט זיין לייכטן פּענזל, און אונז ווייזן זיינע פאַרהלומטע און שטי-פערישע רעגינעס, יאַדוויגעס און אַניעליעס. און אַנדערע פרויען קעפּלאַך, אונז נעמט עס שוין היינט ניט, עפּעס וואַרטן מיר היינט פון דיכטער ברייטערע לייוונטן, טיפערע פּראָבלע-מען, מער קאָמפּליצירטעס, מיר זיינען שוין ווייט אַוועק פון ליבן פאַלקלאָר און פאָלק-סטימליכער ליבערעמאַ, מער בלוט און פליש, מער פאַרב און ריטם, מער פּערזענליכקייט, אָט דאָס פאָדערן מיר און האָבן דאָס רעכט צו פאָדערן פון אונזערע דיכטער, און דאָס ליידער געפינען מיר ניט אין דער גאַנצער פּאָעזיע פון די ביידע ביכלאַך; אַפילו בראָ-דערזאָן, דער יונגסטער פון דער פּוילישער משפּחה, וואָס ערגעץ אנדערש וואו געפינט ער שוין יאָ דעם פּאַסיגן נייעם פרישן וואָרט כאָטש גאָך וואַקלדיג איז זיין טראָט, צושוואו-מען און צוגאָסן זיין בילד, איז אויך דאָ אין די „רינגען" זייער שוואַך פאַרטראָטן. וועגן דער בעלעטריסטיק אויך דאָס זעלבע, איר לעזט דורך אַלע ערציילונגען און זיי מאַכן אייך ניט קאַלט און ניט וואַרם, גאַנץ ליטעראַריש אָנגע שריבן, אָבער ניט ימער, ניטאָ קיין איין נייע' טעמע, קיין איין קינסטלעריש ניי בילד עפּעס איז דאָך אונזער לעבן אַזוי שטורמיש געווען, אין דאָך געווען אַ מלחמה, אַ רעוואָ-ליוציע, אַ אָקופּאַציע אינוואַזיע, — וואו זעט איר כאָטש אַרמז דערפון? עפּעס מאַכט אויף אייך דעם איינדרוק, אַז די „רינגען" שרייבער האָבן זיך אַלע ערגעץ אין אַ פינסטערער הייל באַהאַלטן, דאָרט אָפּגעווען, גאַנצע זיבן יבן יאָר... און זאָל מען ניט זאָגן אַז עס איז נאָך צו פרי, דער קינסטלער דאַרף פּע-רעספּעקטיוו, אָט האָט דאָך אין זעלבן פּוילן עוזר וואַרשאַווסקי דערזען אַשטיק ניי - נאַקעט און פריש - צאַפּלדיק לעבן (שמוגליאַרעס, ראָמאַן. ווייסנבערג פאַרלאַג) הייסט עס דאָך אַז דער קינסטלער איז שוין יאָ מסוגל אויפ-צונעמען...

די אַרטיקלען פון ד"ר ווייכערט ווי אויך די אויסגעצייכנטע צייכנונגען פון בערלעוו, ליי-ענט איר און קוקט דורך מיט צופרידנהייט: אָבער דער פאַרדרוס בלייבט דער זעלבער, עס איז אַמאָל געווען אַ גאָלדענע קייט, האָט זי זיך געפלאָכטן און אַריינגעפלאָכטן נייע קייטעלאַך און ריגגעלאַך, און איצט, אַזוי בלייך אַזוי לייכט זייגען די „רינגען"...

ז. פּייגין.

„די יונגע אידישע פּאָעזיע אין רוסלאַגד".

זאַמלונג, פאַרלאַג „אידיש" קאָוונע, 1921.

זאָלן אויפפלאַצן די הימל-קוואַלן!
און אַ רעגן, און אַ מבול, שטראָם זאָל פאַלן
אַף דער ערד אַראָפּ—
מיט אַ נייעם מיט אַ שאַפונגס-גאָב!

מ. בראָדערזאָן.

און דער דאַזיקער מול-ברכה'דיקער רעגן איז ענדליך אויסגעפאַלן אַף די מיט אימעט שימל פארוואַקסענע און מיט אַלטע שול-הור-בות פאַרקומערטע פעלדער פון דער אידישער פּאָעזיע אין רוסלאַנד, מיט איר קריינקליך-פאַרביינקטן, ספּעציפיש-אידישן פנים. פון דער שוואַצערדיקער אוקראַינע איז אַ פרישער יונגנט-ווינט געקומען — און צו-טרייסלט דעם ד' אמות גדר, אין וועלכן ס'האָט זיך שוין יאָרן לאַנג געטופּעט אַף איין אָרט

די רוסלענדיש=אידישע פאָעזיע, געקוקט מיט ראָמאַנטיש פאַרביינקטע אויגן און מיט מאַכט= לויזע און תפלה פאַרבראָכענע הענט צו די לאַנג שוין ווייסטע הימלען, און האָט בשום אופן ניט געקענט געפינען דעם וועג קיין אייראָפּע, דעם וועג פון איד צו מענש, צום הימל פון אוניווערסאַלער פאָעזיע..

ווי פאַרשיידענאַרטיג, עס קענען ניט זיין די מיינונגען וועגן דעם אידיש = אוקראַאינישן דיכטער דריילינג, קוויטקאָ,—האָפּשטיין, מאַרקיש דער כוס של ברכה געהערט פאָרט זיי. זיי האָבן די ערשטע, אַוועקגעלייגט דעם גרונד= שטיין פאַר אונזער אַייראָפּייאישן פאָעזיע בנין אונזער שאַפן פונם טויטפונקט אַראָפּגערוקט און באשאפן אַ גאַנצע שול נאַכפאָלגער און נאָכהאמער, וועלכע זיינען שוין פאַרטרעטן מיט מער אַדער ווייניקער טאַלאַנטפולע זאַכן אין דער קליינער זאַמלונג פון פאַרלאג „אידיש״.

מיט אַ טיפער האַרציגער פרייד קאָנסטאַנ= טירט איר דעם גרויבן מהלך, וואָס האָט דורכ= געמאַכט אונזער פאָעזיע פאַר די לעצטע פאָר יאָר, די נייע מאָדערנע בליקן אירע אַף וועלט און מענש, וואָס זי האָט באַקומען.

אַנשטאָט דעם קליינשטעטלדיגן, אַיינג= האָריזאָנטיקן דיכטער, וואָס פלעגט זיך תמיד אין שטאָט ווי פאַרלירן, מבולבל ווערן פון איר טויזנט=קלאַנגיקער גאַסן סימפאָניע, און פלעגט א פאַרביינקטער נאָכן שטילן שטעטלע, חוץ קללה און כעס פאַר דער שטאָט גאָרנישט ניט האָבן,—געפינט איר דאָ שוין אָריין וואָר= כונישע באַציהונג צו דער שטאָט, אַ גיכטע= רע, און אַ ערנסטע א באָאבאַכטנדיק, שאַרף אויג, וואָס קוקט מיט פרייד און שטאַלץ (אַמאָל מיט וויי) אַף אונזער קולטור=נעסט — די שטאָט. דער נייער דיכטער פילט זיך שוין אַין איר אַלס בן-בית און זעט אַלץ, וואָס טוט זיך (האָפּשטיין: „שטאָט״; זינגמאַן: אַל= טע, מידע שטאָט״...)

דורות לאַנג האָט געבלאָנדושעט איבער די פעלדער פון אונזער פאָעזיע דער פאַר= פלוכטער קין-שטן, דער ביירַאניזם און שטענ= דיק אונז געשטעמפלט זיין אויער אַ האַרבסט= לחש, געקלאָגט אַף אונזער נישטיקייט און צוללאָזיקייט אַף דער וועלט, צוקראָכענע, וויינענדיקע נשמות האָבן אָומזיסט אַ תיקון געזוכט און נישט געקאָנט געפינען,— ניטאָ

פון זיי קיין שפור אין דער נייער פאָעזיע: שטאַרקע, געזונטע און קאַמף פאַרהאַרטעווע= טע צוקונפט בויער מיט געזונטע מוסקעלן און נאָך געזונטערע נשמות זיינען אַרויס פון אונזער נייען שאַפן,— און מהאַרץ זיי= ערס צאַפלט ניט ווילנדיק פאַר פרייד און נעמט גלויבן אין זיך... (האָפּשטיין: מיר שטאַמען פון פעלזן״; „פראָצעכיע״; מאַרקיש: „מענטש״; ראַסין: „פון אָייביקייט געקומען״; גילדין: „מיר גייען״).

אין די סאַמע טיפן פאַרנעפלטע ווינ= קעלאַך פון דער צאַרטער, דיינקנדיקער נשמה וועלכע פלעגן אַמאָל אַרויסקומען אָדער זיס= כאַנטימענטאַל אָדער שאַטנדיק-קרייגקליך, — זיינעז דאָ פיין און מוזיקאַליש אין די שאפונ= גען פון טיפן אַלב מיסטישן קוויטקאָ

און פאַרגלייכט דו רייזנישע אָדער אַפילו איינהאָרנישע ליבע מיט דער, וועלכע איז באַזונגען אין דער נייער פאָעזיע! נישטאָ קיין שפור פון בלוטאָרעמען, צערטליכן אינ= טעליגענט. דאַ האָט איר שוין צו טאָן מיט שאַרפע בלוטפולע געפילן, ליבע ביז משוגעת וואו ס'ווערט שוין אָפּגעגעבן אַ גרויס אָרט דעם פיזיאָלאָגיש-עראָטישן עלעמענט: דאָ שטורעמט שוין דאָס פאַרליבטע האַרץ פון נייען געזונטן מענש,,,

מיט אַ האַרציקן נחת-רוח לייגט אַיר אַוועק דאָס ביכעלע: איר פילט זיך ווי קינד= ווייז' אונטער א שמעקעדיקן פרישן פרילינג= רעגן מיט אַ בלויזן קאָפּ און לאַכעדיק האַרץ.

ה. דודס.

ה· בלאשטיין

פון בוך „אויפן וונעטרטער“. *)

א.

מיר קלעטערן·

מיר קלעטערן·—
מיין פיעדעסטאַל—
דעם טאטענר
און אַף ... פלייצעס.
א· ... מיין נאַקן דראַפּעט זיך מיין זון
... ין שטעלט זיין קאָפּ מיין איניקל שטיל
אונטער...

מיר פאַרגעטערן
די זון
און לעכצן נאָך אַשטראַל
און ציען זיך צו אירע הויכן מונטער.—

און פוס אַף קאַרק,
און טריט אַף קאָפּ,
און טראָט נאָך טראָט—
און ס'שלענגלט זיך אַף וועלטנבאַרג
אַ זיגערשער טרעפּ
פון זוניקע פאַרבענקטע קעפּ...—
און איבער אים ראש קייקלט זיך אַראָפּ
דער שאָטן פון אַבאַנקראָטירטן גאָט··

און ביי דער טיר פון זונענלאַנד
שטייטאייביקייט מיט געטער־קרוין אין
האַנט
און וואַרט אַף קאָפּ
פון קלעטערדיקן מענטש··

ב·

אין אַפשיין פון שייטער·

אין שיין אין פאַרשייטן
פון וועלטישן שייטער
די אר...
...לען צעשפרייטן
ביז ווי טאָן
און קוקן
ווי ס'שלענגלען זיך איבער
די פעכיקע זייטן
פון ווייטן,
ביז נאַקנס אין חשך פאַרבאָרגן,
די פלאַמיקע צונגן
פון זוניקע מאָרגנס!..

און לאָזן זיך מוטיק
אין ווייטן,
אין הויכן,
אין טיפן,
איןברייטן
פון וועלטן, וואָס וואַרטן, פאַרהאָפט און
פאַרבלוטיקט,
אַף רויכן
פון נייע יצירה—ווולקאַנען,
אַף זעגלען פון זוניקע, גאולה'שע שיפן
ווי פליגלען פון ריזיקע אָדלערס
צעשפרייטע··
און זינגענדיג שפאַנען
און רייסן זיך מונטער
אַף שטייניקע, וויסטע, פיאָנערישע וועגן
דיין אָנקום אַנטקעגן,
אָ, העלער דערלייזער!—
אָ, שטורמישער רייטער,
באַגאָסן מיט צונטער
פון וועלטישן שייטער!..

*) וואָס ס'ערשיינט אינגיכן אין פאַרלאַג „ליכט“.

ד· גרינשפאַן

* * *

עך, וויאָס ליכט עס גיסט דער הימל
היינט!
איך כליאָבע תאווה'דיק מיט אַלע גלידער
כ'האָב אַראָפּגעשליידערט היינט
מיין שמאַטעדיקן מאַנטל.
לויף איך לייכט אַרום אין גאַסן,

פּאַטש איך איבער זומפּן.
שפּריצט אַ פרייד אַרויס פון מיינע ליפּן.
לאַכט זיך!
ווייסע היטאַ־צאַך פאַודעקן
לאַכנדיקע מיידל אויגלאַך.
אַלע לאַכן!

לאַכן רעדער ביי דעם אויטאָ,
לאַכן דעכער: טריפּ־טראָפּ! כאַ־כאַ!
ניקל גלעקלאַך טאַנצן אין דער לופטן.
עי!
צום טייוול אַלע ווערטער!
ס'איז גוט!

ז. סנדלר.

פאַרוואָס? *)

(רעיונות, וואָס בעטן זיך אַרויסזאָגן).

א.

און טאַקע אין דעם שטימען־פאַר־גליווערטן יאוש־וואָלקן, וואָס דריקט אונזערע נשמות, דוקא אין דער פאַרזונקענער קבר־פּסיכאָלאָגיע פון „ס'עט גאָרניט אַרויסקומען" — רייסט זיך אַרויס ווי פון אַ טורמע אין שטאָק־נאַכט:

— פ אַ ר וו אָ ס?

— פאַרוואָס וואַנדלען מיר אַרום גייסטיק־הונגעריקע שאַטנס, אָן אַ שום קרעפּטיקן לעבנס־אָטעם, גייען מיר דאָך אויס, ווי פאַר־יר־תום'טע פלעמלאַך אין אַ געדיכט־חושך'דיקן וואַלד פון פאַרשטיינערטער טעמפּקייט, חוצפּה, עם־הארצות און בלענדענדיקן גאָלדבליאַסק.

— פ אַ ר וו אָ ס ווערן אַזוי אַכזריות־דיק צעפּייניקט אונזערע געמיטער, אַרויסקוקנדיק אַף עפּעס, ווערן צעפּוילט אונזערע אויגן־לעכער אין מאָנאַטאָן־גרויען טאָג־און־נאַכט און זיינען ניט בכח אָנצוצינדן אַ גראָשענעם לעמפּל אפילו אין אין־סוף'יקן איינזיים.

— פ אַ ר וו אָ ס פאַרוועלקן מיר אַזוי אונזער יוגנט, דהאַלטנדיק כסדר דעם פּריש־אויסגעשניצטן וואַנדער־שטעקן און זיינען אַזוי גרינג־פויגלדיק זיך צו לאָזן מיט'ן ערשטן בעסטן ווינטל לארבע רוחות העולם, קענען ניט אָננעמען אין זיך דעם מוט און דרייסטקייט איינמאָל פאַר אַלע מאָל די פּיס אַוועקצושטעלן:

— דאָ איז אונזער אָרט! אָט־אָ־דאָ וועלן מיר די קנעכל אַלט לאָזן ווערן?!

— פ אַ ר וו אָ ס האָט נאָך אַלע „דערגרייכונגען", „אויפוועקונגען" און „איבערקערענישן" קיין קולטורעלע, געזעלשאַפטליכע און פּאָליטישע באַוועגונג קיין התפּשטות ניט און רופט אַרויס אַ זאַטן שמייכל אָדער אין בעסטן פאַל אַ מינוטנדיקע התפּעלות, מיר האָבן באין אופן ניט קיין פ אָ ל ק ס־באַוועגונג, וואָס זאָל אויפציטערן דאָס לייב פון פאַרוואָרפנסטן שטעטל־קינד, ביזן מאָלפּישן זין־פאַרפרעמדנדיקן גרויס־שטאָט־ייד.

אַ מורא'דיקע פוסטקייט האָט אַרומגעכאַפּט דער אידישער יוגנט אין דער נאָך־מלחמה־צייט. אַ ווילדן עגל־הזהב־טאַנץ אין אַ פאַרשאָלטענעם חוני־המעגל־ראָד פון „גאָרניט שעבגאָרניט".

די י ח י ד י ם קענען זיך קיין אָרט ניט געפינען, ווערן מידי נאָכיאָגנדיק און בייגקענדיק נאָך אַ שטיקל שבת אין עקלדיק־שוואַרצן שדים־וואָילטאָג־לעבן, די י ח י ד י ם, וועלכע ווערן

*) ניט זייענדיק מסכים מיט פיל פון די אַרויסגעזאָגטע רעיונות און מסקנות פון אונזער חשוב'ן מיטאַרבעטער, איבערהויפּט מיט די עקסטרעמקייט פון זיין אָפּשאַצונג איבער דער יונגער אידישער ליטעראַטור, דאָך גיבן מיר פּלאַץ פאַר דעם אַרטיקל, וועלכער באַרירט איינע פון די וויטאָגדיקע פּראָבלעמען אונזערע. מיר וועלן מיט פאַרגעניגן געבן אָרט אויך פאַר די, וועלכע ווילן זיך נאָך וועגן דער פראַגע אַרויסזאָגן. ר ע ד אַ ק צ י ע.

ניט באַפרידיגט ניט מיט די כלומרשט־פּאַרטייאישע אויפטואַכצן, ניט מיט די פלאַכע דבורים וועגן אַ פרישן עקאָנאַמישן לעבן און אויך ניט מיט דער נייער ליטעראַטור, הערצער פול מיט האַרבסט־ווינטן בלאָנדזשען זיי אַף די חורבות פון וועלטן און אַרום דרייט זיך אַ ווירבל־רקוד פון פאַר־תּליה־שמחה און „ניטאָ וואָס אָנצוּווערן"...

הער איך, ווי מען ציט אויס מיט אַ טיף־געמאַכטער ערנסטקייט די תשובה:

— „איר פאַרנעמט ניט דעם דופק פון דער צייט! דער קריזיס האָט אַריינגעדרונגען אין אַלע ווינקעלעך פון דער מאָדערנער קולטור־מענשהייט, אַ גרויסער וועלט־איבערבראָך איז געשען עס וואַלגערן זיך אין שטויב אַלע אַלטע פאָרמען, קיין זאַך קען שוין מער ניט זעטיקן דעם איבער־קולטיווירטן מענש, און ער זוכט עס דעם אויבער־וועג אין די פלאַמען פון אַ וועלט־שרפה. טויזנטער סאַהאַראַ־מדבריות וועט ער נאָך אָפּוואַנדערן איידער דער דאָרשטיק־חלש׳דיקער מענש וועט אַ ניי־וועלט־גרעזל דערזען, בינדט ער פונאַנדער די אינסטינקט־שטריק און רעוועט אַנטקעגן תהום".

—אָבער טאַפּט מען דאָך פאָרט ערגיץ־וואו בלינדערהייט אין דער פאַרבאָרגענישׁ, שטרייגט מען די פינגער אָן אָנצורירן אַ שטיקל יש, און ביי אונז געמט מען זיך אַפילו צו דעם אויך די מי ניט־ריכטיק, ווי ס׳וואָלט דער מאָרגן שוין מיט ווייסע תכריכים באַדעקט געווען און מען פאַרשלעפּערט אים מיט׳ן לוסטיקן היינט.

לאָמיר זיך ניט שעמען און זאָגן אָפן:

— די טויזנטער און מיליאָנען פשוט׳ע פאָלקס־מענשן האָבן ניט קיין שום גייסטיקן באָדן, זיינען דערווייטערט פון יעדער רוחניות און אמת׳ע קולטור.

דער אַלטער ספר איז אַרויס פון דער יידישער הויז, אויב ניט לגמרי איז אַז אָך און וויי צו זיין מקום, שוין אַוועק די צייטן, ווען ביי יעדער בעל־עגלה און שמיד, שוסטער און שניידער איז געווען אַ באַזונדער ווענטעלע מיט ספרים, וואו ער פלעגט אין די פרייע מינוטן געפינען דאָרט זיין נשמה־שפּייז.

און די נייע ליטעראַטור?

לאָמיר אויך דאָ אַרויסזאָגן אַ ביטערן אמרת:

— צו איז זי בכח לויט איר מהות און תוך צו פאַרבייטן פאַרן פאָלקס־מענשן דעם י י ד י ש ן ס פ ר?

צו קען זי ממלא זיין יענעם הימלישן דרך־ארץ פאַר אַ ספר (ניט קיין ביכל) צו קען אַ נייער בוך פאַרנעמען דעם פלאַץ, וואָס ס׳האָט פאַרנומען ביי אונזער המון אמאָל דער „עין־יעקב" בין מנחה למעריב?

— אַ ספר איז ביי אונז גאָר אַן אַנדער מין, ווי ביי די אומות העולם דער טייערסטער בוך אַפילו. דאָס זיינען ניט קיין פאַרדרוקטע בלעטער, נאָר פייערדיקע הייליקע מליצי־יושר און מוכיחים צו דער נשמה און דעם געוויסן, גאָטס שלוחים. אַ ספר איז דער אָרון־הקודש פון אונזער האַרץ, צו קען דאָס פאַרביטן דער נייער יידישער מעשה־בוך אָדער כ׳ווייס־וואָס פאַר א נאָכגעמאַכטע ווערק פון פ ר ע מ ד ע.

— און ווייל מיר ווילן זיך דאָ ניט שפּילן אין פאַרשפּרייטע גלאַט־צינגלדיקע „אמת׳ן", טאַקע ווייל מיר ווילן אויפרייסן ביז די טיפעניש דעם צעווייטאָגטן הוה, מוזן מיר דאָך מודה זיין:

— די גאַנצע נייע ליטעראַטור, איןביידע לשונות, האָט דאָך ניט געבראַכט קיין איין נייס, וואָס זאָל זיך אַריינרייסן אין דער פאָלקס־האַרץ, וואָס זאָל דאָרט

לאָזן אַ טיפן רושם, וואָס זאָל אונז געבן איין חלק, וואָס דער ס פ ר ?!

צו האָבן זיך אונזערע דיכטער, קינסטלער, פּראָזאַאיקער אַראָפּגעלאָזן אין דער לײַנג און ברייט פון דער היסטאָרישער פאָלקס־נשמה, זיך דערגרונטעוועט צו די טיפע טיפּענישן פון פאָלקס־פּרימיטיוו, וואָס ציט זיך דורך לענדער, דורות און תקופות?

און איצט, ווען ס'האָבן זיך באַוויזן אין אויפגעבּרויזטן יאָרהינדערט אונזערע יונגע אימפּעטפולע דיכטער, האָט זיי שוין אין זייערע ערשטע טריט (דאָס מערסטע פון זיי) פאַרכאַפּט די פוטוריסטישע קאָפּ־אַראָפּ־דיכטונג, און דער העכסטער שפּיץ חכמה איז — דער געטאָקטער דיכטערישער „א י ן ט אַ ט נ ס ט אַ ט ן אַ ר יי ן" — וועלט, גאָט און מענשהייט, וואָס קלינגט אָפּ מיט אַ צענטויזנטדיקן בראַהאָ־פּאַטשערײַ... (אגב אויך איבערנומען ערגיץ אַנדערשוואו).

און וואָס מער געשפּיגן זיך אַליין אין פּנים אַרײַן — זאָל זײַן דעם אויסגעלאַכטן מענש אין זיך — הילכט שטאַרקער אָפּ די ציין־שטשירערײַ פון אַרום און תמימות'דיקערע שאָקלען נאָך צו מיט די קעפּ:

— אָט, וואָס דיכטונג הייסט!

מיטגעמענדיק מיט ז׳ך אָט דעם „איך פײַף" — פאַלן אַוועק אַלע גרעניצן צום תהו ובהו, צו חיוב'דיקן דיינקען און מעשים — „אַ וועלט שטאַרבט און מיר יונגע קברנים מאַכן אַ לחיים אַף איר הינטישן בית־הקברות" — שרייט מען פון אַרום.

און מען פילט ניט, אַז מיר קענען ניט טאַנצן אַף דער וועלטס הורבות, ווייל מיר האָבן זיי ניט געבויט און ניט מיר האָבן זיי אונטערגעצונדן, אַז מיר גייען צווישן זיי אָדער שוועבן איבער זיי, אַז ווען מיר זאָלן זײַן אַ ווירקנדיקער כח אין דעם וועלט־פּראָצעס, וואָלטן מיר אפשר אַנדערש געבויט און אַנדערש חרוב געמאַכט, אַז אונזער קוק, אונזער באַנעם, אונזער פאַרשטיין אַפילו די וועלט־דערשיינונגען און זייערע סבות, דאָס פרטיות און כלליות, איז לחלוטין פון אַן אַנדער מין און מיר קענען ניט איבערזינגען פרעמדס, מיט־דערציילן פרעמדס, און אַפילו איבערפײַפן פרעמדע באַנדורעס.

פילט מען ניט, ווי מען שאַפט ניט קיין י י ד י ש ע קולטור, נאָר געכאַפּט האַלעוועשקעס פון דער רוסישער שרפה, און קלאַפּן מיט זיי איבער פרעמדע טאַצן, אַז אונזער אייגענער אינעווייניגסטער קול ווערט פאַרטויבט אין ליאַרעם פון ניט־אייגענעם פרייד און טרויער, אַז אונזער ה י ס ט אָ ר י ש ע ל י נ י ע דיקטירט אונז כלל ניט אַזוינע מיטגעשרייען, אַז אַ אייגענע שטה מוז אונז אַרומנעמען און אַן אייגענע פידל אין וועלט־קאָנצערט, וואָס דאַרף און מוז אַרויסקלינגען. אַז אַנדערע זאָלן זיך צו איר צוהערן, אַז מיר האָבן פאַרבלאָנדזשעט אַף אַנדערע וועגן און דאָס האָט געבראַכט סוף־כל־סוף צו דעם אימה'דיקן גייסטיקן מצב, אין וועלכן מיר געפינען זיך היינט צו טאָג.

און זאָל אַרויסשטורמען אונזער מורא'דיקער נשמה־וואונד:

— פ אַ ר וו אָ ס ?

א. קושניאראוו

פון בוך „ווענט“.

*

גרויער האַרבסט בייזערט זיך און רעגנט,
קנעט די שטויבן אַף שטאָטישן שטיין...
נעם מין ערד אַף די הענט פון וועגן
און טראָג מיך אָפּ אַהיים.

כ׳האָב פאַרשעפּט היינט פון ווינטישע הויפנס
אַ ווייטן און העלן געריס.
און איך בּיינק, און איך בּיינק ווי אַנ׳עופה׳לע
נאָך אַ צאַרטער און וואַרעמער ברוסט.

דאָרט וואו טרעפּל פון הילצערנעם גאניק
האָט שוין לאַנג ניט באַזונגען מיין טראָט,
וועט באַגעגענען מיך מיין מאַמע
מיט א שטילן און בליענדן וואָרט.

כ׳וועל מיין מאַמען איר פרייד ניט פאַרשטערן
ניט פאַרטונקלען דאָס גליק, דאָס געגאַרטס, —
זיך ניט קלאָגן — פאַרשווייגן, ווי שווער איז
אַף לידער צעבייטן דאָס האַרץ.

וועט זי גיין אַף גאַסן און מאַרקן
און דערציילן פאַר שכנים און פריינט,
אַז איר צאַרטן און בּיינקענדן אַרקען
האָט גאָט באַהילט מיט זיין שיין.

ה. זינגמאַן

עס זומערט אין מיין וועלטל...

עס זומערט אין מיין וועלטל,
יא, איך פיל עס.

עס האָט אַ גרינער שד׳ל זיך פאַרקליבן
אָנגעצונדן אַ לאַמטערן,
פול באַגערן,
און באַלוסטעט און צעכרוסטעט
מיינע שלאָפעדיקע היינטן.
גייט דער שד׳ל אום און אויגלט,
גייט דער שד׳ל אום און נישטערט
אַלע ווינקאַלאַך פון נעכטן,
אַלע קעמעַרלאַך פון היינט.
שיינט —
אַ ליכטיק, לוסטיק לעבן,
ווינצושפרודלדיק,
וואָלדבאַנדולדיק,
טאַנץ צעטענצלט נאַכט מיט מאָרגן
אויסגעפּלייצעט האַלזאונאַקנדיק
די זאָרגן.
זיך צעבּרודערט מיט מיין שד׳ל;
— „האָידאַ! האָידאַ!“
איך בין דיינער! דו ביזט מיינער!
יעש לאַמטערן!
ס׳העלט מיין זונשיין —
אַ באַגינען...

ס׳האָט צעזומערט זיך מיין וועלטל,
ס׳האָט צושפּרודלט זיך מיין היינט.

1921.

שמואל פּערסאָוו

שערבלאַך.

I

אפשר אַ גאַנצע מינוט האָט דער הייזעריקער און פאַראָסטעטער שלאָס מיטן שליסל געראַנגלט זיך ביז וואַנען אַ שווערע און מיט אייזן בעקלאַפּטע טיר האָט סוף כל סוף איינגעשלונגען אָט דעם שוואַרץ־קעפּיקן און שטאָטיש־ריידיקן כאַקי־פרענטש.

האָט ער, מיטלמאַן, טאַקע גלייך בּאַם אַריינגאַנג דערפילט אַ שאַרפע פּייכטקייט פון די הויכלעכע און גראָוע ווענט און עפּיס אַ ווילדע און פרעמדע פּוסטקייט איז געלעגן אינם שטילן און טונקעלן קאַמער, ווייל איצטער, באַטאָג, האָט דער קאַמער, קאַמער נומער דריי אויסגעזען ווי אַ ליידיקער און פאַרלאָזענער שפּיטאָל, ווען די קראַנקע קריכן פון די בעטן אַרויס און לאָזן זיך אין לענגלאַכן און צוגענעצטן קאָרידאָר אַריין אַ ביין אויסגלייכן.

נאָר אַז שיטערע און געלבלאַכע האָר האָבן זיך אַנטקעגן אַ שאָקל געטאָן און אַ האַרטע באַאָדערטע האַנד געשפּאַרט, האָט מיטלמאַן פאַרנאַנדערגיקנעפּלט זיין כאַקי־פרענטש און אַ־ויסגעזאָגט צו דער אייזן אייוואַלע:

— גאָר ניט אַזוי קאָלט דאָ באַ אייך

דערוף האָבן די שיטערע און געלבלאַכע האָר דאַפּקע גאָרנישט ניט געענטפערט נאָר מיט התמדה שייטלען האָלץ אין אייזן אייוואַלע געגומען שפּאַרן.

קנאַקן די אויסגעטריקנטע שייטלען שטערן די שטילקייט און וואַרטן אויס, וואָס יועט דאָ פאָרקומען: טוען די שיטערע און געלבלאַכע האָר זיך אַ קער אַהין צום אונטער־שטעליע ווינקל צו אָט דאָרט וואו שפּינוועפּס הענגט צושפּרייט ווי אַ שוואַרצע פאַרדרייכערטע שמאַטע הויבן זיך עטלאַכע צונויפגעלייגטע פינגער אַרויף און אַראָפּ — צום שטערן און צום האַרץ — און גיבן צו פאַרשטיין:

אַז ביזן סוף פונם בירגער־קריג...

דערשרעקט זיך מיטלמאַן און דער כאַקי־פרענטש זיינער הויבט זיך אָן קנייטשן:

— ווענען, פאַרוואָס ?...

שמייכלט די שיטערע און געלבלאַכע האָר און פערלאָזענע און גרינלעכע נעגל פלעכטן זיך איין אין קורצן און אויסגעקראָכענעם בערדל.

באַרואיקט זיך מיטלמאַנס כאַקי־פרענטש און הויבט זיך שוין מער ניט אַרויף און אַראָפּ: זעצט ער זיך צו אַף אַ קורץ אָפּגעזעגטער שייט האָלץ האַרט נעבן אייזן־אייוואַלע און וואַרימט גאָר אַ האַנט און רייבט. זי אָט די האַנט, וואָס איז פון פראָסט און קעלט רויט און פּיעקיג געוואָרן.

רייבט ער די האַנט און קוקט גאָר אַפן הוילן פינגער, וואָס קוקט אויס אָנם גאָלדן־רינגאַלע אַזוי פּשוט און פלאַך, ממש ווי אַ געווייינלעכע האַנט פון אַ טאָג־טעגלאַכן משרת... פאַרדריסט דאָס אים טאַקע. לאָזט ער זיך הערן און גיט צו פאַרשטיין:

אַז דאָרטן, וואו מ'האָט בולט און דייטליך אין פּראָטאָקאָל פאַרצייכנט, אַז ער, מיטלמאַן, האָט אַ שטאַרקע און נאָנטע שייכות צו דער אויפגעשטאַנענער און שוואַרץ־ערדיקער דאָרף, האָט מען דאָך באַ אים אַפילו דאָס גאָלדן רינגאַלע צוגענומען, דאָס איינציק רינגעלע, וואָס איז אים נאָך פאַרבליבן אַף זיינע אויסגעאיידעלטע און מאַניקורטע פינגער.

וויגעפעלט אייך אַן איינפאַל, האַ?

לאָזט זיך הערן דער פאָלקאָווניק, אָט דער געוועזענער פאָלקאָווניק פונם שונא׳ס לאַגער, וואָס ליגט איצטער דורך טאָג און דורך נאַכט אונטערן גראָוון שינעל מאַנטל, קאָן זיך אַליין ניט דערוואַרעמען אָטעמט שווער און אָפט פון די קאַליע לונגען אַרויס און זוכט אַלץ פּויזדיקע ברואים די גרויס ווי אַ קאָנאָפּליע; לאָזט ער זיך הערן מיט זיין הייזעריקן און טעמפן קול:

— פּכע...

פאַרשטייט ניט מיטלמאַן דעם פאָלקאָווניקס הוסט: וואָס זאָל דאָס באַטייטן, אַ קראַנקלעכער הוסט, אָדער אפשר אַ חשודיקער געלעכטער? קערט ער אָפּ זיין פאַרוואונדערט פּנים צום גלח צו, אָט צו די שיטערע און געלבלאַכע האָר אַהין, צום פאָלקאָווניק צו, גיבן אַ מאַך מיטן האַנט אַזוי ווי אָט דער חילה וואָלט שוין לאַנג אַ בר מינן געווען און געבן צו פאַרשטיין מיטלמאַנען:

אַז דאָ אין ווינקל איז דאָך אַ ליידיק נאָרע פאַראַן, גאָר אַ פרייע און פייכטע נאָרע. ס׳איז מער ניט אַ ביסל גרינלאַך דאָרט אין ווינקל, נאָר דערפאַר האָסטו אַ וואַנט נעבן זיך, וואו מ׳קאָן, ערשטנס, אויפהענגען אַ פוס־טיכל טריקענען און צווייטנס, טאָמער ווילסטו אַף קיינעם ניט קוקן, קערסטו זיך איבער מיטן פּנים צו וואַנט, טראַכטסט וועגן יענעם זייט טויער גאָר און קוקסט און קוקסט ווי אַ וואַנץ, אַ טונקעלע און אַ געלאַסענע, קריכט פאַמעלעך און נאָכאַנאַנד גלייך צו דיר אין דיין שטרויענעם קישעלע אַריין...

רופט זיך אָפּ דער פאָלקאָוונק:

אַ וואַנץ, זאָגסטו? און אפשר גאָר אַ לויז, אַ פעטע און אָפּגעגעסענע תפיסה־לויז.

דערפילט מיטלמאַן אַ קרענקלעכע ענגשאַפט אין האַלז, טוט ער זיך אַ טרייסל פון עקל און שפּיליקייט מיט זיין גאַנצן דאַרלאַכן גוף און דאָס מויל ווערט אָנגעפילט מיט שפּאַיעכץ, אַזש ביז חלשות.

דערווייליע האָט זיך דורך די פאַרגראַטעטע און אונטער־סטעליקע פענסטער טונקלקייט אין קאַמער אריין גענומען רייסן, ביז ס׳איז גענוג גראָוו געוואָרן און צוביסלאַך און איינציקווייז האָט מען זיך פון אַרבעט צוזאַמענקלייבן גענומען.

עסט דער עולם דעם קאָרנעם און שוואַרצן אומזיסטן ברויט, וואָס ווערט אַלע אינדערפרי צוטיילט גלייך: סיי דעם געוועזענעם שניט־קרעמער און סיי דעם געלאָפּענעם פאָלקאָווניק פונם שונא׳ס אַרמיי, און סיי די פאַרוועלקטע און פאַרדאַרטע גלחים, וואָס האָבן אַ צייט נאָכאַנאַנד מתפלל געווען פאַר אַ נצחון איבער די פשוטע און געזונטע דאָרפס־יונגען וואָס זיינען פון אָנפאַנג אָן מיט אַ ביקסל הינטערן פּלייצע אין מלחמה מיטן פריצישן זון זיך געלאָזן און איצט פירן זיי גאָר אַף שווערע און טאָג־טעגלאַכע אַרבעט — קאַמער נומער דריי — אַף אַרבעט אַרויס, אַהין אויסן שטאָט.

פלאַפּלט עפּיס דער זודיקער און בלאָער טשייניק, דאָרט, אַפן אייזן־אייוועלע און וויל אַלץ ניט אַנטשוויגן ווערן און דאָ, באַם עסן באַם לאַנגן און רויטן באַפאַרבטן טיש דערציילט גינזבורג דער שניט־קרעמער, וואָס אַרבעט איצטער אַפן ציגל־פאַבריק, אַז סוף כל סוף וועט דאָך די וועלט אַ נעם טאָן זיך פאַר זיי, ווארום ס׳קאָן דאָך ניט זיין אַז אַ וועלט זאָל זיך פירן אָן אַ סדר:

— ווי רעכנט איר, האַ?

שטעלט אַוועק דער גלח זיין בלעכענעם טיי־קענדל, טוט אַ פיר מיטן דלאָניע איבער דעם געוועזענעם גלחישן קאָפּ, וואו ס'איז נאָך פאַרבליבן, אַלס אַ שטיקל זכרון, שיטערע און געבלאַכע האָר און גיט צו פאַרשטיין:

אַז סוף כל סוף וועט דאָך די ברויט-געבערשע און שוואַרץ־ערדיקע דאָרף דערדערוויזן זיי, וואו יושר איז; וואָרום דער צוהאַוועטער און מטושטשער כרך איז שוין דאָך טאַקע פונם דאָרף פעסט באַרינגלט און נאָך אַ פּאָר טעג וועט דער קאַמער נומער דריי פראַנק און פריי ווערן...

בלאָזט דער גלח מיט די גראָבע ליפּן דעם זודיקן טיי אין קענדל, זופּט אפּן קול די פאַרבלייכטע וואַסער און שוויצט מיט אַ ווילדער הנאה.

זיצט מיטלמאַן אין ווינקל, אַף זיין נאַרע דאַרט, קייט מיט אַריינגעשטעלטע גאָלדענע ציין דעם פאָלקאָוויקס פאַרציע ברויט און טענה'ט:

אַז בנוגע צו אים, צו מיטלמאַנען, איז מען דאָך באַגאַנגען אַ געוואַלדיקע עולה: וואָרום וואָס איז ער שולדיק, וואָס ער, אַ לייטישער מענטש, האָט אַ ברייטע באַקאַנטשאַפט צווישן העל קעפּיקע און געוועזענע לייט, וואָס ציען זייער יניקה פון אויפגעקומענע און בעלי־בתישע דערפער און וואָס ווילן דעם פאַרגאַנגענעם עבר ניט פאַרגעסן.

— זאָגט אַליין, וואָס איז ער שולדיק?

ענטפערט אים אָבער קיינער ניט. דער קאַמער שווייגט. ווייל וועמען אַרט עס, וואָס עפּיס אַ ניי־אַנגעקומענער און אין אַ לייטיש כאַקי־פרענטש אָנגעטאָנענער האַלט אין איין טענהן, אַז ער איז ניט שולדיק און איז אַריינגעפאַלן אַהער ממש דורך אַ ביטערן טעות: עפּיס אַ משונה־דיקע גלייכגילטיקייט הערשט אַרום אַזוי ווי דער קאַמער וואָלט געווען גאָר אַ טראַנזיטנער וואָקזאַל, בא אַ גרויסער שטאָט, וואו אַלערליי פּאַסאַזשירן קומען אָן און ווערן נעלם, באַווייזן זיך און ווערן מיט אַמאָל אומערוואַרטעט פאַרשוואונדן — ווילד פרעמדע, ווייטע און לחלוטין אומבאַקאַנטע...

פאַרקערט, גאַנץ אָפט פּילט דער קאַמער עפּיס אַ ווילדע הנאה און אַ באַזונדער באַפרידיקונג, ווען אַהער קומט צו פלוצלינג און אומערוואַרטעטע אַ נייער און מבולבלדיקער נפש.

אַ מצוה אַף אים — טראַכט מען — זאָל ער אויך וויסן געדיינקען...

שרעקט מיטלמאַנען דאָס שווערע און גלייכגילטיקע אַרומיקע שווייגן און ער קאָן אלץ ניט מסיג זיין, ווי אַזוי קאָנען דאָס מענשן סמאָקן אַזוי רואיק און געשמאַק מיט די ליפּן דאָ, אין קאַמער נומער דריי, ווען אַרום זיינען אַזוינע שווערע און שטיינערנע ווענט, וואָס האַלטן באַצוימט און אָבגעריסן פון דער גאַנצער און גאָרער וועלט. פּרובט ער פאַרפירן אַ געשפרעך, וואָס האָט אַ שייכות צו אָט די אַלע קאַמערניקעס:

אַז טאַקע ווי מ'האָט אים, מיטלמאַנען געבראַכט פונם פאַר'קהל'שטן און שטיינערנעם שפּייכלער, וואָס האָט אַמאָל גינזבורגן באַלאַנגט, אַהער אין קאַנטאָר אַריין, און דער קאַנטאָר־שרייבער האָט מיטן קאָסאָקע און שעלמישע אויג גיך גנב'יש אַ שלייך געטאָן איבער מיטלמאַנס כאַקי־פרענטש, האָט ער דער שרייבער, תיכף פאַרשטאַנען, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ לייטישן מענשן און האָט מיט גרויסע און שפּיציקע עם־הארץ־ישע ווערטער אין בוך באַשיינפּערלעך באַוויזן, אַז מיטלמאַן, דער נאָך ניט געמשפּט'ער, וועט זיך דערווייל געפינען

אין אַ בעל־הבתּישער און מענטשליכער סביבה, טאַקע אינם קאַמער נומע דריי.

טוט זיך פלוצלינג דער פאָלקאָווניק אַ הייב פון זיין אָרט, באַווייזט אַרויס זיין שוואַרץ פאַרוואַקסן און דאַר־פאַרשפּיצטן פנים, טוט אַ קוק אַף מיטלמאַנס לייטישן כאַקי־פרענטש און טוט לסוף דורך די ציין אַ שפּיי:

— סוחרים, זאָגט איר? פכע... שערבלאַך, צובראָכענע שערבלאַך...

ווערן אַלע נשטומם פון אָט די פשוטע און שפּיציקע ווערטער. וויל מען אים עפּיס ענטפערן, נאָר דער פאָלקאָווניק ליגט שוין ווידער, און ווי אַלע מאָל מיטן גראָוון שינעל־מאַנטל איבערן קאָפּ געדעקט און אָטעמט שווער און גיך פון זיינע קאַליע לונגען אַרויס. סוף כל סוף טוט דער גלח מיט די שיטערע און געלבלאַכע האָר זיך פון ביינקל אַ הייב אויף, גייט צו צום פאָלקאָווניקס נאַרע, וואַרפט מיט צונויפגעלייגטע פינגער עטלעכע גיכע און קרומע צלמים און צלמט איבער דעם לאַנגלעכן גענעץ, וואָס רייסט זיך בײַ אים בײַם גלח פונם אָפענעם מויל אַרויס...

פילט זיך דער געוועזענער שניטקרעמער עפּיס שרעקלאך דערשלאָגן און אַראָפּגעפאַלן פון דעם פאָלקאָווניקס מטושטישע און הארבע ווערטער. — עפּים פילט ער, אַז אָט דער קראַנקער און דעריקער פאָלקאָווניק רייסט אַרויס בײַ אים, בײַ גינזבורג — אָט מיט דער שוואַרצע און צוקאַמטער באָרד, דאָס לעצטע טרייסט און לאָזט נאָר איבער אַ שרעקלעך פוסטן חלל. אַ גראָוון און אַ הילפלאָזן, וואָס וועט זיך ציען און ציען, אַזש ביזן סוף פונם בירגערקריג. ווילט זיך אים הגם מיט אַ וואָרט זיך טרייסטן, מיט אַ גוטער האָפנונג. פרעגט ער בײַם שטאָטיש־רײדיקן כאַקי־פרענטש:

— זאָגט איר אַז, דאָרט, אין מיין געוועזענעם און פאַרקהלשטער נחלה אָט אין מיין געוועזענעם סחורה־שפּייכלער איז איצט געפּאַקט ממש ניטאָ וואו אַן עפּל פאַלן? מ'כאַפּט דאָך אומשולדיקע נפשות אַף רעכטס און אַף לינקס אַף רעכטס און אַף לינקס...

מיינט מיטלמאַן, אַז אַט דער געוועזענער שניטקרעמער וויל עפּיס אויספאָרשן בײַ אים, אַרויסגנבענען אַ פאַרבאַהאַלטענע מחשבהלע און צום סוף אַפן גלגל אַרויפברייננגען, ווער ווייס זיי היינטיקע מענשן? פּרובט ער מיט אַ רואיק און געלאַסן קול געבן צו פאַרשטיין:

אַז ער, מיטלמאַן, איז לחלוטין ניט שולדיק וואָס ער האָט אַ ברייטע און רייכע באַקאַנטשאַפט צווישן געוועזענע און הײַל־קעפּיקע לייט; און אויב די דאָרף איז געוואָרן אויפגעבראַכט און האָט זיך אַ צעדהיצטע אַפן קרך געלאָזן, איז מסתמא עפּיס יאָ דאָ. נאָר זאָל ער שלעכטס האָבן, אויב ער ווייס פון עפּיס. וואָרום אַ ראיה איז אויך, אַז מ'האָט אים אין די אחדים־קאַמערן אַפילו ניט אָפּגעפירט און פאַרזעצט גאָר אַהער, וואו סוחרישע מענשן געפינען זיך.

טרייסלט גינזבורג זיין שטרייענעם זעקל־מאַטראַץ אויף, זעצט זיך אַוועק אַפן ברעג נאַרע, הויבט אָן אראָפּציען דעם איינגען און עקשנותדיקן שטיוול. און שפּעטער אהינצו, אַז די שטעכלדיקע שטרויעלעך האָבן דורכן זעקל־מאַטראַץ דאָס לייב געקראַצט, האָט ער פון אונטערן קאָלדרע אַ פּאָר ווערטער אַרויסגעוואָרפן:

— זאָגט איר, אַז די דאָרף וועט זיי ווייזן, וואו יושר איז? שוין צייט, לאַנג צייט!

ליגט מיטלמאן בשכנות מיטן גלחי דריקט די הילצערנע נארע מיטן דארלעכן זייט, כאַפט אונטער גינזבורגס ווערטער און גיט וויסן אַפֿן גאנצן קאמער:

אז די אלע העל־קעפּיקע וואָס מ׳ד־האָט צוזאמען מיט אים פונם פֿאר־קהלשטן שפּייכלער געבראַכט, האָט מען דאָך אין די אחדים־קאמערן צו־זעצט, אָט אינם אלטן און פאַרלאָזענעם קאָרפוס וואו די קאמערן ציען זיך איינע נאָך איינע, איינע נאָך איינע...

האָט אָט דער אָנזאָג אלעמען ממש דעם מוח אויפגעריסן; אזוי ארום ביז גינזבורג האָט זיך פון נארע א הייב געטאָן, א שטיק צייט נאָכאנאנד און אָן אויפהער געאָטעמט און איינגעד־הערט זיך צום פאָלקאָווניקס שווערן און קראנק־לעכן שנאָרכען, דאָ אינם קאמער נומער דריי. סוף כל־ סוף ניט. איינגעהאלטן זיך און אַ פרעג געטאָן סר־תם אין דער וועלט אריין:

— נו, וואָס וועט איר איצטער זאָגן?

האָט טאקע מיטלמאן געשוויגן, ווייל ס׳האָבן בא אים פשוט געדאנקען אויסגעפעלט. נאָר דער גלח האָט זיך פון זיין נארע אויפגעהויבן, דורכגעבלייכט זיך דורכן קאמער אין זיינע דאָרפיש־לייוונטענע וועש, ארויפגעלייגט דריי לאנגזאמע און פרומע צלמים — איבערן פנים און איבערן הארץ — און האָט בלחש א בעט געטאָן כאם שפינוועבס וואָס היינגט אין ווינקל אונטערן סטעליע:

— דער דאָרף העלף — דער דאָרף!

(המשך קומט)

יוסף גאמפּארשטיין.

*
* *

אַף צוגליטע שטיינער פון דעם פייער
הייסן
גיס איך אויס מיין ווילדע האַרץ
אַ האַרץ...

בראָט זיך טייוול אַף די שטיינער,
ווער פאַרברענט!

קינדער, מייַנע קינדער אויסגעוואַקסענע,
קוקט, ווי ס׳ברענט...
ווי ס׳ברענט אַ ווילדע האַרץ...

האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט טיק־טאַק
ווי אַ זייגער זיך באַוועגט,
— וויל איך נישט מער, זייגער מאַכער,
זייַן אַ שפּילצייַג פאַרן פענדל
פון מיין הארץ.

בראָט זיך טייוול אַף די שטיינער,
ווער פאַרברענט!

ערד, מיין האַרץ,
מיין ווילדע האַרץ

קלינגט אין אויערן אַנ׳עכאָ אָפּ
פון וועלדער:
בוימער האָבן זיך פון וואָרצלען אָפּגעריסן
גיסט איין בוים מיט פעך מיט שוואַרצע
אָפּ דעם צווייטן

און זיי פליען
רייַסן פלאַקערדיקע פייַערשפּענער זיך
צו הימלען מיט געוואַלט

ס׳האָט געראַשט אַמאָל אין וועלדער
ס׳זיינען געטער נאַקעטע אַרומגעלאָפן
נאַקעטע מיט ווילד פאַרצוקטע בריסטער
זייערע געשרייען קלינגען היינט נאָך
אָפּ׳עט איבער וועגן... איבער ים׳ען..

וועט מיין האַרץ זיך בראָטן אַף
מובח־שטיינער

פאַר די געטער אין די וועלדער
אַ מר־תנה
פון אַ ווילדן צו די ווילדע...

איך אָן האַרץ
אין וועלט פון שאַנד
אין וועלט פון שלינגענדיקן סם.

און איר —
מיינט ניט חברה.
ס'האָט געטראָפן אייך אַ גליק;
וועל איך גרינג, אַ פעדער ווערן;
אַרויס דאָס ווערימל,
אַרויס פון זיך...
און טײַוועלש ווילד־
בעכער אין דער האַנט,
מיט גאַל אין צורות אייערע געשפּיגן.

בילן הינט אין דרויסן
וואויען...
זוכן טעג מיט יאָרן
אַף פאַרפוילטע באַקציינער פון וועלט
צו גריזשען.

האָב איך מײַנע —
נאַכט פאַרפלאָנטערטע חלומות־יאָרן
מיט אַ זודיק הייסן גלי־מעטאַל
איבער פליכעוואַטע קעפּ צעשאָטן
אייערן...

און איר —
מײַנט ניט, חברה,
ס'האָט געטראָפן אײַך אַ גליק;
וועל איך גרינג, אַ פעדער ווערן
פוסט —
אין וואַלד —
אַ נאַכט —
ביינקט זיך וועלטן אומצוקערן.

— — —

קומט אַ מענשל פיצל־קליינער
גריבלט זיך דער ארכיאָלאָג
נישטערט, קלייבט און זוכט אין אַש
ווייס ניט
ווייס ניט אָרעם מענשעלע
וועלכע אַש
פון וואַנען
און צו וואָס.

קאָוונע, יוני 1922.

ה. ראַסקעס.

דער לבוש

אַ דראַמאַטישע לעגענדע אין אײַן אַקט.

פּ ע ר ז אָ נ ע ן:

אַלטער — צווייטער איד
יונגער — דריטער איד
מיידל — משוגענער
ערשטער איד — סאָלדאַטן

צייט, שטורם און געראנגל־יאָר — 1920; אָרט — אַ פאַבריק־שטאָט.

(אַ חסידישע קלויז. נאַכט. אַ געדיכטער חשך פאַרדעקט די שטיבל, לאַנגע שאָטנס ווי טריבע אָנזאָגערס שפּרינגען אַרום איבער די ווענט, אין די ווינקעלאַך טוליען זיך טיפע ניט אויסגעזאָגטע סודות. בײַם טיש ברענט אַ קליינער לעמפּל און פאַרשפּרייט אַ שוואַך בלאַסן פײַער, וואָס טונקט זיך, זינקט אַראָפּ און הויבט זיך צײַטנווײַס אין דער הייך... איבערן שטיבל לויפט אַרום דער משוגענער און זינגט זיך אַ ניגון, און עפּעס ווילדעס ביינקענדעס הערט זיך אין זײַן קול. בײַם אויוון זיצן צוויי פיגורן: דער אַלטער

אײַנגעהויקערטער, אָפּגעלאָזענער ר' יאָשע און דער לעבעדיק לוסטיקער שטיבל קונדס.

פֿון גאַס טראָגן זיך גרויזאַמע שטימען, פֿאַרנאַכטיקער הימל ברענט מיט אַ העל רויטן פֿײַער, עס הערט זיך אַ גאַלאָפּ פֿון פֿערד, אַ ברומען פֿון אויטאָמאָבילן, אַ פֿאַריתום־דיקער פֿײַפֿן פֿון באַנען. אונטער פֿענסטער פֿליהען דורך אַלע ווײַלע קאַרעטן, פֿורן, וועגענער, אויטאָמאָבילן, רײַטער; עס גייען כּוסג יער פֿון דער ווײַטקייט דערטראָגן זיך טעמפּע קלעפּ פֿון שווערע געווער).

משוגענער: (לויפֿט אַרום איבערן שטיבל, שפּאַרט איין די קאָפּ אין פֿענסטער, קוקט, לאַכט זיך פֿונאַנדער) כאַ־כאַ־כאַ, אָט אַזוי, אײַלט זיך, לויפֿט, פֿליט פֿאַרוואָס טאַקי ניט, איר טויגט שוין ניט, איך זרח טויג אויך ניט. יאָגט מען מיר, לויף איך, פֿאַרבאַהאַלט איך זיך, זוך איך אַ מקלט אין קלויז... אָט לויפֿט זי די קאַרעטע מיט די פֿערד, ווי פֿאַרשאָלטענע. נאָר שאַ, טראַך, ס'האָט זיך צובראָכן דער אַקס, צובראָכן גוט, ניט קראַנק זײַט איר לויפֿן צו פֿוס (שרײַט) צו פֿוס, צו פֿוס... אַ העלער לאַמטערן לײַכט אַרײַן אין פֿענסטער דער משוגענער שפּרינגט אָפּ) כ'האָב מורא, כ'האָב מורא, פֿײַער, גיהינום פֿײַער!...

יונגער (ווײנענד־מאַטערנד) זיידעניו, וואָס רוישט דאָס אַף דער גאַס, עפּעס ברעכט זיך אונטער אונזערע פֿענסטער, ס'פֿײַפֿט משוגע דער ווינט, האָט דען אין תמוז ס'אײַז צובראָכן? זיידעניו, זרח פֿרייט זיך, ער לאַכט און שרײַט וואָס איז דאָ זיידעניו?

אלטער (וועלכער זיצט פֿאַררוקט ביים אָרון און שעפּטשעט שטילערהייט די מזמורים פֿון תהלים, קוקט פֿאַרחלומט). יע, ס'ברעכט זיך, דער לבוש פֿון דער ערד רײַסט זיך אַף שטיקער...

יונגער: וועלכער לבוש...

משוגענער: אַ לבוש איז אַ מלבוש, א מלבוש פֿון סחורה, צו סחורה דאַרף מען געלט, געלט האָט דער גבאי און ניט זרח; גייט זרח קרוע בלוע, פּאַקט אָבער איטשע גבאי די סחורה, ער וויל לויפֿן, אַנטלויף, די שטראָף יאָגט נאָך...

יונגער: (צום אַלטן) וואָס פֿאַר אַ לבוש?

אלטער: (ווערט פֿאַרציטערט, קרעכצעט און הייבט אָן צו ריידן רויִק, ריטמיש) וואָרום יעדע זאַך האָט זיך זײַן צורה און יעדע באַשעפֿעניש האָט זיך איר לבוש און אז ער כּביכול, האָט נאָך דעם ערשטן חטא פֿון מענשן מיט זײַן רוהם און כּבוד איבער די וועלטן געשוועבט, האָט זיך צו זײַן כּבוד די מוטער ערד געווענדעט און אַ בקשה האָט זי צו אים געהאַט, און געזאָגט האָט די נאַקעטע ערד... רבונו דעלמא כּולה, פֿאַר אַלע דײַנע יצורים האָסטו באַשאַפֿן אַ לבוש, אַ בגד, וועלכער היט זי אָפּ פֿון די פּגעים און משחיתים, וואָס זײַנען דאָ אין די וועלטן. דער בוים האָט זיך זײַן קאָרע, דער קערנדל זײַן קליפּה, דער וואַסער דורכן אײַז ווערט באַשיצט, די חיה האָט זיך איר פֿעל, צײַנער און הערנער, און איך שטיי אַליין נאַקעט, אָן אַ לבוש און קיין זאַך היט מיר ניט פֿון דײַן יצור דעם מענשן, וואָס שענדעט מײַן גוף, איז מיר מחלל... שיק מיר אַלמעכטיקער אַ צודעק און גיב מיר אַלמעכטיקער אַ לבוש...

משוגענער: אַודאי האָט ער געגעבן, נאַקעט איז דאָך קאַלט, קאַלט (ער ציטערט) מען מוז האָבן אַ לבוש, מײַנער איז צוריסן, צופֿליקט, די בעלי־בתּים ווילן אָבער קיין נײַעם ניט געבן...

אלטער: און ער כּביכול האָט די בקשה פֿון זײַן ליבלינג ערד ערפֿילט

בעל מחשבות (ד״ר איסידאָר עֶליאַשעֶוו)
(צו זיין 25 יאָריקן יובילעֶאום)

און אין די וועֶלטן האָט מעֶן א צודעֶק און אַ שירם פאַר דעֶר עֶרד צוגעגרייט.

יונגער: ווער האָט אים געֶוועֶבט?

אלטער: דאָרט אין די ווייטעֶ עולמות פון וואנעֶן דעֶר מעֶנש איז פאַרטריבן, דאָרט וואו גוטעֶ יסודות העֶרשן, וואו ליכטיקעֶ שטעֶרנס מאַכן שמייכלענדיק זייעֶר וועֶג, וואו לייַכטעֶ, שטילעֶ חינטן טרייסלעֶן און שאָקלעֶן זיך, דאָרט וואו די גינגאָלד־הייליקעֶ שטראַלן פון דעֶר שכינה לייַכטן, דאָרט האָט מעֶן דעֶם לבוש געֶוועֶבט. מלאכים זיינעֶן די ממונים איבעֶר דעֶם געֶוועֶב געֶוועֶן און אין דעֶר שטילקייט פון דעֶר נאַכט, אין דעֶר דריטעֶר אשמרת, ווען די שירה פון די כרובים און דאָט געֶבעֶט פון די מלאכים האָט איבעֶר דעֶר וועֶלט געקלונגעֶן, איז דעֶר לבוש אראַפגעֶלאָזן געֶוואָרן אַף דעֶר עֶרד, דין און איידל איז עֶר געֶוועֶן, ווי די וועֶלכעֶ האָבן אים געֶאַרבעֶט, מעֶכטיק איז עֶר געֶוועֶן, ווייל דעֶר רצון פון בורא איז עֶר געֶוועֶן און הייליק־געֶטליך איז עֶר געֶוועֶן, ווייל הייליקעֶ און הייליגקייַט האָבן אים צושטאַנדן געֶבראַכט. און דרייַ יריעות האָט דעֶר בגד, דרייַ פליגלעֶן, און איינעֶ שיצט די אַנדעֶרעֶ, איינעֶ דעֶקט די אַנדעֶרעֶ און איינעֶ באַהעֶפט זיך צו דעֶר אַנדעֶרעֶר און זאַלבעֶדריט זייַנעֶן זיי שטאַרק און דופטיק זייַנעֶן זיי און העֶלעֶ זונעֶן שטראלן צושיקן זיי.

יונגער: צו וואָס דאַרף מעֶן האָבן דרייַ דעֶר אָרון קדש די ספר תורה האָט דאָך נאָר איין יריעה...

משוגענער: אַ ספר תורה האָט איין יריעה, ווייל זי איז הייליק, פון דעֶר

הויך... אַ מענש דאַרף האָבן אַ סך, איין בגד איז ווייניק... איך זרח, וויל גאַט־קעס, זאָקן, שטיוול, אַ קאַפּאָטע...

אלטער: און דער נאָמען פון דער יריעה איז געזעץ. און ווען אין די וועלטן אַ ווידערשפּענדונג ווערט, ווען די יסודות פון דער בריאה ווילן זיך צו־זאַמענשטויסן, ווען די שטערנס פאַרלאַקט און באַצויבערט, פאַרלאָזן זייער פעסטגעשטעלטן וועג, ווען די ווינטן פאַרעקשנט און צורייצט צוגייען זיך און ווילן אַלץ באַהערשן, ווען די וואסערן פון זייערע וועגן רודערן זיך אויף און גלוסטן זיך פאַרשפּרייטן און פאַרגרעסערן זייער ממשלה, דאַן קומט די דאָזיקע יריעה און הילט איין די אַלע ווידערשפּעניקע, אונטערטעניג ווערן די יסודות, געהאָרכזאַם ווערן די גייסטער, זייערע וועגן גייען די שטערנס, דעם בורא׳ס רצונות טוט דער ווינט און אין די וויגן קערן זיך אום די וואסערן...

[פון גאַס דערטראָגן זיך אַלץ שטאַרקערע און טעמפּערע שטימען, געשרייען, אויסרופן, נאָר זיי אַרט עס ניט. זיי זיצן צוגויפגעטולעטע און הערן זיך צו צו דעם אַלטנס לעגענדע וועגן ל־בוש].

משוגענער: (שרייט) בלויע, רויטע, געלע היטעלעך, מל־בושים אָט לויפן זיי, זייער שיין... כאַ־כאַ־כאַ זרח וועט אויך אַ זעלנער ווערן, זרח וועט אויך לענדער און גרענעצן פאַרנעמען... כאַ־כאַ־כאַ זרח וויל אויך ווערן אַ גענעראַל, אַ גענעראַל...

יונגער: זיידע, ער שרייט, ער לאַכט, כ׳האָב מורא דערצייל זשע ווייטער, דערצייל זשע זיידעניו.

אלטער: און דער נאָמען פון דער צווייטער יריעה איז ברידערשאַפט, אַחוה, און ווען די גינגאָלדערנע כּרובים, די ליבלינג־קינדער פון כביכול, ווערט דערעסן צו טאָן זייער זאַך, וואָס פון דער שכינה איז זיי באַשטימט, ווען די קנאה ערוועקט זיך אין עולם העליון, ווען די שירה צום בורא ווערט שוואַכער און די טענער ווערן חמר׳ישער, ערדישער, ווען אַ קריגעריי באַהערשט די שומרי מעלה, דאַן קומט די דאָזיקע יריעה און וויקלט אַרום די וועלטן און שטילט איין דעם שטורם און פאַרגלעט דעם ווילדן באַגער און פאַרוויגט די הימל־ווינדיקע געלוסטן און מורמלען מורמלט זי און שעפּטשען שעפּטשעט זי: אחים אתם ברידער זייט איר — און דער סדר אין די וועלטן קערט זיך אום, און די שירה פון די דרי עליון ווערט לויטערער און אַ שטילקייט באַנעמט די לײַכטע, איידעלע כּרובים, און מיט זייער אומשולדיקן שיין הויבן זיי אָן צו לײַכטן און מיט העלקייט פינקלען און מיט טוי־שטראַלן שײַנען.

(אַ גרויזאַם־העלער פייער רייסט זיך אין דער פינסטער דורך די פענסטער, דאָס ברענען אַפן גאַס פאַרשידענע בנינים).

משוגענער: ס׳איז ליכטיק, ליכטיק, אָט איצט זע איך זיי, אַ סך זײַנען זיי, אײַלן ערגעץ־וואו, זיך צונויפגעמישט צוזאַמען, אַ טייך און מען לויפט... און אַז איך בין ארומגעלאָפן איבער די גאסן האָט מען פון מיר געלאַכט... שאַ, ס׳ברענט, טאָ זאָל ברענען, זאָל ברענען... מענשעלעך צינדן פײַער, זײַנען אַ מצוה מקים, מאַכן אַ ברכה „בורא מאורי האש”... [צו דער פינסטערניש, דער־זעהענדיק עמיצן] ס׳ברענט, ס׳לײַטערט זיך, איך זע אַלץ אין דער פינסטערניש... און איך זרח מאַך אויך אַ ברכה „בורא מאורי האש”...

דער אלטער (קוקט זיך אַפילו ניט אום און וועבט זיך ווייטער זיין מעשהלע פאַרן יונגן) און דער נאָמען פון דער דריטער יריעה איז אהבה, ליבע. און ווען די וועלטן ווערן רייף און שטאַרק, ווען זייערע כחות פארמערן זיך, ווען דער באַשטימטער וועג ווערט זיי אייגן, ווען זיי רייסן זיך מיט אַ שטורם־געשריי פון זייערע קרייזן, ווען איין וועלט לויפט צו דער אַנדערער, איין שטערן צום צווייטן און אין אַ גליק־רוף שטויסן זיי זיך צוזאַמען, דאַן קומט די דריטע יריעה און באַהעפט די צוזאַמענגעשטויסענע און פאַראייניגט די צוזאַמענגעטראָפענע און פון גאָרניט רופט די יריעה נייע כחות אַרויס און פון דעם שטויס פון די וועלטן צעוואַרפט זי אין די אונענדליכקייטן נייע זרעים פון יונגע עולמות, פון צאַרטע יצורים . . .

דער משוגענער [קוקט אין פענסטער] שאַ, ווער שרייט דאָס ? אָט לויפט ער דער אידל און הינטער אים צוויי יונגען, געזונטע פעסטע . . . מען שלאָגט, מען שטויסט . . . אָט פליהען שטיינער, אַ מאָל. האָבן זיי זיך אין מיין קאָפּ אָנגעשטויסן . . . כאַ־כאַ־כא — גלויב ניט אינגעלע, דעם אַלטן מיט זיינע מעשהלעך; [כאַפּט אים און טראָגט אים צום פענסטער, דער אינגל רייסט זיך פון זיינע הענט] זעסט, מען פאָרט, מען איילט זיך... מען שרייט, דו הערסט... טאָ לאָז מען שרייען, זרח האָט קיין מורא... זרח וויל לאַכן, לאַכן... לאַך זשע אויך...

דער יונגער [אין טרערן] כ'האָב מורא פאַר דיר [רייסט זיך פון זיינע הענט, לויפט צום זיידן] דערצייל זשע ווייטער זיידעניו, דאָרט שרייט מען, כ'וויל ניט קוקן, זיידע, וואָס האָט מען מיטן לבוש געטאָן ? (דער טומל פון גאַס ווערט אַלץ שטאַרקער).

אלטער: און אין דער שטילקייט פון באַגינען, צוגלייך מיט די ערשטע גאָלד־פייערדיקע שטראלן פון דער זון האָט מען געהערט די שטים פון אל־מעכטיקן: — נאַ ד״ר דעם היליקן לבוש און לאָז ער דיר פון דיין האַר און קנעכט, דעם מענש, דיר שיצן, דיר דעקן און דיר זיכערן...

משוגענער: ניטאָ קיין אָרט... וואו קען מען זיך זיכערן, שיצן, פאַרבאַהאַלטן... דאָ אין קלויז קען אויך אַ אומגליק קומען.. (צום פענסטער) קוקט, אַ שטאָט, בנינים, גרויסע, האַרטע, שטאַרקע, פעסטונגען, קאַסטנס, שטיינער און אייזן — און ס'ברענט... קומט פייער, אַ רויטס, אַ בייזס און לעקט אַלץ דורשטיק... דער פייער וויל טרינקען, דער רויטער פייער איז דורשטיק. ; (שרייט) ווייל אַלע זייט איר דורשטיק, גייציק, בלוט, מאַרך, טרערן, ס'גלוסט זיך אייך טרינקען, זויפן . . . זויפן . . .

(המשך קומט)

ה. בלאשטיין

געדאַנקען וועגן דער מאָדערנער דיכטונג.

א

איינער פון די טאַלענטפולסטע פאָרשטייער פון דער נייער יידישער פאָעזיע, ריידינדיק וועגן אירע

נייַע וועגן, מערקט אָן „פאַרבייגייענדיק"

די פּאָעזיע דאַרף דערהויכט ווערן צו אַוועלטפילאָזאָפּיע אין פּערזי. עס דאַרפן אָפּגעוואָרפן ווערן די אַלע רעאַליסטיש ־ נאַטוראַליסטישע „מאָלעניש" אין „שילדערונגען"; די איבערפלעכלעכע נאַטור־און הומער־שיינקייטן דאַרפען אָפּטרעטן זייער אָרט דעם גרויסן כּאַאָטישן סוד פון די נשמה־טיפן, פון וועלכע עס שיילט זיך אויס דער אור־הגנוז· דער טיפער מיסטישער שיין פון גרויסן וועלט־באַגינען—די פּאָעזיע דאַרף זיין אַ פילאָזאָפיע פון גרויסע זוניקע רמזים...

און היות ווי אין צענטער פון וועלט אין קולטור האָט זיך· נאָך געוואַלטיקע יסורים און אומגעהויערן געראַנגל מיכן אַרום. אַוועקגעשטעלט דער מענטש—אין זיין „איך" דער טיפסטער קוואַל פון די וועלטן, אין וועלכן אַלע וועלטן שפּיגלען זיך אָפּ...

און אויב דער דיכטער וויל זיך נישט פאַרשלאָגן אַף אַ שטילע זייטיקע סטעזשקע און גיין מיטן ברייטן וועלט־וועג—מוז ער זיך מיט אַלע זיינע האַרץ און־מאַרך ־ וואָרצלען פאַרפלאַנצן אינם טיפן וועלטנשפּיגלענדיקן „איך" פונם נייען מענטש — דעם גאָט פון קולטור דעם שעפער פון געשיכטע!

ווער ווייס?— אפשר דאָס ערשט־ערשט וואָרט, וואָס דער ערשטער, נאָך האַלב־מאַלפעדיקער מענטש האָט אַף זיינע נאָך אומבאַהאָלפענע ליפּן אַרויסגעבראַכט האָט געקלונגען: „איך!"—

און אפשר האָבן דאַן אַלע וועלטן שטום אַ ציטער געטאָן, דערהערנדיק אינם דאָזיקן האַלב נאָך אומפאַרשטענדלעכן ברום דעם ערשטן טריט—אָפּקלאַנג פון זייער אַלמעכטיקן קומענדיקן גאָט...—

פריער פאַר אַלץ—מענטש און דער־נאָך· דורך דער פּריזמע פון זיין נשמה־קוס—אַלוועלט.—

— — —

דאָס געביט פון דיכטונג איז געווען און, מערסטנטייל· איז דאָס האַרץ—דאָס זון - און וואָלקנלאַנד פון צאַפּלענדיקע פריידיקע און פיינליכע געפילן און האַלב געפילן· דונערדיקע און ציטערדיקע האַרצקלאַנגען. -

אָבער די נעפּילן אונזערע זיינען דאָך נישט קיין פליענדיקע בלומען; ערגעץ האָבן זיי דאָך וואָרצלען· וואָס ציען פאַר זיי אַיניקה פון אַ באָדן· און צווייגן· וואָס זוכן פאַר זיי אַשיין אין די הויכן·—

אונזערע פשוט אַלטעגלעך לעבן פון איין זייט — קאַמף, שטרעבן· צער־און פריידן־טויט, און די זיי אַרויסגערופענע חלומות, ליכטיקערע פאַרלאַנגען און האָפענונגען פון דער צווייטער זייט — זיי געבוירן און פאָרמירן אונזערע געפילן און לייגן אַף זיי אַרוף זייער שטעמפּל־ווירקונג פון באָדן און הויכן ווייזט זיך אַרויס אַף די פלאַנצן...

דער באָדן פון באָדנ:אָזיגקייט, „יאוש און עלנט דער אונטערגאַנג פונם אַלטן וועלט־אַדל אין זיין לעבענספילאָזאָפיע ווייזט זיך אַרויס אין דער אינסטיקטיווער ווידוי פון בייראָן באָדלער· לערמאָנטאָוו און אַנדערע; אַלעבן פון מוט קאַמף· צער און האָפענונג שטורעמט אַרויס אין די דונערדיקע רעוואָלוציאָנערע הימנען פון אַגאַסטעוו· בלאָק און אַנדערע זין פונם פייערשפּייענדיקן היינט...

אן אַבסורד וואָלט· בכן געווען· ווען מיר זאָלן באַהויפּטן· אַז אונזערע געפילן זיינען ווילד־פרעמד צו אונזער שכל, וואָס רעגולירט אונזער אַלטעגליכקייט· אין וועל

כער מיר זיינען, ווילנדיק, ניט ווילנדיק איינגעשפונען פון קאָפּ ביז פוס. ריכטיקער פון אַלץ וועט זיין, ווען מירן פעסטשטעלן אַז אונזער געפיל איז אַ טיפערע אינטואיטיווע אָפּשאַצונג פון אונזער זיין פון אונזער פשוטן לעבן. און די פּאָעזיע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אונזער האַרץ איז די אָפּשאַצונג פון לעבן אין אונזערע געפילן...—

און זי איז דעריבער אייביק באַוועגלעך, די געפיל־פילאָזאָפיע. דאָס איז נישט די רעליגיע, וואָס פאַלט גלייך ביים געבוירן ווערן אַריין אין אַ פאַרגליווערונג־צושטאַנד און מאַכט נישט מיט אַלע עטאַפּן פון אירע גלויבער,—די פּאָעזיע מאַכט שטענדיק מיט אַלע וואַנדלונגען פונם מענטש און פאַרלויפט נאָך אָפּט אַסך פריער־ווייטער: דאָס געפיל אין פאָרגעפיל האָבן ווייטערע אויגן פונם שכל!—און און יעדע ענדערונג אין קולטור און געשיכטע רופן זיך גלייך אָפּ אָדער לייכטן זיך נאָך פון ווייטן דורך, ווי זוניקע אָנזאָגן, אין דער פּאָעזיע פון דער געגעבענער עפּאָכע.

דער אידייענגאַנג, אין במילא אויך די קונסט אין אַלע אירע טיילן, איז ענג פאַרבונדן מיט דער קולטור און געזעלשאַפטליכער אָרדנונג. די פּאָעזיע די אָפּשאַצונג פון לעבן און געפיל איז, בכן, דער פלוגער, דער ריכטונג־ווייזער פונם וועלטוועג...

— — —

אונזער דור. אונזער לעבן. כאאָטישער צושטאַנד פון דינאַמיק, איבערגאַנג־עפּאָכע, ווען די קאָנטורן פון דעם וואָס האַלט זיך אין שאַפן זיינען קוים בולט,—וואו קען זיך דאָ, אינם מאַטעריאַל, וואָס ווערט וואולקאַניש אָנגעוואָרפן באַרג אף באַרג, פאַנאַנדערקלייבן דער היסטאָריקער אָדער דער ראָמאַניסט, וואָס זיין עובדה איז צו קומען אין דער צייט פון סטאַטיק און אויסבויען דעם בנין פון שוין לאַנג אָפּגעקילטע ציגל?..

דאָ קען זיך פאַנאַנדערקלייבן נאָר דער דיכטער, דער באַהערשער פון שטימונגען, געפילן, זוכענישן, פאַרלאַנגען און חלומירת, וועלכע פילן אָן אין אַזאַ מין צייט אַלע טיפענישן פונם מענטשלעכן איך, וואו ס׳ווערט אויסגעאַרבעט פונקנווייז די נייע וועלטאָנשויאונג, וואָס שטראַלט ארויס פון פאַרצאַפּלטן קאָרטשן זיך אין נייער וועלט־יצירה...

דאָ איז דער היסטאָריקער—דער געבענטשטער דיכטער, וואָס קען כאַפּן האַלב קלאַנגען און קען פון רמזים אָפּשטעלן דעם גאַנצן בנין פון נייען היכל.

דערהויבט זיך דאַן די פּאָעזיע צו פילאָזאָפיע אין רמזים...

און אַזאַ מוז זי זיין אין אונדזער צייט — אין דור טיפסטע וועלט־ערשיטערונגען. ווען זי, די פּאָעזיע, פאַרנעמט דעם ערשטן פלאַץ אין דער ליטעראַטור (ווי מיר זעען עס אַף רוסלאַנד און אַנדערע ביז גרונט צעטרייסלטע לענדער וואו סווערן אַזוי ווייניק געשאַפן ראָמאַנען און אַזוי פיל פּאָעזי) און אַזאַ דאַרף זי אויך זיין אין אַלע צייטן. ווייל שטענדיק שפּאַנט די מענטשהייט פאָרויס, אויב אַפילו מיט קוים באַמערקבאַרע טריט, און דאָס האַרץ קלינגט שטענדיק אָפּ אַפּריער מיט די טריט פונם קומענדיקן, נייעם.

און פון זיי אַפריער אָנצוזאָגן אין וואָרענען דאַרף זיין די עובדא פונם דיכטער—דעם אידייענהיסטאָריקער פון דור, א „בורעוועסטניק“...

— — —

איינער פון די הויפּטמיטלען ביים דיכטער אויסצודריקן דאָס אַלץ, וואָס געסטעט זיך אין זיין געפיל, איז געפינען

די פּאַסיקסטע שפּראַך פאָרם פאַר דעם און שוין די געפונענע פאָרם אַליין זאָל אינגאַנצן האַרמאָנירן מיטן געפיל, פאַרלאַנג און געדאַנק. און דער דיכטער, וועלכער מוז בכן, איינצייטיק זיין אויך דער שפּראַכקינסטלער און שפּראַכשעפער פאַרנעמט, צוזאַמען מיטן פילאָלאָג, דעם בכבודיגסטן אָרט אין דער געשיכטע פון אַ שפּראַך, זיין קאַבינעט איז די שפּראַך־לאַבאָראַטאָריע, פון וועלכער אַלערליי נייע שפּראַכבאַגריפן און אויסדריקן גייען נאָכדעם איבער דורכן בוך צו דער מאַסע און פאַרפיינערן און באַרייכערן די שפּראַך פון אונזער אַלטעגלעכקייט.

ווער ווייס?—אפשר ווען עס וואָלט נישט געקומען דער דיכטער מיט זיין פיינעם חוש, וואָלטן מיר נאָך ביז היינט פאַרמאָגט נאָר די עלעמענטאַרסטע באַגריפן פאַר אונזער פיזישע באַדערפענישן און אַלץ, וואָס איז אין אונז „העכער פון דער ערד" וואָלט קיינמאָל קיין תיקון נישט געפונען און מיר וואָלטן אַרומגעגאַנגען מיט אונזערע חלומות און פאַרלאַנגען „שטומע נשמות"...

די שפּראַך פון דער פּאָעזיע מוז שוין בכן, אפילו איינער אַליין מיט איר סטיל, אויסערן אינהאַלט, אינגאַנצן האַרמאָנירן מיט דעם געגעבענעם צושטאַנד פון דער קולטור, מיטן אידייענגאַנג פון דור—און טאַקע מיטן אינהאַלט דער סטיל און קלאַנג אַליין מוז אַף אַזוי פיל ווירקן אַף אונזער אויער, אַז עס זאָלן זיך רעפלעקטיוו אָפּרופן אויך די איבעריקע חושים; מיר זאָלן, אין אַ געהעריקער מאָס, דורכן קלאַנג, אויך זען און אָנטאַפּן דעם אינהאַלט...

דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער גאָסטעוו אָדער בלאָק קען נישט ריידן מיט דער שפּראַך פון אַ פּושקין אָדער לערמאָנטאָוו. און דער יידישער האָפשטיין האָט געמוזט זיך אויסזוכן אַן אַנדער סטיל ווי רייזין אָדער איינהאָרן (דער ערשטער האָט באַזונגען דעם קאַנאָניזירטן, סטאַטישן רוסישן דור, דער צווייטער—דעם אָפּגאַנג פונם אידישן קאַנאַניזירטן שטעטלשן פילן און דענקן) האָבן געקענט זינגען מיט א געמאָסטענעם, רויקן פערז, אַשטילן און האלבמעלאַנכאָלישן; גאָסטעוו, האָפשטיין, יעסענין, מארקיש און די איבעריקע קינדער פון א וועלט, וואָס ציטערט און צאַפּלט מיט אלע נערוון, פּאַסן צו דעם פערז צום שמעטערדיק טאקט פון האַמער, צו די אָפּגעריסענע, צאַפּלענדיקע געפילן און פאַרלאַנגען פון אדור, וואָס וואַרפט האסטיק אָן, שטריך אַף שטריך די קאָנטורן פון אלעבן, וואָס הערט נישט אויף זיך צו באַוועגן און קאָכן, -שפּאַנען זיי „מיט נייען, מיט דרייסטן, מיט אייגענעם, נאָך נישט געמאָסטענעם טריט"...
(האָפּשטיין)...

און אַזוי ווי אונזערע אידייען און שטרעבונגען זיינען לעת־עתה נאָר אָ נ ד אָ ג ן אַף אַוועלט, וואָס ווערט איצט געבוירן, ווערט די מאָדערנע דיכטונג—זייער אויסדריקערין—א געפילפילאָזאָפיע און ווונקען, און איר שפּראַך—א קורצע נישט א ד ע ר ז אָ ג נ ד י ק ע נאָר אן אָ נ ז אָ ג ע נ ד י ק ע—
א שפּראַך פון רמזים.

(המשך קומט)

אָנמערקונג פון רעדאַקציע: דער דאָזיקער אַרטיקל איז אַן איינלייטונג צו אַ גרעסערער סעריע אָפּשאַצונגען פון אונזערע מאָדערנע יידישע דיכטער, וואָס וועט זיך דרוקן אין דער „וויספּע".

(געשטאָרבן דעם 9 יאנואר אין נוי־יאָרק)

ווי מעדעם.

אין איינעם פון די קבוץ־גליות־בית־עולם׳ס, אין דעם פעלקער־קעסל — נ י ו ־ י אָ ר ק, איז געקומען צו קבורה איינע פון די טראַגיש־קינסטלערישסטע נשמות אין אונזער וועלטל — וו. מעדעם.

זיין לעבן, זיין סוף־לעבן און זיין טויט איז באַלויכטן מיט איין גרויסער געוואַלדיקער טראַגעדיע.

פון פרומער פראַוואָסלאַוויע — צו אידישע תחום־המושב־אַרבעטער, פון אַן אַסימיליאַטאָריש ־ משומדים־צעריסענער פאַמיליע — צו אַ טיפער, זעלטענער און באמת׳דיקער ליבע צו דער אידישער קולטור, פון אַ עכטער גייסטיקער און קריסטאל־קלאָרער אריסטאָקראַטיע — צו די פאַרפלאָנטערטסטע קנוילן פון אונזערע פאָליטישע און געזעלשאַפטליכע באַוועגונגען.

זיין מאַרקסיזם איז ניט געקומען פון אַ גורל־געפיל, מיטמאכנדיק אין לעבן עטוואָס. וואָס קען דערפירן צום קעמפענדן סאָציאַליזם, נאָר מחמת דער קלאָרער אייזערנער לאָגיק:

— „איר זעט דאָך די היסטאָרישע אַנטוויקלונג, די אומגעלומפערטקייט פון היינטיקן סדר־העולם, אָט האָט איר אָנגעצייכנטע וועגן, אַרויסגערופן פון דער היסטאָרישער טענדענץ און אָט האָט איר די רפואָה" — דאָס איז געווען זיין געדאַנקען־גאַנג.

איז ער געווען דער גענעראַל פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ניט איר אַגיטאַטאָר און פּראָפּאָגאנדיסט, נאָר איר גענעראַל, וואָס זיצט אַפן הויכן בערגל, זעט פאַר זיך דעם ווייטן האָריזאָנט און די מחנה אונטן כאַפּט אונטער די באַפעלן פון אויבן...

מעדעם איז ניט געווען קיין גאַסנהעלד, און ווען די אידישע אַרבעטער האָבן מיט פאָנען מאַרשירט איבער די גאַסן, איז מעדעם געזעסן אין אַ יידישער גראָסער שול און האָט געהאַט ווי אידישע קינדערלאַך שעפן אין זיך אַריין פרישן גייסטיקן אָטעם, ווייל קודם כל און פריער פאַר אַלץ האָט אים געווייטאָגט אונזער קולטור־פּראָבלעם, און כל זמן דאָס וועט ניט געלייזט ווערן, האָט ער זיך ניט פאָרגעשטעלט קיין געזונטע ק ו ל ט ו ר ע ל ע אידישע אַרבעטער־באַוועגונג. איז דאָך אַף אים אויסגעפאַלן, אַף אים, דעם ר ו ס י ש ן אינטעליגענט צו פאָרמולירן די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אַווטאָנאָמיע און צו קעמפן פאַר איר אַ גאַנצן לעבן געגן פרעמדע און נאָך מער אפשר געגן א יי ג ע נ ע.

און גאָר לסוף האָט דער גענעראַל זיך דערזען פאַר׳יתום׳ט און איינזאַם,

פאַרלאָזן פון די צענדליקער טויזנטער תלמידים און חברים. די שיפן זייַנען אַוועקגעשוואומען אין ברייטן ים און דער קאַפּיטאַן איז א יי נ ע ר א ל יי ן געבליבן אַפן אינזל... די טראַגעדיע פון אַלע פירער און גענעראַלן.

די מאַסע האָט געצויגן די לייצעס שטאַרקער, ברייטער, ווייַטער, געשטאַנען איז ער אַף דער וואַך און איינגעהאַלטן, געצויגן אַף צוריק, בלוט האָט זיך אים פון האַרצן געגאָסן, זעענדיק, ווי עס צופאַלט דער פינף־און־צוואַנציק־יאָריקער בנין, ווי די מויערער צולויפן זיך אין אַלע עקן וועלט, האָט ער זיך פון די הויכן אַראָפּגעלאָזט און ווי אַ פשוט'ער סאָלדאַט זיך געשלעפּט צו־פוס מיט זיי — „וואו איר וועט גיין — דאָרט איז אויך מייַן וועג" און גלייך נאָך דעם: — „אָבער געדיינקט!"

אָפּגעלעבט אַ לעבן פון סיביר, קאַטאָרגע, וואַנדערונג און וואָגלעניש, און צום סוף דערלעבט, אַז די אַ ר ב ע ט ע ר ־ ר ע פּ ו ב ל י ק האָט ז יי ן קאָ פּ געזוכט, פון אלע זייטן האָט מען אים „פאַררעטער" צוגעשריען...

— ווער עס האָט אים געזען די לעצטע פּאָר יאָר, איז ממש פאַרציטערט געוואָרן, אַ מאַרמאָר־קאַלטער געזיכט, אָן איין טראָפּן בלוט, אַ תכריכים־הויט באַצויגן איבער דער שלאַנקער איידעלער פיגור.

דאָ דערנענטערט זיך זייַן טראַגעדיע צו אַ פּלעכאַנאָוו'שע, קראַפּאָטקין'שע און ענליכע. און ווערנדיק ענטוישט אין זייַנע אינטימסטע חלומות, האָט ער זיך די לעצטע יאָרן אינגאַנצן מיט דער אידישער קולטור אָפּגעגעבן, געשאַפן אַ ווייַט־פאַרצווייַגטע שול־נעץ איבער גאַנץ פוילן, און אונטערן דרוק פון דער פאַר־ירתום'טקייַט, האָט אים אַוועקגעטריבן איבערן ים — קיין אַ מ ע ר י ק ע.

דאָרט האָט ער גערעכנט איבער אַ נייַס אָנצופאַנגען פלעכטן די קייט, וואָס איז דאָ צופאַלן געוואָרן, געוועבט און גערופן די „שוויך־מאַסע" צו אַקטיוויטעט, העלפן די חברים דאָ.

— ער האָט אָבער צו יענער סביבה זיך ניט צוגעפּאַסט, און זייַנע לעצטע ווערטער זייַנען געווען:

„א י ך ו י ל אַ ה יי ם" — דאָרט אין די געדיכטע אידישע קוואַרטאַלן פון ווילנע, וואַרשע, ביאַליסטאָק — דאָרט האָט ער געוואָלט זייַן היים געפינען, כאָטש זי איז שוין לאַנג פוסט געוואָרן, כאָטש זייַנע מיטברידער האָבן זיך שוין אַ סך דערווייַטערט פון אים...

אונטערן שיקזאַל־וואָרט „אַהיים!" איז ער אין אַ ניו־יאָרקער קבר פאַרבאַהאַלטן געוואָרן, זייַן „היים" האָט אים אַפילו ניט מלווה געווען...

געבוירן טראַגיש, געלעבט טראַגיש און געשטאָרבן טראַגיש.

א. ס ש — ע ר.

פון יענער זייַט וויספּע.

משה נאַדיר:

פון בוך „פון מענש צו מענש".

די ארבעטער

אלצדינג פארכאַפּן זיי | וואו איר גיט
זיך אַ קער זייַנען זיי דאָ | די וועלט
איז פול מיט די אָפּגעריסענע שלע־
פערס | זיי צושפרייטן זיך אלץ

ווייטער און ווייטער איבער דעם ערד־
קוגעל ו פאר דעם פיינעם פאַר דעם
לייטישען פאר דעם נישטאַרבייטענדען
מענש מיט דעם אריסטאָקראַטישן בלוט
איז שוין באַלד ניטאָ קיין אָרט ו
וואו איר גייט און וואו איר שטייט טרעפט
איר ארבייטער ׀ זיי פאַרכא־
פען אַלע ערטער אויף דר׳ערד און
אונטער דר׳ערד און דער אריס־
טאָקראַט דער עקסלוזיווער
מענש מיט דעם הויכען קאַפּעליוש
מוז שטיין און צוקוקען ו באַטראַכט
נאָר ו אַלע בעסטע ערטער אַין די
קוילענמינען זיינען פארכאַפּט פון אַרבע־
טער ; אלע הויכע דעכער פון ניט־
געענדיקטע געביידען זיינען פארכאַפּט
פון אַרבעטער ו אַלע אייזענפאַבריקן
זיינען פול מיט זיי ו און אַפילו אויף
די שלאַכט־פעלדער וואו מען
באַשעפטיגט זיך מיט
פאַרבריצירען הייסע
פאָטערלאַנדסליבע פאַרן
שונא געפינט זיך אויך אַ ריזיקע
צאָל ארבעטער ו און אַפּילו די
מעדאַלפאַבריקען זיינען פול טיט פשוט׳ע
אַרבייטער ו מיט שלעפערס ׀
אומעטוט זיינען זיי דאָ ו וואו איר
וואַרפט אַ בליק נאָר אַרבייטער
און אַרבייטער ו אין די
אונטערערדישע באַנען ו אין די
שוועבל פאַבריקען ו אויף די פעל־
דער ׀ אויף די שפּיצען פון די העכס־
טע געביידן ו אויף די שיפען און
אנטער די שיפען ו אפילו אויף די
נאָך נישט געענדיקטע בריקען קריכען
זיי ארום ׀ אַפילו אין די קאנאלען
און רינשטאָקען געפינען זיי זיך ו
אומעטום אומעטום נאָר ארבעטער און
אַרבייטער ׀ און אם בעסטען ווען
דו לייגסט אַוועק דיין
קאָפּ אויף די זיידענע
קישענס און דו ווילסט
שלאָפען קלינגט ער ערגעץ מיט׳ן
האַמער אָדער ער טומלט מיט דער האק
אָדער ער עגבערט מיט׳ן עגבויער אָדער
ער פאַלט אראָפּ פון אַ הויכע געביידע
און לאָזט אַרויס אַ נישט ראַפינירטער
געשריי ו אַן עקלהאַפטע באַנדע די
אַרבייטער ו

נוי־יאָרק.

איציק פעפער

פון בוך „שפּענער"

טאנצן פריילעך בלויע ווערטער
אף די שוועלן פון מיין מויל,
טאנצן פריילעך בלויע ווערטער
העך און הויך.

אין א וויכער
פליט א ראָד מיט ווייסע רייד,
יאָגן כוואליעס גיך און גיכער
פון מיין פרייד.

גרינגער!
ווי די וואָלקנס, ווי דער ווינט,
איך בין היינט געוואָרן אינגער
פון אַ קינד.

העכער, העכער!
איציק פעפער אינדערמיט.
כ׳ווארף דער וועלט א בלויען בעכער
פון מיין ליד.

קיעוו.

פרייע טריבונע *)

די „וויספע“

מיר איז נישט וויכטיק די מארקע פון פארלאג, און פאדער נישט קיין ליטעראַרישן פאַס ביים אַרויסגעבער, — דאָס איז בלי ספק אַ וויכטיקער אויפטו:

אַ חדש־שר־פּט פאַר ליטעראַטור און קונסט אין קאָוונער ליטע, וואו ליטעראַרישע אונטערנעמונגען זיינען אַזוי זעלטן — און גיבן נאָך זעלטענער זיך איין! וואו ס'זיינען פאַראַן אַזוי ווייניק קולטורעלע קרעפטן און נאָר יחידים פאַרשטייען די וויכטיקייט פון אַ שיין, לעבעדיק וואָרט. אזאַ נישט־דאַנקבאַרער באָדן קען נאָר אַרויסרופן אַ פולע אַפּאַטיע ביים שוין נישט איינמאָל אַנטוישטן פאַרלעגער און במילא אויך ביים ליטעראַט, וועלכער קען נישט קומען צום וואָרט.

דאָס טאָר אָבער אזוי נישט פאַרבלייבן. ליטע האָט אַ גענוג גרויסן קאָנטיגענט יידיש־ריידער, און וואָלטן זיי נאָר געהאט די נויטיקע קולטורעלע אנטוויקלונג, וואָס וואָלט שוין במילא אַרויסגערוקט אפן ערשטן פלאַן די עסטעטישע באַדערפעניש, וואָלטן זיי גאַנץ געוויס מאַטעריעל געקאָנט אויסהאַלטן און זיכערן דעם קיום פון אַ גוטער צייטונג, פון אַ מאָדערנעם זשורנאַל און אפילו פון אַן אייגענעם פאַרלאַג. ווי זשע אָבער דערגרייכט מען דאָס, אז באַלד ביי די ערשטע טריט אין דער ריכטונג פאַלט מען אריין אין אַ פאַרכּישופטן קרייז: ס'פאַרשפּרייט זיך קיין בוך נישט, ווייל ס'איז נישטאָ דער נויטיקער לעזער, און ווי שאפט מען אים, אז ס'פאַרשפּרייט זיך קיין בוך נישט?.. —

זאָס איז אָבער קיין תירוץ נישט. יעדער ערגסטער באָדן מוז אין אַ נויט צעאַקערט ווערן, און ביי אַ געהעריקער ליבע און מסירת־נפש צו דער זאַך מוז אַ נס געשען: אַ שטעקן קען זיך צובליען מיט טייטלען, זאָל עס געשען, אפילו נישט דורך איין נאַכט... ווייס דאָך יעדער דאָס ווערטל: „רוים איז נישט דורך איין נאַכט אויסגעבויט געוואָרן“. ס'מוזן געמאַכט ווערן פּרובן, און פריער־שפּעטער וועט איינער פון זיי באַקריינט ווערן מיט ערפאָלג.

יעדער פּרוב אָבער אזאַ, ביי דער גרויסער אָרעמקייט פון קולטורעלע כחות אין ליטע, מוז זיין אַ קאָלעקטיווער, אַ געשטיצטער דורך אַלע יידיש־ליבהאָבער: אַ צעשפּליטערטקייט פון די קאָלאָסאַל־קליינע כחות; וועלכער נישט איז חשד און אין בעסטן פאַל — אפילו אַן אַפּאַטישע באַציאונג צו אזאַ אונטערנעמונג, לייגט זי גלייך ביים שוועל — און ס'ווערט באַגאַנגען אַ פאַרברעכן, אַ פאַרראַט אפן ליטווישן סעקטאָר פון אונזער ליטעראַטור־פראָנט!...

אַ רוף צום שאַפן, אַ סיגנאַל צו לעבעדיקער אַרבעט מוז צונויפקלייבן אַרום זיך אַלע טוער אף דעם געביט, נישט קוקנדיק צייטנווייז, אפילו פון וואַנען דער רוף קומט... און ווער עס זאָל נישט קומען און וועלן שאַפן אַזאַ טריבונע, וואָס זאָל גרופּירן אַרום זיך אַלעמען, ווער עס האָט נאָר וואָס צו זאָגן — דאַרף אויפגענומען ווערן מיט שמחה און די אַרבעט זיינע מוז איבערגענומען ווערן דורך אַ פעסט־פאַראייניקטער גרופּע פון אַלעמען — אַלע צוואַמען זיינען מיר פאַרט עפּעס און האָבן רעכט צו האָפן אף עפּעס...

אזאַ פּרוב איז איצט די „וויספע“. וועלן מיר יידיש־ליבהאָבער, זיך ערנסט פאַראינטערעסירן מיט דער דאָזיקער

*) אין דער רובריק ווערט געגעבן די לעזער און פריינט פון דער „וויספע“ די מעגליכקייט זיך אַרויסצוזאָגן וועגן אַלע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צום זשורנאַל: וועגן פאָרם, אינהאַלט, פאַרשפּרייטונג א. אַז. וו. רעדאַקציע.

אונטערנעמונג, וועלן מיר האָבן רעכט
צו פאָדערן פונ׳ם אַרויסגעבער, ער זאָל
אויספירן „מכח אל הפועל" אונזערע
בעסטע פאַרלאַנגען און פאָדערונגען,
וואָס מ׳קען ארויסשטעלן צו אַ מאָדער־
נעם זשורנאַל.
און אלס איינער פון אונז און א גע־
שטיצטער פון אונז — וועט ער עס קענען!

ה. ב.

פון דער עטאַזשערקע.

יודיקא — נייע יוגנט. לידער זאמלונג ארויסגעגעבן פון פארלאַג „ל י כ ט" קאָוונע 1923. 40 זייטן אין 16°

פאַר מיר ליגט אַ נייע ביכל לידער, אַרויסגעגעבן אין ליטע, אין קאָוונע. עס ווילט זיך „שהחינו" מאַכן עס האָט זיך שוין פאַרביינקט נאָך אַ נייע וואָרט, או דאָ, ווען איך לייען איבער די הילע „נייע יוגנט" שטעלט זיך גלייך די פראַגע: וואָס הייסט נייע יוגנט גיט דען אַלטע און נייע יוגנט? ווען די יוגנט איז אַלט איז זי קיין יוגנט ניט, נאָר לאָמיר איר מוחל זיין דעם ניט־געלונגענעם נאָמען [און אפשר איז זי די דיכטערין גאָרניט שולדיק, ווער ווייס?...] און לאָמיר איבערגיין צו אירע לידער. און דאָ מוז מען זאָגן דעם אמת, אַז ניט קוקנדיק, וואָס אין דער לעצטער צייט האָט אונזער יונגע דיכטונג ריזיק אַ שפּאַן געטאָן, סיי אין אינהאַלט סיי אין פאָרם, און אונז באַפרידיגט שוין לאַנג ניט דאָס, וואָס מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָבן מיר זיך געקוויקט, מיר שטייען שוין בײַ דער תקופה פון האָפּשיין־קוויטקאָ־קושניראָוו און דאָך לייענען מיר מיט פאַרגעניגן דורך דעם דינעניקן ביכעלע, וואו עס אָטעמט מיט דער געזונטער הייפרישקייט, און צוזאַמען מיט דער דיכטערין, ווען מיר ווערן מיד פון שטאָטישן גערודער און טומל, ווילט זיך מיטזאָגן:

איך אַנטלויף פון דיר שטאָט
און זוך זיך אויס דערפער
אין זיי וועל איך לויפעדיק לאַכן
און שמעקן די פעלדער
וואָס ווייען מיט אָטהעמס
ווי מיידלעך, וואָס הויבן אָן בליען.

אַזוי רעדט דאָס אמת׳ע נאַטור־קינד, וועלכע פאַרשטייט דאָס שפּראַך פון גראָז און בלום, פעלד און וואַלד, וועלכע חברט זיך מיט די שאָף אַף די פעלדער, און פון וועלכער עס שפּראָצט מיט לעבן, מיט מונטערקייט פון אמת׳ער פרישער צאַפּלדיקער יוגנט

„היינט וויל איך זינגען, טאַנצן, לאַכן
חיינט איז אין האַרצן בײַ מיר אַזוי לייכט
היינט האָט די וועלט מיר אַ פרייד
איינגעאָטהעמט
אַ פרייד, וואָס עס קומט נאָר אין לעבן
איינמאָל!
היינט וועל איך לויפן אין פעלדער
און וועלדער
און האַלזן די בוימער, זיך קייקלען
אַף דר׳ערד
און טאַנצן אַ טאַנץ מיט די שאָף
אַף די פעלדער
און גריסן פון אַלע פיר זייטן די וועלט!

דאָ איז זיך דער נייער פרייער מענש מתיחד מיט דער גאַנצער נאַקעטער נאַטור און מיט דער גרויסער ברייטער פרייער וועלט, דאָ ווערט אים איינג די שטאָט, און ער מוז איר פאַרלאָזן, ער מוז קומען צום אור־קוואַל פון דער מענשהייט — צום פרייען פעלד, צום ניט פאַרבויטן דאָרף, וואו די פרימאָרגנס זיינען רייצנד, דופטיק, וואו זי

אַ פאַרליבטע ביז צום שרייען
בין איך היינט אין דיר פרימאָרגן
און וויל זיין דיין אינגאַנצן
מיט דיינע שיינקייט זיך באַקראַנצן
צי איך קאַרשן־זאַפט פון ליפּן
שלינג איך טרויבן פון די אויגן
ער אָראַנזשירן פון די באַקן;

אַזוי ווערט בײַ איר בילדעריש געמאָלט אַ דאָרפישער פרימאָרגן, און איר איצערלעבונג, איר שטימונג פאַרכאַפּט אייך און מיט אַ רוהיקער פרישקייט פון אַ דאָרפס־קינד ענדיגט זי:

איך בין אַ גייערקע באַפאַקטע
פול מיט נייע פרילינגס־וועלטן!

און מען גלויבט איר, ווייל יעדע שורה איז אויפריכטיק, ניט געקינצלט, או טאַקע דעריבער זיינען מאַנכע לידער ניט באַהובלט, אַ ביסל רוי. עס מערקט זיך די ניט ראַפינירטקייט, וועלכע דאָ איז עס צו דער דאָרפישער פרימיטיוויטעט אירע גראַדע האַרמאָניש.

אין ציקל „צייטן", וואו די יונגע דיכטערין וויל געבן דעם פייזשאזש פון דעם היינטיקן רוסלאַנד דעם אויפגעברויזטן רויט־פלאַקערדיקן רוסלאַנד, דאָרט ווערן שוין אירע בילדער בלאַס, צו שוואַך איז איר פאַליטרע פאַר דער בונטקייט פון רוסישן היינט. אַפילו דער דאָרף דער רוסישער איז אויך ניט פאַר איר, זי קען ניט געבן די יעסעינישע פאַרבן און טענער און דאַרום לייענען מיר קאַלט די שורות פון

אַ דאָרף קומט אָן מיט רויט און ווייסע
הייזל'עך פול
און מענטשן פרישע האַרבסטיקע
די אויגן זוכן הין און הער אַרום
די באַקן רויט, די אַרבל ווייס
דאָס דאָרף פאַרגייט
אַ שטעטל קומט,
און ווען זי קומט, דורכלייפנדיק די שטעטל, צום שטאָט דערזעט זי
בלאַסער הונגער, רויטע ווייַנען
געלע גאָלדן, שוואַרצע לאָמפּן
בלאַנקע גאַסן; בלאָטיק הייזער
ווילד געוויינען, פריילך לאַכן
ווילדער טומל, ברויט צו שטאַרבן?

דאָ ווערט זי צוטומלט, זי דאָס דאָרפיש קינד דערזעט דאָ דעם קאָנטראַסט פון פאַר איר האַרמאָנישן דאָרף, און זי דערזעט ניט די שיינקייט און טראַגיש-קייט פון דער גרויסער שטאָט, וועלכע האָט געפונען אירע אויסדריקער אין האָפּשטיינען, קושניראָוו און אין אַ ריי אַנדערע פון אונזערע יונגע דיכטער. און גאַנץ ריכטיק זאָגט ז. אין לעצטן געדיכט, וועלכער איז באַטיטלט מיט איר ניי-געשאַפענעם וואָרט „פאַרקייט" (פון וואָרט קייטן)

איך בין אַ קינד איך בין פאַרקייט
איך האָב קיין קלייד
איך עס די ערד און טרינק דעם ווינט
איך שטיי ביים ים און בעט אַ טראָפּ
און האָב קיין וואָרט.

יע, איר פעלן נאָך ווערטער, בילדער פאַר דאָס דייטליכע, פאַר דאָס גרויסע און נייע, וואָס האָל'ט אין ווערן. אָבער אַן אויג האָט זי פאַר דאָס האַר-מאָנישע און געזונטע און מיט אַ אמתן נחת רוח לייענסטו דורך דאָס דין ביכעלע, ווייל דו זעסט, אַז דו האָסט פאַר זיך אַ דיכטערין, וועלכע האָט זיך איר אייגן וועג, איר אייגן פּרצוף, וועלכע ווערט ניט פאַרכאַפּט פון דער אַרומיקייט און דער וועג צו זיך דאָס איז אפשר דער שווערסטער אָבער דער דאַנק-באַרסטער.

ז. פייגין.

ליטעראַרישע און קינסט-לערישע כראָניק.

דראַמאַטישע סטודיע ביי דער קאָוונער „קולטור-ליגע".

די ד. ס. גרייט זיך צו איר ערשטן אַרויסטרעט אָונט — איר דעביוט *)

קיינער ווייס ניט, פאַראינטערעסירט זיך ניט, וויל ניט וויסן, וואָס עס קומט פאָר אין דער ד. ס., ווי אַזוי זיי אַרבעטן, וואָס זיי טוען דאָרטן אין בע-זונדערן ווינקעלע פון דער נייער דראַמאַטישער לאַבאָראַטאָריע.

כ'וויל אַ ביסל באַקענען עם עולם באַזוכער, וואָס וועט קומען אַפן אָוונט אים אַריינפיר הינטער די קוליסן פון דעם נייעם „טעאַטער".

אַ גרופּע יונגע התלהבות'דיקע פּראָטעסטאַנטן קלייבן זיך צונויף יעדן אָוונט אין זייער לאָקאַל און שמידן אַ וואָרט צו אַ וואָרט, מעסטן טריט אַף דער ערדישער פּאַדלאָגע.

זוכן נייע זשעסטן, אָרגאַניזירן די אברים פון גוף.

און מיט אַזאַ עקשנות, מיט אַזאַ ענטוזיאַזם, אַז אַ זייטיקער אָביעקטיווער צושויער נעמט טאַנצן אָדער וויינען, אַז אַ זייטיקער הויבט אָן זיך קריטיש צו באַ-ציען צו זיינע טאָג-טעגליכע באַוועגונגען, ריידן און האַנדלונגען אין שטוב, אַפן גאַס און אומעטום, אַז דער פאַרביסנסטער, פאַנאַטישסטער אָנהיינגער פון אַלטן טעאַטער ווערט צוטומלט, אַ כאַאָס ווערט אים אין קאָפּ.

אָפּגעגט דעם אַלטן טעאַטער.

געשלאָגן כפּרות מיט פּסיכאָלאָגישע גאָט-זוכע-רישע ואין ליטעראַרישן זין גריבלונגען אַף דער בינע.

גענומען די פשטות פון דער פּאָלקסטימליכקייט, מאָדערניזירט דעם שאַבלאָן ניט אַזוי צוליב די ריכ-טיגקייט פון דער אידייע, טעמאַ ואַפן אַלטן ליטעראַ-ריש-דראַמאַטישן לשון. נאָר צוליב דעם פּראָטעסט, צוליב דער אַפּיקורסישער שטימונג.

אַוועק מיט דער פריהערדיקער טעאַטראַל'ער הפקרות!

כ'האָב נאָר אָנגעוואָרפן די קאָנטורן פון די טריט. קען זיין, אַז אין מיטן זוכן וועט מען זיך אָנ-שטויסן אַף אַנ'אַנדער וועג.

קען זיין!

דאָס אַלטע איז אָפּגעשטאָרבן, דאָס נייע זוכט און געבוירט זיך אין פאַרשידענע פאָרמען. יעדנפאַל'ס, דער אָוונט זאָגט אונז צו אַ איבערקערעניש אין דער פאַרפעסטעטער לופט פון דער ביז-איצטיקער „טעאַטראַל'ישקייט".

*) עס ווערט געשטעלט — אַ וואַריאַנט פון דער „ליבע צו די דריי אַפּעלסינען" פון מייערכאָל'דס אַ בוך.

בריוו-קאַסטן.

עס וועלן ניט געדרוקט ווערן די לידער און דער-ציילונגען פון: ד. ר—ש, מ. עוו—יין, י. א—פּ., ש. שיינ—ג, מ. ר—מאָר, בן משה מ. ל—מאַן.

י. גאָלדבלאַט — איר ווערט געבעטן פּערזענליך אַריינצוקומען וועגן אייער צוגעשיקטן מאַנוסקריפּט.

צוליב מאַנגל אין פּלאַץ אי ניט אַריין די איבע-ריגע ליטעראַרישע כראָניק.

יודיקא.

ווער קען זאָגן...
וועלטן בלינקלען מיר אַנטקעגן,
ווינטן טושל־ען מיך ביי זייַטן,
הימל שירמט מיר מיט בלויקייט,
ערדן טראָגן מיך אויף אָרמס.
ימים רייַסן שטיקער פעלן

ווער קען זאָגן, וואָס מיין זיין איז?
ווער קען זאָגן, וואו איך הין גיי?
ווער קען זאָגן, ווער מיין דור איז?
ווער קען זאָגן, וואָס ער זיין וועט?

מיך באַשאַפן האָט באשעפער
פון אייביקייַטס אַ ריפ.
פון די דורות מיינע גלידער
און פון יאָרן מיין באַפליישונג,
פון די צייטן מיין פאַרשטענדניס,
פון חדשים מיין באַהויטונג
און פון וואָכן הויטן־קאַרבנס,
פון די טעג מיין גאָרע ווילדקייט
און פון נאַכטן מיינע טרוימען, —

ווער קען זאָגן, וואָס איך טו דאָ?
ווער קען זאָגן, וואָס איך דאַרף דאָ?

מיך געשיקט האָט דאָ אַ הימל
פאַר א וועלט צו זיין אויף ערדן,
פאַר דער וועלט צו זיין א פרילינג,
פאַר דעם פרי־לינג זיין א יוגנט,
פאַר דער יוגנט זיין אַ ליבשאַפט,
פאַר דער ליבשאַפט זיין אַ צירונג, —

ווער קען זאָגן, וואָס איך טאָן קען?
ווער קען זאָגן, וואו איך הין זאָל?

ווער קען זאָגן, ווער קען זאָגן?
צי וואָס געבראַכט מיך האָט אַ שטורם
אויף דער אייביקייַטס אַ פליגל,
מיך געלייגט אויף שויס פון ערדן
זויגן, כליניען ערדן־זאַפטן,
מיר געשענקט אַ וואַנדער־שטעקן
פון אַן אַלטן קרוינען־רייך, —

ווער קען זאָגן מיר מיין נאָמען?
ווער קען זאָגן, וואו איך בין דאָ?
ווער קען זאָגן פון מיין זיין דאָ?
ווער קען זאָגן פון מייַן ניט זיין?

ה. בלאשטיין

גערדאַנקען וועגן דער מאָדערנער דיכטונג.

ב.

אונזער צייט. וועלטן אין שטורם. אַפן קרייץ פון שיידוועג. אַ פאַרבלוטיקטע, פיבערט די מענשהייט מיט ווילדער שאַפונגסדורשט אין דער צעשויבערטער נשמה... איבערגעשאַצט אַלע ווערטן, אויסגעמאָסטן אַלע וועגן, אונטערגעפירט אַ סך־הכּל פון אַלע נעכטנס — און פראָקלאַמירט דעם פולשטענדיקן באַנקראָט פון אַלטן וועלט־סדר, און במילא — דעם מאַניפעסט פון... זוכעניש, בלאָנדזשעניש און דרייסטע פּיאָנערישע פּרובן.

אינם דאָזיקן פעריאָד איז געקומען דער נייער יידישער דיכטער.

ניי, פריש, נישט באַלאָדן מיט קיין עבר אויפן געביט פון דער זיך אַליין אויסגעלעבטער האַלבפּאָלקסטימליכער, האַלבמעלאַנכאָלישער, דאָס רוב איבערפלעכלעכער, ווייניק סאָציאַלער יידישער פּאָעזיע פון ביז דער מלחמה; יונג אין העזה׳דיקן וואָגן, פאַרמעסטן זיך און פאַרלאַנגען, זיך אויפהויבן און פאַרטיפן; אַ קינד פון פּראָטעסטאַנטיש־צערודערטער מאַסע מיט אירע נישט־געצוימטע אינסטינקטן און קאָכעדיקע בלוטן, איז דער נייער דיכטער געקומען אַף דער אידישער גאַס — ווי „אַ נאַקעטער מענטש אַף אַ נאַקעטער ערד”.—

שאַפן! אָנהויבן! אַליין אויסטרעטן נייע וועגן — און פונם פיל צוזאָגנדיקן היינט זאָלן זיי זיך אָנהויבן! און גיין זאָלן זיי אין מאָרגן אַריין — אין אויסגעטרוימטן, אין גליקליכן, וואָס דער היינט דאַרף עס אים אין וואָר פאַרוואַנדלען...

דער אַלטער וועג איז אינגאַנצן אָפּגעוואָרפן געוואָרן. איז יעדער יונגער יידישער דיכטער אַ פּיאָנער געוואָרן. אפשר האָבן אַלע פּיאָנערן אינאיינעם דעם איין און זעלביקן וועג געזוכט — דעם וועג צום העלערן, צום שענערן, צום אויסטערלישן אויפן קונסטגעביט, דעם זונענטרעפּ, — נאָר יעדער פּיאָנער באַזונדער האָט פון אַן אנדער פונקט אָנגעהויבן, האָבן זיך גלייך ביים אָנהויב אַרום דעם אידעאַל פון אַ נייעם וועג צעשפּרייט, ווי שטראַלן אַרום אַ זון, פאַרשיידענע שטעגן, שמעלערע און ברייטערע...

האָבן מיר אָנשטאָט דעם פריערדיקן פמעט איינהייטליכן כאַראַקטער פון די שטימונגען אין דער פּאָעזיע — אָנשטאָט דעם דאָזיקן סימן־דלות פון דענקען און פילן אין איין ריכטונג — מיט איין מאָל באַקומען אַ מאַסע שטרעמונגען און ריכטונגען אין אונזער דיכטונג: די אוקראַאינישע, די יונג־אַמעריקאַנישע, די אינזיכיסטן, ווידערוואָוקסניקעס, אימאַזשיניסטן, קאָלעקטיוויסטן און פאַרשיידענע שאַטירונגען פונם עקספּרעסיאָניזם בכלל, — און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוואַלטיקע אירונג און ברויזונג אין אונזער שאַפן.

ס׳קען זיין, אַז פיל פון די דאָזיקע ריכטונגען וועלן באַנקראָטירן; ס׳קען זיין, אַז אינם דאָזיקן שאַפונגסשטורם האָבן זיך אַריינגעשמוגלט סתם בטלנים־טומלער מיט אַ כאַ־כאַ און פייפעריי, מיט אַ הפקר׳דיק־ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט, וואָס פאַרדעקט צייטווייליק די פּוסטקייט אונטער אים, און אַז ס׳וועט זיך אַ ביסל אָפּזעצן דער שוים פונם ברויזנדיקן בעכער, וועט מען קוים־קוים אַ טראָפּן בייַ…

דעק געפֿינען — — — ס׳קען זיין; אָבער וואָס עס זאָל נישט זיין — אַ סימן פֿון אויפֿרודערונג און פֿליגלצעשפּרייטונג איז עס פֿאַרט!

ס׳קען אויך זיין, אַז פֿיל פֿון אונזערע נייע דיכטער ווייסן בכלל נישט קיין וועג צום בעסערן און פּרובן עס גאָרנישט אָנווייזן; זיי שפּילן נאָר די ראָליע פֿון קבֿרנים, לצים און אויסלאַכער אַף די חורבות פֿון דער אַלטער וועלט און טאַנצן מיט אַ ווילדן כאַ־כאַ אַף איר קבֿר, — דאָס איז אָבער אויך עפּעס! בראַמאַ וואָלט פֿאַרגעסן די קונסט פֿון שאַפֿן, ווען שיווא זאָל נישט שמעטערן... און עס וואָלט דאָך זיין אַן אַבסורד צו זאָגן, אַז מ׳טאָר נישט טאַנצן אויף די חורבות פֿון אַ וועלט, אויב מיר האָבן זי נישט געבויט: ערשטנס, אַז אָך און אַז ווי וואָלט געווען צו אונז, ווען די דאָזיקע פֿאַרזעעניש וואָלט געווען אונזער אַרבעט; צווייטנס, ווען מיר זאָלן זיך האַלטן ביי אַזאַ מין רחמנות־פּרינציפּ אויפֿן נישט־געלונגן־געשאַפֿענעם, וואָלטן מיר נאָך ביז היינט געגאַנגען נאַקעט און געפֿרעסן גראָז, און אונזערע גייסטיקע פּיס וואָלטן שוין לאַנג אַטראָפֿירט געווען:..

שמעטערן איז אויך בויען!

— — — — — —

די יידישע דיכטונג איז אַרויס אויפֿן ברייטן וועלטוועג מיט זיינע רייך־צעצווייגטע ביוועגן. דער יונגער דיכטער האָט זיך מיט געפֿיל און געדאַנק פֿאַרמאָסטן אַף אַלע געזעלשאַפֿטליך־סאָציאַלע, פֿילאָזאָפֿישע און קונסט־פּראָבלעמען.

צי איז דאָס אָבער ז י י ן וועג, זיין אייגענער, צי האָט ער רעכט אַף אים?

די דאָזיקע פֿראַגע ווערט איצטער וואָס אַמאָל אָפֿטער געשטעלט אין דער יידישער זשורנאַליסטיק און טייל פֿרעגער מאַכן דערביי זייער אַ טראַגיש פּנים, פֿאַרקרימען זייער שטאַרק־ראַפֿינירטע נאָז און מאַכן היסטערישע געוואַלטן:

— לא זו הדרך! איר האָט זיך פֿאַרבלאָנדזשעט, פֿאַניע דיכטער!. אייך האָט פֿאַרבלענדעט דער אָפּשיין פֿון דער רוסישער שרפֿה און אייך אַראָפּגע־שלאָגן פֿון אייער אייגענעם היסטאָרישן וועג! איר טאַנצט אַף אַ פֿרעמדער חתונה און זייט מקבר אַ פֿרעמדע וועלט... מיר, יידן, דאַרפֿן אַנדערש שטערן און אַנדערש בויען, מיר האָבן אונזער ה י ס ט אָ ר י ש ע ליניע! —

פֿאַרשמעקט עס ווידער מיט דער אתה־בחרתנו־לאָגיק, מיטן גאָרנישט ראַ־פֿינירטן ריח פֿון אַ לעצטער אויסגייענדיקער חלבֿ־ליכט ביינאַכט ביים אויוון פֿון אַ וויסטער קלויז...

האַלט איך אינגאַנצן פֿאַר איבעריק זיך אַריינצולאָזן אין אַ בטלן׳ישן פּילפּול און אויסדרייען מיטן גראָבן פֿינגער, אַז... מיר, יידן, געהערן אויך צו דעם צווייפֿיסיקן מין בעל־חי, וואָס הייסט „מענטש" — און אַלס אַזעלכע האָבן מיר אויך פֿולע רעכט צו גיין מיטן אַלגעמיינעם מענטשהייטוועג, וועלכן מיר אַליין האָבן טאַקע אויך געהאָלפֿן אויסטרעטן; אַז די רוסישע שרפֿה האָט זיך געטראָפֿן גראָד אַף דער זעלביקער פּלאַנעט, אַף וועלכער מיר לעבן, און נישט אין עולם־התהו פֿון אַבסטראַקטע „היסטאָרישע" ליניעס, וואָס שמעטערן זיך אָנ׳ם היסטאָ־רישן מאַטעריאַליזם...

— „דער יידישער נייער דיכטער איז נישט אָריגינעל, ער טאַנצט נאָכן רוסישן פֿייף" — וואַרפֿט מען אונז אויף.

פֿאַרגעסן זיי אָבער, די דאָזיקע מקשנים, אַז וואָס ס׳איז שייך צו דער קונסטוועלט, האַלט די גאַנצע אַלטע קינסטלערישע אייראָפּע אָנגעשפּיצט אויג און אויער צו דער רוסישער פּען און בינע... אַז די קולטורעלסטע לענדער האָבן

זיך אַ צי געטאָן צוּט רוּסישן קוּנסטשטייטער, ווי קליינע קינדער־לעך בייַנאַכט צו אַ מאַמען בעטן נייער.. אַז ס'איז דאָך געגוּג פוּן צייַט צו צייַט אַ קוּק צו טאָן אין דער פרעסע אוּן זיך דערוויסן, מיט וואָס פאַר אַ התפּעלוּת איראָפּע אוּן אַמעריקע נעמען אוֹיף די מאָסקווער בינע־קינסטלער, שאַגאַלס לייַוונטן אוּן בלאָקס „צוועלף״...

יעדער וועג האָט זיך זייַן אויסטרעטער. יעדער תּורה האָט זיך איר גאון. אויפן קוּנסטגעביט האָט די היסטאָרישע ליניע אין צוואַנציקסטן יאָרהוּנדערט גע־זאַלבט פאַרן גאוֹן דעם רוּסישן פאָלק, — אוּן ס'איז גאָרנישט אַזאַ בּיוּש, צו גיין נאָך די טריט פוּן אַ גאון!

אוּן ווידער —

אויב די „היכטאָרישע״ ליניע ווייַזט אָן אַנדערש אוּן מיר, יידן, דאַרפן אַנדערש שאַפן — טאָ וואו זייַנען זיי די דאָזיקע „אַנדערש״־שאַפנדיקע? צי איז דאָ אָנצוּווייַזן כאָטש איין נייַ „גאוניש״, עפּאָכע־מאַכנדיק ווערק, וואָס איז פאַר דער לעצטער צייַט געשאַפן געוואָרן אין הסכם מיט דער „היסטאָרישער״ יידי־שער ליניע! אוּן צו האָבן די פרעגער כאָטש קאָנקרעט אָ נ ג ע ווי י ז ן די וועגן, וועלכע זיי נישטערן אַזוי בייַטאָג מיט זייערע חלב־ליכטלעך!...

איך ווייס, זיי וועלן נישט זייַן אַזוי גרויסמוּטיק צו ענטפערן דעם ריכטיקן תּירוּץ:

— אַלץ, וואָס פּילט נאָר אין זיך דעם פלי־שוואוּנג פוּן שאַפן איז שוין לאַנג נישט אין זייער לאַגער! צו ענג אוּן דוּמפּיק איז דאָרטן אָ פרייַען געשריי צו טאָן, צו נידעריק איז דאָרטן דער הימל, מ'זאָל קענען דרייַסט דעם קאַרק אויסגלייַכן!...

— — — — — —

אוּן ווי האַלט עס מיטן לעזער, מיטן יידיש־לייענער? —

צי האָט כאָטש איינער פוּן די אַלע נייַע וועגן אין דער יידישער דיכטוּנג זיך געפוּנען אַ וועג צו אים, צוּם לעזער? צי האָט דאָס נייַ־יידישע בוּך פאַר־נוּמען דאָס ליידיק־געבליבענע אָרט אַף דער יידישער פּאָליצע, נאָכדעם, ווי עס איז אַרויסגעשטוּפּט געוואָרן דאָס אַלטע בוּך — דער „ספר״, אוּן די קליינביר־גערליכע מעשה־ליטעראַטוּר האָט זיך אַרוּפגערוּקט אויף אַ טויטן פוּנקט?

אוּנזערע אויבנדערמאָנטע קלאָץ־קשיות־פרעגער ענטפערן גיפטיק: אַבסאָ־לוּט ניין! מיר אַליין זייַנען געגוּג ערליך מודה צו זייַן טייל־ווייַז: דער נייַער יידישער דיכטער האָט אַ קליינעם קרייַז לעזער.

— פאַרוואָס? —

מיר וואַרפן אָפּ אין גרוּנט די השערה, אַז דאָס איז אַ פּוֹעל־יוצא פוּן אַ נישט־ריכטיק אָנגענוּמענעם וועג. מיר זעען דאָ טיפערע אוּן ערנסטערע ריבות.

ערשטנס איז אוּנזער וועג נישט דער וועג פוּנם טאַלאַנט, וואָס גייט שוין אויף אויסגעטראָטענע שטעגן אוּן געניסט די בלוּמענקרענץ און אַפּלאָדיסמענטן, וואָס האָבן געדאַרפט געהערן דעם גאון, דעם פּיאָנער, וועלכער איז, בשעתו פאַרוואָרפן געוואָרן מיט שטיינער אוּן זילזוּלים... אוּנזער וועג איז גראָד דער פּיאָנערישער!...

צווייטנס: דער מאָדערנער יידישער דיכטער זוּכט גאָרניט זיך צוּצוּפּאַסן צוּם לעזער, וואָס האָט זיך שוין אַזוי „אייַנגעשימלט״ אין די „קאָנאָניזירטע״ ליטערארישע טראַדיציעס, אַז ער קען זיך בשום אופן ניט פאַרנעמען מיט זיי־

ער איבערשאַצונג — און מאכן א טריט פאָראויס. דער יונגער דיכטער — נביא פון נייע גרויסע אמת'ן — שטייט אליין אויף זיין בארג סיני און זוכט די אמת'ע פאָרמען זיין תורה אויסצולייגן; ער וויל נאָר זיין געטריי זיך אליין און אים ארט נישט, וואָס אונטן שטייט נאָר א הייפל — אַפּאָסטאָל'ן! דער המון, די מאסע, וועט שוין נאָכדעם אליין קומען, עס וועט זי ברייגען און אויפהויבן צו זיין הויך — דער גאנג פון דער געשיכטע!

אָנמערקונג צום אַרטיקל: זאָל עס טיילווייז זיין אַן ענטפער אויפן אַרטיקל „פאַרוואָס?“ אין „ווּיספּע“ א—ב.

ה. ב.

א. פעלדשטיין.

פון בוך „רויע ערד“.

* * *

איך בין רוי, ווי די ערד און נאקעט, ווי זי
און איך ברען מיט אירליידנשאַפט
און איך גאַר נאָך טוי און רעגן
נאָך זאפטיקייט
ס'איז טיף און ברייט און פריי און ווילד מיין האַרץ,
ווי די ערד,
און עס וואַרט אף דעם אקערער
מיט סערפּ אין האנט.
און דורשטיק בין איך, ווי א חיה אין מדבר,
איך בין רוי, איך בין מיידליש נאָך,
און געַנוג שוין פאר מיר!
איך וויל צעאַקערט ווערן!
איך וויל אַ ווילדער ווערן, א אוראַלטער ווילרער,
נו, איז וואָס?
טאָ, איר געזונטע, זאטע, רונדע מאָרדעס, אנטלויפט פון מיר!
פון מיר דעם ווילדן, רויען אומגעלומפּערטן..,
האָריק־באוואַקסענעם פון קאָפּ ביז פיס...
און דו מיין שוועסטער, כלה, ווייב, פרוי,
איך פרעג באַ דיר ניט פון וואנענט דו קומסט,
ווער האָט בא דיר דעם ערשטן קוש פארצוקט,
ווער האָט בא דיר דיין ערשטע כלה־נאכט געראַבט,
ווער איר זאָלט ניט זיין,
ווייסט! —
אז גאָט איז אין אייך, אין אייערע
עלאסטישע בויגזאַמע גלידער,
צו וואָס די פייגנבלעטער?
צי וואָס פאַרלייקענען דעם איך?
פון בלוט און פלייש
דעם לעבעדיקן, פיראונצוואַנציק־שעה־פולסירנדיקן, איך
דעם הוילן רויען, איך — מענש!?...

מרדכי יאפע׳

„וואַקאַרושקעס״

קאַפּיטל׳עך פון אַ ראָמאַן·

א·

שרה׳קע איז געשטאַנען באַם פענצטער׳ געהאַלטן אין האַנט דעם האַנטוך׳ מיט וועלכן זי האָט זיך אָקאָרשט אַרומגעווישט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן ··· זי האָט געפילט, אַז די באַקן ברענען איר ··· צעשראָקן איז זי געווען און אַליין ניט געוואוסט — פון וואָס· זי האָט באַמערקט דורכן פענצטער׳ ווי עמיצער לויפט ··· האָט זי פאַר נייגעריגקייט אַליין די טיר אויפגעעפנט און עס איז אַריינגעלאָפן — נח׳ל׳ איר זיבעניעריקער ברודערל·

— גייען ! ··· וואַקאַרושקע זיין ! ··· — האָט ער קוים, אַ פאַרסאָפּעטער אַרויסגערעט, און זיך גענומען׳ פאַר התפעלות׳ דרייען און אַרומלויפן אי־בערן שטוב·

— שאַ· וואָס איז אַזוי די גדולה׳ — האָט משה דער פאַכטער זיך געב־רוגז׳ט פון זיין ווינקל· ער איז געשטאַנען נעבן אַ טשעבער און איינגעמישט קלייען· האָט עס אים פאַרדראָסן׳ וואָס „דער יונג״ וואַקסט שוין א „שגץ״ און איז פאַרטאָן מיט „זיי״· האָט ער אָנגעשריען אַף אים· ווי א טאַטע שרייט אָן· נאָר אַליין האָט ער אומגעקערט דעם צעשויבערטן באָרד אַף אַ הינטער און צו שרה׳קען געזאָגט:

— מען דאַרף דעם לאָמפּ אָנצינדן ·· חשך !

שרה׳קע האָט עטלאַכע שוועבעלאַך אָנגעריבן און ס׳האָט זיך פאַרלאָשן· עפּעס איז איר פון די הענט געפאַלן· האָט ער די שוועבעלאַך פון איר האַנט אַרויסגעריסן און אַליין אָנגעריבן: „געזען אַ ביסל — ווי מ׳איז דאָס צעשמייעט ?״

— נאָר דערנאָך אַז די קולות זיינען געקומען נענטער און ס׳האָט זיך געהערט א שפילן׳ איז ער ווייכער געוואָרן, צוגעגאַנגען צום פענצטער און געקוקט אין דרויסן מיט אַן אויפגעהויבענעם באָרד·

די קולות זיינען אלץ שטאַרקער געוואָרן· מענער־שטימען האָבן געל־אכט· אַריבערגעשריען איינע די אנדערע׳ און נאָכגעזונגען „נאָכן טאַקט״· שקצים׳לאַך האָבן זיך געיאָגט פאָראויס און סתם געשריען·

און וואָס נענטער מ׳איז געקומען׳ אַלץ דייטלאַכער האָט זיך געהערט׳ ווי אַ פידל מיט אַ פּלייט קריגן זיך און ווילן איינע די אַנדערע אַריבערשרייען ··· אַ פויק האַלט זיי נאָך מיט מסירות נפש ··· עס האָט זיך אַלץ אויסגעמישט אין אַ פריילאַכן גערודער·

און אַז זיי זיינען אַפן גאַניק אַרויף׳ איז שוין די טיר ברייט געווען פונאַנדערגעעפנט: משה דער פאַכטער איז געשטאַנען אַנטקעגן און האָט זיי מקבל געווען מיט אַ שמייכל· ער האָט זיי עטוואָס געוואָלט זאָגן און ריידן. נאָר אַלע האָבן זיך עפּעס ווי מיט אַמאָל אַריינגעשטופּט, ווי נישט קיינעם באַמערקנדיק׳ און אין איין רגע איז פול געוואָרן די שטוב· די מוזיקאַנטן האָבן אויפגעשפילט

שטאַרקער, און טומלענדיק האָט מען זיך פאַרנומען און זיך טאַנצן אַוועק־געלאָזט . . .

מ'האָט געשפּילט אַ מין „פּאָלקאַ". די פידל מיטן פלייט האָבן זיך שטאַרק געיאָגט ... און געיאָגט האָבן זיך אויך די צעהיצטע פּאָרליך, פליענדיק איינע נאָך די אַנדערע, איינע איבער די אַנדערע ... מ'האָט געקלאַפּט מיט די קנאַפל אַזוי שטאַרק איבערן פּאָדלאָגע, אַז עס האָט געציטערט דער לאָמפּ ... טומלדיק און הייס, די פּנים'ער האָבן זיך אָנגעצונדען. בײַ די מיידלעך זיינען זיי געווען רויט און גלאַנציק. די בחורים האָבן די היטלאַך געוואָרפן און מיט צעבערענטע אויגן אַרומגעלאָפן איבערן שטוב . .

צוויי פון די בחורים — פון די דאָרפישע — זיינען שכורלאַך געווען. זיי האָבן געשריען צו די מוזיקאַנטן, אַז מען זאָל שטאַרקער שפּילן ... האָבן זיי מאוימ'דיקע קולות אַרויסגעלאָזט. און דערנאָך איז איינער פון זיי צונעלאָפן און אַרויסגעריסן די פויק פונם הינקעדיקן שגצל, וואָס האָט אַף דעם אַ שטענדיקע חזקה געהאַט, און באַוויזן, ווי אַזוי מ'דאַרף אַ שטייגער קלאַפּן ... האָט ער אַזוי שטאַרק געקלאַפּט מיטן שטעקל, אַז די פויק האָט דומף געציטערט און שיער געפּלאַצט שרייענדיק ... און אַז זיין מיידל האָט אים מיטן האַנט געפּאַכט און געוואָלט איינהאַלטן, איז דער שטעקל אומגעפאָרן איבער אירע הענט און איבער איר אינגאַנצן ...

און וואָס מער מ'האָט געטאַנצט, דאָס להוט'ער איז מען געוואָרן נאָך טומעל, אַ מין פריילאַכקייט האָט אַלעמען פאַרנומען, וואָס האָט קיין גרעניץ ניט. פון די עטלאכע שכור'ע האָט מען זיך אָנגעשטעקט. און יעדן האָט זיך געדוכט, אַז ער איז שכור. און איטלאכער האָט זיין מיידל געהאַלטן איינגעקלאַמערט, ווי אַ געפאַנגענע פאַר זיך, און זיך אַרומגעיאָגט פון איין אָרט אַפן צווייטן ... עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז אַ געוועט.

אַזוי האָט מען אָפּגעטאַנצט איבער אַ האַלב שעה.

דערנאָך האָט מען זיך אויסגעזעצט אָפּרוען אַף די ביינק.

מען איז געווען פאַרשוויצט. בײַ די מיידלאַך האָבן זיך געהויבן די ברוסטן מיט שווערקייט. די האָר איז געווען צעשויבערט. זיי האָבן זיך שווייגענדיקע אויסגעזעצט איינע נעבן די אַנדערע און געפאָכט זיך מיט די געקאָלירטע טיכלאַך. אַ טייל פון זיי זיינען דערשוויצטערהייט אַרויסגעגאַנגען זיך אָפּקילן אין דרויסן. זיי האָבן צוגעוואָרפן נייגעריק־שטילע בליקן צום זייט, וואו די בחורים זיינען געזעסן. און יענע האָבן שמייכלענד געדרייט די וואָנסעס ...

— — — — — —

יוזיק, דער נייער לאַקיי, וואָס איז נישט לאַנג אָנגעקומען באַם „פּריץ", איז געווען דאָס ערשטע מאָל בײַ „מאָשקען". ער איז געזעסן אויבן־אָן באַם ברייטן טיש און־הויך געשמועסט.

ווי אַלע מאָל, איז ער געווען פריילאַך, האָט גערעט מיט אַ ברייטע שטים אַף פּויליש און געריכערט לאַנגע, אַראָמאַטנע פּאַפּיראָסן ...

זינט דער דאָזיקער שלאַנקער בחור'ל מיט די קורץ־געשאָרענע העלע האָר

און זויבערע בלוי־אַרומגעזוימטע טעזשורקע, האָט זיך באַוויזן אין „הויף״, האָבן די פּאַראָבקעס דערפילט נעבן זיך און אין זייערע הייזער דעם געשמאַקן אַראָמאַט פון פּריצישע פּאַפּיראָסן ··· יוזיק איז ניט געווען קיין אויסנאַם פון אַנדערע לאַקייען, ער האָט אָבער געוואוסט די קונץ, ווי צו רויכערן ··· און נישט אומזיסט האָבן מיידלאַך אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווען ער האָט מיט זיי גערעט· יוזיק איז געווען געשיקט· ער האָט פּויליש גערעט ניט ערגער ווי ליטוויש. די פּאַראָבקעס האָבן צווישן זיך גערעט· אַז ער פּאַסט זיך בעסער צו זיין אַ „פּאַניטש״ ווי יענער, דעם פּריצ׳ס איינציק זונדל··· די „אַכמעסטרינע״ (עופות־אויפזעהערין) וואָס איז באַוואוסט פאַר אַ גרויסע „בעל־סוד״, האָט דערציילט, אַז אַ סברה, אַז די „פּאַני״ אַליין האָט עס אים אַראָפּגעבראַכט ··· זי האָט אים ערגעץ־וואו דערזען — האָט זי געהייסן אָפּשאַפן דעם אַלטן לאַקיי און אים צונעמען ··· אָבער יוזיק אַליין איז געווען גאָט די נשמה שולדיק. ער האָט זיך חלילה ניט אָפּגעטיילט פון אַלעמען, אַף אַלע „וואַקאַרושקעס״ געווען און געטאַנצט, מיט יעדן, ווער ס׳איז געפעלן···

איז ער געווען, ווי אַלע מאָל, פריילאַך, האָט געטיילט פּאַפּיראָסן און גערעט מיט אַ ברייטע שטים:

— האַ? — הייסט טאַקע דער „פּאַן״ מאָשקע? ··· אַ וואונדערלאַכע זאַך כמעט אַלע אידן וואָס איך קאָן, הייסן מאָשקע···

משה איז געזעסן אַנטקעגן אים און געשמייכלט· דער „נייער״ איז אים שטאַרק געפעלן געווען· האָט ער גענומען פון זיין האַנט דעם לאַנגען, ווייסן פּאַפּיראָס און האָט פאַררויכערט ··· ער האָט גערויכערט פּיפּקענדיק· גערעט געציילטע ווערטער אין פּויליש און האָט געפילט· אַז בפועל ממש, אַז אַזוי און נאָר אַזוי רעט מען פּויליש···

— דעם „פּאַן״ דוכט זיך דאָס נאָר ··· נו· און דאָרט? באַ זיי? ניטאָ קיין נייס?

— מען גרייט זיך צו אַ באַל! — ענטפערט יוזיק באַטאַנט, — עס וועט זיין אַ גרויסער באַל ··· צונויפפאָרן זיך אַלע פּריצים פון אַרום ··· פּאַן מאַדויעוויץ איז שוין געקומען ··· דער גראַף פון „טור״ אויך ··· אַ גרויסער באַל וועט זיין···

און משה שמייכלט· ער פאַרשטייט גאַנץ גוט, וואָס הייסט באַ זיי אַ באַל··· זאָל דער „פּאַן״ נישט מיינען, אַז ער איז אַבי־ווער ··· אַ קאָמיסאַר געווען···

באַם אַלטן נאָך, אָהאָ· אַלץ געלעגן אין זיין האַנט ··· און פּיפּקענדיק דעם לאַנגען פּאַפּיראָס, רעט ער זיך געציילטע ווערטער אין פּויליש, און פילט בעת מעשה, אַז אַזוי און נאָר אַזוי רעט מען פּויליש:

— און פּאַן ראַרזעצקי? ··· ער וועט אויך זיין? ··· —

— און ווי נאָך! — יוזיק לאַכט· נאָר שטיל, בכבוד׳יק·

און אַרום שטייען אַלע און קוקן· זיי געפעלט אויך, אַז מ׳רעט פּויליש.··· וואָס הייסט? און צום ווינקל צו, דאָרט באַם באַנק הערט מען אויך ווי ביידע ריידן ··· מען קוקט אַרויס צום טיש מיט העלע פינקלענדיגע אויגן, און איינע אַ בלאָנד שיקסל, בויגט זיך צו צו דער צווייטער און רוימט איר איין:

— נאַסטיע! דו הערסט? פאַן ראַדזעצקי וועט אויך זיין ...

— אַזוי? ... פאַן ראַדזעצקי אויך?! ... — נאַסטיע איז אַנטציקט. זי נעמט פאָכן מיטן טיכל געשווינטער, ווערט נאָך רויטער און לאָזט אַראָפּ די אויגן צו דר׳ערד ...

— — — — — —

דערנאָך האָט מען ווידער אויפגעשפּילט.

יוזיק האָט דעם מאָל געטאַנצט מיט נאַסטיען.

ביידע זיינען זיי צוגעגאַנגען איינע צו די אַנדערע. האַנט אַף פּליייצע פאַרלייגט, עטלאַכע טריט אָפגעמאָסטן, אַרומגענומען זיך און אַוועק איבערן שטוב ...

די פידל מיטן פלייט האָבן זיך אָפּגעפרישט מיט אַ נייעם ניגון. דינע קלאַנגען האָבן זיך געוויגט און געגליטשט איבערן שטוב. די פויק האָט זיך געריסן און דומף געברומט ... די פאָרלאַך האָבן מיט די קנאַפּל צוגעקלאַפּט נאָכן טאַקט און באַגלייט מיט אָפּטע אויסגעשרייען.

נאַסטיע האָט זיך פעסט צוגעדריקט צו יוזיקן, געהאַלטן זיין ווייכע, וואַרימע האַנט, געאַטעמט מיט זיין הייסן אָטעם און אַראָמאַטנעם ריח, האָט האַלב צוגעמאַכט די אויגן און געדרייט זיך מיט אים איבערן שטוב ...

זײ האָבן זיך ביידע געפּילט אַזוי גרינג. לייכט איז געווען די פיס, ווי פריילאַך און לייכט ס׳איז געווען דאַן אַפן האַרצן. נאַסטיע האָט געשוויגן, נאָר יוזיק האָט איר אַלעווײלע געמונטערט:

— נאַסטיענקע! ביזט פאַרמאַטערט? ..

— ניין, יוזיע.

— נו, און מאָרגן זאָל איך קומען צום בריק? ...

— ווי דו ווילסט, יוזיע ...

עפּעס וואָס פאַרשכורענדעס האָט זיך געטראָגן אַפילו פון זיין שטים ... אַף נאַסטיען האָט געטריפט די גוטסקייט פון זיינע קאַרע אויגן, ווי די טראָפּנס פון אַ מזל׳דיקן רעגן ...

עס איז געוואָרן נאָך הייסער. די פויק האָט זיך אומגעוואָרפן ווי אַ צערייצטע ... דאָס פלעמל פון לאָמפּ האָט געוויגט זיך און געציטערט ... דער שכור׳ער שייגעץ איז הייזעריק געוואָרן שרייענדיק און מיד געוואָרן טופנדיק מיט די פיס. ער האָט גענומען אַניעלקען, די פּאָקאָיאָווע, און גענומען שלעפּן מיט זיך צום באַנק. אַניעלקע האָט זיך געווערט און געקוויטשעט. ער האָט זי אַרומגעכאַפּט פאַרן האַלדז און געצויגן צו זיך. זי האָט זיך אויסגעבויגן צו אים און אַ לייכטן פּאַטש געטאָן אים איבערן באַק ..

האָט ער זיך, דער שייגעץ, געוואָרפן צו איר מיט די פויסטן סטאַיטש! אים פּאַטשן?! אַזאַ און אַזאַ איז דאָס!

נאָר שרה׳קע איז געשטאַנען צווישן זייביידן און האָט זיי פונאַנדערגעטיילט מיט די הענט. זי האָט אים גע׳מוסר׳ט:

— פע, באַליישיס׳! פון דיר האָב איך זיך ניט גערעכנט .. דו זאָלסט זיין שכור? ...

— איך בין שכור ?··· איך — שכור ? — זיין צונג האָט זיך מאָדנעַ געֶ־פּלאָנטעֶרט· און וויגנדיק זיך, איז עֶר צוגעטראָטן נעֶנטעֶר צו שרה׳קען· און גע־שאָקלט צו איר מיטן קאָפּ און מיט אַלעַ אברים ! אַדרבה· זאָל זי זאָגן אַליין, ווער עֶס איז שכור ···

דעֶרווייל האָט מעַן טאנצן אויפגעֶהעֶרט און מ׳האָט זיי אַלעַמען אַרומגעֶ־רינגעלט·

— וואָס איז דאָ פאַר אַ געֶשיכטע ? — האָט יוזיעֶ געַפרעֶגט·

שרה׳קעַ האָט אים דעַרציילט: אַ שרעֶקלאַכעֶ געֶשיכטעֶ האָט געֶטראָפן ··· זעֶהר אַ שרעֶקלאַכע: באַליישיס האָט אַן איבעֶריקן טראָפּן געֶנומעֶן ··· האָט עֶס אים פאַרשאַדט·

— פאַר אַזאַ פאַרברעכן· — האָט יוזיע אויסגעֶרופן, — מוז מען באַליישיסן פאַר׳משפּט׳ן, עֶר זאָל שטעֶלן אַ דהאלב טוץ ביר ··· ביזט צופרידן, באַליישיס ?

באַליישיס האָט זיי ביידן אַרומגעֶכאַפּט :

— טפו ! אָט דאָס איז באַ מיר אַ האלב טוץ ביר ··· איך ··· איך ···

עֶר האָט געַנומעֶן שלעֶמן פון קעשעֶנעַ געֶלט און וואַרפן ···

— אָט באַצאָל איך ··· באַ מיר איז ניטאָ ־ ניט באַצאָלן ··· איך ··· איך ···

און ווידעַר האָט ער זיך פאַראיקעט ··· און אין גאנצן הייזעֶריק, איז עֶר ניט אָפּגעַשטאַנעֶן· געקראָכן מיט די העֶנט און געֶשטעֶקט דעַם קאָפּ און געֶ־טענה׳ט :

— איך ·· איך ···

עֶס איז מאָדנעַ פריילאַך געַוועֶן· און געֶדוכט האָט זיך עֶפּעס יעֶדן איינ־ציקן· אַז עַר האָט אַן איבעַריקן טראָפּן געֶנומעֶן ··· געוואָלט האָט זיך לאַכן· לאַכן און אַזוי ווי באַליישיס טענה׳נעֶן טר־תּם־אַזוי· גוטמוטיק און פלאָנטעֶרנדיק מיטן צונג :

— איך ··· איך ···

און די שוואַרצעַ אויגן פון שרה׳קעֶן מיט די קאַרעַ אויגן פון יוזיעֶן האָבן זיך באַגעגנט· און ס׳האָט זיך געֶדוכט· פונקט ווי אויך זיי וואָלטן געֶלאכט, געֶ־רעט און געֶ׳טענה׳ט איינעֶ צו די אַנדעֶרעֶ :

— איך ··· איך ···

(סוף קומט).

י. קולטשיק.

פון ציקל „וועלט“.

שטאָט פון מיינע פארוועלקטע ניט דער־בליטע חלומות!
ביי דיין פאַרגליווערטן מארמאָר־האַפן בלאָנדזשעט אום מיין אומרו
און פארוויגט מיט מאמע ליד, מיין נאָך נישט געבאָרן קינד…
אף די צעווילדעוועטע שווארצע גאסן דיינע,
אַף די צע׳שרפה׳טע חורבות באנאכטיקע
טראָג איך אום דיינע בעטלער־בגדים, און באווייז דיין נאקעט…

באווייז דיין ערוה,
ווי ס׳באווייזט דער הונגעריקער קלאָאון אף די ברעטער פון צירק
זיין אָנגעקאלכטע ווייסע צורה…
פונם חושך קוקט ארויס
מיין גרייז־גראָער פאָטער, און זעט
ווי די ברי׳ער און קינדער זיינע פאר־זויפן אין שכור־טאַנץ זייער לעצט אָרעם־סעודה.

די ירושה פון א דור —
אפן לויכט־טורם פון האפן דיינעם
רוט מיין אומרו.
וואָס האָט צעצונדן טויזנט־פלאַמיקע לאמטערנעס

און געזעגלט דיינע שיפן,
ויפגעשטורמט דיינע טיפן,
און פארוויגט מיט מאמע־ליד, מיין נאָך נישט געבאָרן קינד…

ווילקאָמיר.

ליב גליצמאַן.

* * *

כ׳בין פריי.
וואנדער־ווינטיש בין איך אָן א ציל.
הערסט, שווארצע, ס׳צאפלט זיך מיין אכצעניאָריק אומרו,
הערסט — כ׳בין פריי, כ׳טו, וואָס כ׳וויל:
היינט פארהייליק איך דיין אויגן־מילדקייט,
מאָרגן, אויגן פיבער שווארצע, זונה־פלאַמיק.
רויבן וועלן שוין מיין נאכטיש רו…
און ווערסט מיין יוגנט־ווילדקייט וועלן צאַמען —
כ׳וועל פון דיר אנטלויפן!
כ׳וועל צובייסן טורמע־גראטן
און אַנטלויפן.
וועל איך לויפן נאקעט־הויל
נאקעט־הויל צו א ווייטן גאָלדערנעם באגינען,
און וואו אַ חורבה־בארג איך וועל געפינען,
שטעלן וועל איך זיך און פון אַ האָרן רופן!

— איר הערט, וועלטן?
— איר הערט, וויטן?
מיר איז איצט אכצען יאָר! — — —
ס׳בליט מיין וואנדערוויגטיש יוגנט!
כ׳בין נאקעט־פריי!
כ׳וויס ניט מיט וואָס צודעקן מיין הוילן אומרו־ליב! - - - - -

פאָנעוועזש 1922

ה׳ ראסקעס

דער לבוש

דראַמאטישע לעגענדע אין 1 אקט. (המשך).

אלטער (צום משוגענעם) שווייג׳ שרעק ניט מיט דיין קול (צום יונגן) און געזאָגט איז געוואָרן צום בן אדם אין יענעם פרימאָרגן, דורך שטורם׳ פייער און ווינט׳ — נעם דעם לבוש׳ היט אים און לאָז קיין פגימה אַף אים ניט פאַלן׳ און רוה וועסטו פאַר זיך געפינען׳ און רוה וועסטו געפינען פאַר דיין מוטער ערד.

— נעשה ונשמע — האָט געקלונגען דער ענטפער פון מענשן. לייכט־זיניק האָט ער צוגעזאָגט, ווי לייכטזיניק ער פלעגט פאַרשוועכן...

משוגע׳נער: (צום אַלטן) דערציילט, דערציילט׳ איטשע גבאי ווייס ניט ניט קיין זאַך פון דיינע יריעות... ער קלייבט, ער זאַמלט... ווער לאָזט אים ניט? שרייט] איציקל גבאי׳ קום אַהער, דער אַלטער האָט יריעות, טאָ קויף זיי אַפן אַרשין׳ און נאַר אים טאַקי אָפּ...

יונגער: און ער האָט זיי באַלד פאַרשוועכט?... זיי זיינען דאָך שיינינקע געוועזן׳ מן הסתם בלאַסע, ווייסע... אַ שאָד...

אלטער: ניין, ניט באַלד. ווען דער מענש האָט דערפילט איבער זיך די ליכטיגקייט פון לבוש׳ ווען די העל־געטליכע יריעות האָבן איבער זיין קאָפּ גע־שירמט, איז ער געוואָרן שטיל, ווי די נאַכט׳ אונטערטעניג׳ ווי דער קנעכט, קיין בייזעס האָט ער ניט געקלערט און קיין געוואַלטזאַמעס האָט זיין האַנט ניט געטאָן... באַצויבערט און פאַר׳כישופ׳ט האָט ער זיך געבוקט צום לבוש און צו זיין שעפער.

משוגע׳נער: ווער בוקט זיך׳ איטשע גבאי, אַ ודאי ס׳לוינט דאָך... ער פאַלט דאָך כורעים יום־כפור׳ שלאָגט זיך על חטא... אַזוי שטאַרק, האַרט, אַז עס קלינגט פון אינעווייניק... און איך זאָג צו אים: ר׳ איטשע׳ כ׳האָב קינדער׳ אַ בטלן האָט קינדער, פרנסה גיב זיי, צו פאַרדינען׳ לאַכט ער פון מיר... ער וויל ניט, ווייל איך אויך ניט...

[פלוצלונג]

ווי פאַר׳סמ׳טע לויפן זיי, הילף זוכן זיי, קענסטו זיי געבן?

אלטער (דערשראָקן) וואָס האָט געשען? (באַרואיקט זיך און הויבט ווידער אָן) ניט לאַנג האָט איר פרייד געדויערט. פון אויסן האָט די דריטע יריעה׳ אהבה, געשיינט און פאַרקוקט האָט זיך דער מענש אין איר. און אַ באַגער אַ ווילד־שטאַרקער האָט אים אַרומגענומען׳ זיין האַרץ איז ברייט, ווי דער ים געוואָרן און זיינע געפילן האָבן זיך, ווי די ווילדע כוואַליעס צוגאָסן. און פאַר׳כישופ׳ט פון דעם זונען־ליכט פין דער יריעה האָט ער זיך פאַרגעסן, און פאַר׳מאוס׳ט האָט ער דעם כח היצירה, און פאַרלייגט האָט ער דעם כח הפועל, וואָס פליסט אין אים׳ און פאַרוואָרפן האָט ער דעם כח הרבוי׳ וואָס טראָגט זיך אין די פאַלבן פון דער יריעה... און געווענדעט האָט ער זיין דריטטע האַנט צו דער יריעה, ווענ־דיק זיך אומקערן דעם קראַפט פון גלאַנץ פון אירע שטראַלן׳ און מיט העזה

האָט ער איר אָנגעהויבן פליקן... נאָר אומזיסט. צעריסן איז געוואָרן די יריעה, מיט קיין אהבה האָט זי אים ניט באַלוינט מער און אַף זמה האָט איר דער מענש פאַרביטן...

(עס עפנט זיך אויף די טיר — און עס לויפט אַריין אַ מיידל. — איר געזיכט איז ווילד, צושראָקן; די קליידער ערטערווייז צעריסן, די האָר פונאַנדערגעוואָרפן)

מיידל (אַטעמט שווער) ס'איז דאָ פינסטער, קיינער וועט מיר ניט זען... ניט מיר, ניט מיין שאַנד. . (לויפט צום פענסטער) שאַ, זיי גייען, זיי לויפן, צו מיר, צו מיר... העלפט מיר, ראַטעוועט!...

אלטער: וואָס שרייסטו טאָכטער?

משוגע'נער: אַז מען שרייט טוט ווי מן הסתם... אויך דו שוועסטערל, האָסט מורא, פאַר זיי, פאַר דער גאַס...

מיידל (צעוויינט זיך) לאָזט גיר זיך פאַרבאַהאַלטן (האַלט איין דעם קאָפּ אין ארון קודש) מאַך מיט מיר אלמעכטיקער אַ סוף, נעם מיך צו דיך... איך בין אינגאַנצן פאַרפעסטעט... דרייַ זייַנען זיי געווען, דרייַ (צום אָרון שרייט) דו, וואָס דו בינסט דאָרטן, קוק אַראָפּ... זע זייערע מעשים... אויב דו בינסט דו, טאָ זייַ זיך נוקם... טאָ אַנטפּלעק זיך... טאָ רוף זיך אָפּ... (שטיל בעטענדו) זאָג מיר, אַז ס'איז גאָרניט, אַ צופאַל, שאַ, ס'איז ניט געווען אינגאַנצן, זאָג שוין, לאָז דיך הערן... איך בין דאָך, ווי פריהער... ווי פריהער...

אלטער: וויין ניט, קינד, וויין ניט, טאָכטער... אַלץ וועט באַצאָלט... אַף אַלץ גיט ער אַ תשובה...

משוגענער: גלויב ניט שוועסטער... עפן אויף דעם אָרון, ער איז אָבער פוסט, ספרי תורות, ספרי תורות, אָבער איציקל גבאי מיט זיין ווייַב האָט זיי דאָך געלאָזט שרייַבן... מען הערט דיך ניט, דאָרט שלאָפט מען... די תפלות און בקשות האָבן זיך איינגעשלעפערט... שילט, רוף אים, און וואַרף אים דעם גט אין צורה...

מיידל... אַ מדבר... אַ וויסטע... אָבער פאַרפאַלן, אַנ'אַראָפּגעפאַלענע בלאַט... דרייַ, דרייַ זייַנען זיי געוועזן... און מען לאַכט, אַ שמחה... (וויינט הויך, זיך ווינגדיק)

יונגער (גייט צו איר צו, גלעט איר, אַ דערשראָקענע כאַפּט זי זיך אויף) דו וויינסט, דאָרט אַפן גאַס איז אַ מורא, אַ שרעק, גיי ניט אַהין, וויין ניט, זייַ ביי אונז און הער דעם זיידן, ער דערציילט דאָך שיינע מעשה'לעך, שיינע מעשה'לעך. (פירט איר צו צום אַלטן) דערצייל זיידע, לאָז זי אויך הערן, וועט איר שרעק פאַרגיין.

אלטער: צעריסן איז געוואָרן איבער אים די דריטע יריעה און טרויעריק טרייסטענד האָט געשייַנט די צווייטע — ברידערשאַפט. און פאַרוויגט האָבן אירע שטראַלן דעם מענשן, פאַרשלעפערט זייַן בייזן גייַסט און אַ נאָנט־שאַפט און אַ בייַנקעניש אין זייַן האַרץ אַרייַנגעבראַכט. — און בייַנקענדיק נאָך דער צעריסענער אהבה האָט ער זיך אָן דער אחוה אָנגעכאַפּט... און געבוקט האָט ער זיך צו זייַן ברודער, נאָנט געוואָרן איז ער צו אים, און שטיל איז געווען אין דער וועלט, קיין קריג־געשריי האָט זיך ניט געהערט, קיין שפור פון גרעניצן האָט זיך ניט געזען... און איינער זייַנען אַלע געווען, און אַלע זייַנען

אײנער געװעזן...

יונגער: זײַנען דאָך די איבעריקע צװײ יריעות אױך שטאַרק געװען, אפשר גענוג פאַרן מענשן?

אַלטער: ניט אַף לאַנג האָבן אים געשטילט די בלײך־פאַר׳חלום׳טע שטראַלן פון דער צװײטער יריעה.. די צעריסענע גוילין פון דער ערשטער האָבן זײערס געמאַנט, און דערפילט האָט דער בן־אדם, אַז עס פעלן אים די פײַער־שטאַרקע שטראַלן פון דער אהבה, און דערזען האָט ער, אַז זײַן כח היצירה איז פאַרמינערט געװאָרן, און אײנזאַם האָט ער זיך געפילט אין קבוץ, און פאַר׳יתום׳ט האָט ער זיך געזען אין דער אײניגקײַט... און זיך אָפּצוטײלן האָט ער פאַרגלוסט, און מחיצות האָט ער אָנגעהױבן שטעלן צװישן זיך און זײַן ברודער, אַף כּתּות האָט ער זיך צעװאָרפן. מיט מאָסן און װאָגן האָט ער אַלץ געמאָסטן און גרעניצן צו אַלץ האָט זײַן גײַציקער שכל געשטעלט... און דער חשק צו האָבן איז געװאַקסן, דער גלוסט צו באַהערשן האָט זיך געגרעסערט. פאַרשפּרײטן און מעטום האָט ער געשטרעבט און קריגערײַען האָט ער אַרױסגערופן... כּלי מחבלים האָט ער ערפונדן, און װאָלקנס רױך פון פאַרצערנדן פײַער האָט ער אין די הױכן געלאָזן און אַ דאַמף פון רױטן בלוט האָט ער געשיקט צו די הימלען און מיט אַ דונער־טומל האָט ער עס באַגלײט.. און דערגאַנגען זײַנען די װאָלקנס אין בלוט־דאַמפן צו דער צװײטער יריעה און צושפּאָלטן איז זי געװאָרן, װי די ערשטע...

ערשטער איד (לױפט אַרײַן) העלפט מיר! דהעלפט מיר! אַלע קראָמען פולע, אָנגעפּראָפּטע, מאַגאַזינען באַלאָדן מיט סחורה. מ׳דאַרף זײ אַרױספירן פון דאַנען, די רשעים נעמען דאָך אַלץ צו... האָב איך קײן פערד, קײן פור קען איך פאר געלט ניט קריגן. און נחום, ימח שמו שמײכלט און לאַכט, אַפילו זײַן פערדל װיל ער ניט געבן. װאָס טוט מען? אַ גאַנצן לעבן געהאָרעװעט אַזאַ פאַרמעגן .. סחורה פין אַלע עקן װעלט .. (לױפט צום אָרון קודש) רבונו של עולם, העלף באַװײַז דײַן ישועה! אַף צו להכעיס די שונאים, נחום׳ען ימח שמו. ער לאַכט... העלף, גאָטעניו, העלף!

משוגענער: װער איז דאָרטן.. אַ, איטשע גבאי... דו דאַװנסט, דו בעטסט.. דו האָסט אױך מורא. גוט, קלאַפּ אין אָרון קודש, דײַן אָרון, דײַנע ספרים... אָבער מען הערט איצטער ניט... סחורה, כאַ־כאַ־כאַ, אַרױספירן װיל ער, ראַטעװען. און פאַר מיר? זע מײַנע בגדים, און זי (װײַזט אַף דער מײדל) נעבאַך אַלץ צעריסן אַף איר... נײן ר׳ איטשע, װעסט איבערלאָזן, אָפּשטעלן .. אזעלכע מאַגאַזינען, סקלאַדן, קראָמען...

ערשטער איד: אַװעק, משוגע׳נער, אַװעק! (שרײַט) העלפט מיר, מײַן פאַרמעגן ראַטעװען !.. אַלמעכטיקער, באַװײַז דײַנע נסים, באַװײַז! (עס דערטראָגן זיך שיסערײַען פון גאַס) מען שיסט, באַלד קומען זײ, טאָ באַװײַז דײַן גבורה, כ׳װיל פירן, כ׳װיל אַלץ פאַרפּאַקן (הױך) פורן, גיט מיר, פירן... נחום ימח שמו...

יונגער: װאָס שרײַט ער, װעמען שילט ער?

אַלטער: זײַן ברודער שילט ער, נחום׳ען. ער האָט נחום׳ען באַ׳עולה׳ט אין דער ירושה, אַלץ פאַר זיך צוגענומען..

ערשטער איד: ר׳ יאָשע׳ העלף מיר... וואָס שווייגסט דו׳ עס איז שוין שפּעט אין דער נאַכט, עס וועט שוין באַלד טאָגן... מיינע סחורה... פאַרפאַלן, פאַרלאָרן. (לויפט אַרויס)

משוגע׳נער: איטשע גבאי איז צוטומלט׳ דערשראָקן... ווער מאַכט דאָס אַלץ... גוט געטאָן׳ אַ ברכה אַף זיי...

אַ ל ט ע ר: אַנטבלויזט אין געוואָרן די צווייטע יריעה און אַראָפּגעשיינט אַף דער ערד האָט די יריעה־געזעץ. מיט אירע רואיק־קאַלטע שטראַלן, וועלכע פאַלן אין אָרדנונג און סדר. און אין דעם אונאָרדנונג האָבן זיי אַ סדר געמאַכט׳ און איינגעשטילט האָבן זיי די צייַנקערייַען׳ און אין זייטן האָט זיך דער מענש צעזעצט. פאַרשלאָסן האָט ער זיך׳ געהיט זיין מאָס און וואָג, זיין אָרט און כּתה... און האַרטע שטראָפן האָט ער אויסגעקלערט׳ און מיט שווערע התחיבות׳ן האָט ער זיך באַלאָדן... נאָר צו שוואַך איז זיין גייסט געווען, און ניט אָפּהיטן האָט ער געקענט די האַרבע מצוות... און צעבראָכן האָט ער אלע גרעניצן׳ געדורשט האָט ער נאָך אַלץ׳ מקנא איז ער געווען זיין נאָענטן און פאַרגינען האָט ער ניט געקענט זיין פריינט. און מיט די פויסטן האָט ער זיך געוואָרפן אַף אים׳ פאַרקנעכטן האָט ער אַלץ געוואָלט׳ און צו הילף האָט ער געצויגן פון די הויכן די ערשטע יריעה... און מיט זיינע פאַלשע הענט האָט ער די געזעץ־יריעה אויפגעכאַפּט, און אויסגענוצט האָט ער נאָר להנאתו ולטובתו... און צעריסן האָט ער מיט זיינע זינדיק־רויבערישע מעשים די ערשטע יריעה׳ וואָס אַ רוהיק־שטילע וואַרימקייט האָט זיך פון איר געגאָסן...

צווייטער איד (לויפט אַריין) מיינע גרויסע אַרבעט... לאַנגע יאָרן... אַלץ וואָס איך פאַרמאָג, אַלץ איבערלאָזן דאָ די רוצחים און אַנטלויפן... אַנטלויפן פון דער מגפה... און מאָרגן וועלן שוין ניט רויכערן מיינע קוימענס, און מאָרגן וועלן שוין ניט רוישן מיינע מאַשינען, און מאָרגן וועט שוין ניט פאַרקויפט ווערן מיין סחורה... גיט אַנ׳עצה׳ גיט! זאָגט׳ וואָס טוט מען... רייסן די בנינים פון פונדאַמענט... ווי קען מען דאָס איבערלאָזן?... אַ גאַנצן לעבן געאַרבעט אַף זיי...

יונגער: וואָס באַקלאָגט ער?

אלטער: זיינע פאַבריקן.

יונגער: וואָס איז דאָס אַזעלכעס?

אלטער: זיין פאַרמעגן... דאָס זיינען בנינים׳ גרויסע הויכע׳ וואו טויזנטער מענשן באַשאַפן שנעל און גיך אַלץ׳ וואָס דעם מענש פאַרגלוסט זיך.

יונגער: איך וואָלט געקענט אויפבויען אַזאַ בנין!

אלטער: קינד׳ דאָס איז אַ גרויסער בנין׳ טויזנטער מענשן דאַרפן האָרעווען אַף אים.

יונגער: איינער אָבער קען עס ניט אויפבויען?

אלטער: ניין!

יונגער: אַזוי, זאָגט ער דאָך א ליגן דער איד... ווי האָט ער עס אַליין געבויט?..

צווייטער איד (רעֶדט ווייטעֶר) געאַרבעֶט אַ גאַנצן לעֶבן... אַ שטאנד, אַנ־עשירות, נעֶמט מעֶן פון דיר צו... שלעכט איז דער מעֶנש, עֶר איז נאָך אַ אַכזר.. וואָס טוט מען? אפשר דאַוונעֶן (הויבט אויף די העֶנט הויך) רבונו של עולם, העֶלף מיר אַרויס, נעֶמט ניט צו פון מיר מיין פאַרמעֶגן... אַ העֶלפּט פון מיין פאַרמעֶגן גיב איך אַף צדקה. העֶלף־ושעֶ, דו, כל יכול... עֶנטפעֶר, עֶנטפעֶר, עֶס טאָגט שוין באַלד... (די קלעֶפּ אַפּן גאַס שטאַרקן זיך) זיי גייעֶן, פאַרטרייב זיי, פאַרטיליג זיי...

משוגע׳נער: און אַלעֶ זיינעֶן פרום געוואָרן, און אַלעֶ בעֶטן... נדבות גיט עֶר... אָבעֶר וועֶמעֶן? קיינער דאַרף שוין ניט. (צום צווייטן איד) לויף, לויף, מ׳גייט שוין אַף דיר, אַנטלויף, כ׳האָב דיר פיינט! (הויבט אויף די פויסטן, דעֶר צווייטעֶר איד לויפט אַרויס).

יונגער (קלעֶרנדיק) און וואָס איז געוואָרן מיט׳ן לבוש?

אלטער: בלויז און נאַקעט איז געבליבן די עֶרד און אין טיפן שויס פון דער יצירה פלעֶגט זי קלאָגן און וויינעֶן, און אירעֶ ברידעֶר און פריינט, די יעֶני־געֶ גייסטעֶר און וועֶלטן, וועֶלכעֶ האָבן איר געקעֶנט פון דעֶר יוגנט, ווען זיי האָבן זיך צוזאַמעֶן לוסטיק געמאַכט אין דעם ליכטיקן לויף פון דער בריאה, זיי, וועֶלכעֶ האָבן נאָך געֶדיינקט די ערד אין דעם טאָג, ווען זי איז פון זיין האַנט אַרויס און פון דער גאַנצער חבורה גלאַנצענדעֶ ליכטיקעֶ שטערנס איז זי אַוועק אין די ווייטקייטן צו דינעֶן דעם רצון פון בורא, די דאָזיקעֶ שטערנס האָבן געאיילט צו צו שטראָפן דעם זינדיקן מענש... און פאַרטונקלט האָבן זיי זייער ליכט, פאַר־פעֶסטעֶט האָבן זיי זייער געֶרוך, און מיט אַ טיפעֶ פינסטערניש האָבן זיי דעם מעֶנשן באַדראָט, און מיט אַ שטיקנדן ריח האָבן זיי אים פאַר׳סמ׳ט. — דער־שראָקן האָט עֶר זיך פאַרן חשך, שטיקן האָט אים אָנגעהויבן די סביבה און פאַרריכטן האָט עֶר געוואָלט זיין טאַט. פאַרפילן האָט עֶר געוואָלט די טיפעֶ קריעורת און געוואַלד־ריסן פון די יריעורת...

מיידל: וועֶלכעֶ איז ביז איצט געזעֶסן רוהיק, חאַפּט זיך אויף וואו בין איך? דאָרט אויפ׳ן בוידעם... ס׳איז פינסטעֶר... ווער לויפט דאָ אַרום?... אַ דעֶרמאָנט זיך ס׳איז שטיל. אפשר איז ניט געוועֶן... זיידעֶניו, אַלטינקעֶר, זאָג ס׳איז ניט געֶוועֶן... אַ חלום, יעֶ אַ חלום.

אלטער: זיי רוהיג, טאָכטער, אַלץ גייט אַוועֶק, אָבער אַלץ וועט באַקומעֶן אַ תיקון...

מיידל: אַ תיקון... צעוויינט זיך אויפ׳ן קול, איר קערפּער שאָקלט זיך נערוועֶז דערצייל זשעֶ ווייטעֶר, רעֶד, דו שלעֶפערסט איין... ס׳ווערט מיר עפּעס אינווייניג שטילער...

אלטער: און געוואָלט האָט דער מענש די יריעורת מתקן צו זיין, פאַר־גאַנצן די קריעות... און איינעֶ צו די אַנדערעֶ האָט עֶר אָנגעהויבן מחבר צו זיין, און מיטלעֶן פאַרשידענעֶ האָט עֶר געזוכט און געשטיקט האָט עֶר אין זיך זיין בייזקייט... און יעֶדעֶרעֶר האָט זיין לאַטעֶ געבראַכט, יעֶדעֶרעֶר האָט אַ מיטל פאָרגעֶלייגט, און יעֶדעֶרעֶר האָט נאָך זיין וועג דעם לבוש נעֶוואָלט פאַרריכטן... שווער איז געוועֶן דעם מענשעֶנס אַרבעֶט, ווען איין יריעה פלעֶגט מחבר ווערן, פלעֶגט די אנדערעֶ זיך צוגיין, און ווען די אַנדערעֶ פלעֶגט גאַנץ ווערן, פלעֶגט

די דריטע פלאַצן, ווייל די לאַטעס זיינען דאָך ניט מעהר ווי לאַטעס··· לאַנג האָט דער מענש געאַרבעט, דעם שכל צו היך געריפן, די האַרץ אַן עצה געפרעגט און געלונגען איז אים צום סוף דעם לבוש גאַנץ צו מאכן··· און רוהיגער איז געוואָרן אויף דער ערד, די צוזאַמענגעגייטע יריעות האָבן ווי ס'איז געשיצט··· נאָר בלייך איז געוועזן זייער ליכט' און אַן אומעט אַ גרויסן האָבן זיי געזייט אין דער וועלט, און אַ צער אַ טיפן האָבן זיי פאַרשפרייט און יסורים שווערע האָבן מיט זיך געבראַכט די האַלב־לעבעדיקע שטראַלן פון די יריעות, ווייל אַ גרויסע פגימה איז געוועזן אין זיי···

דער טומל אויפן גאַס וואַקסט אַלץ, ס'הערן זיך קללות, געשרייען, פייפן פון בייטשן, גאַלאָפּ פון פערד, קרעכצן פון רעדער, דורך די פענסטער קוקט אַ געדיכטער חשך, וואָס ווערט צייטענווייז איבערגעריסן פון פלאַמען פייער, וועלכע צעפלאַקערן זיך אין דער שרפה פון די ווייטע בנינים, ס'לויפט אַריין אַ דריטער איד, פאַרמאַטערט, פאַרשוויצט.

[סוף קומט].

א' גאָלדבלאַט.

שפריצן.

* * *

קוקסט זיך אויסעט דיינע אויגן,
ניט געשטויגן, ניט געפלויגן···

ס'פּליען רגע'ס פייל פון בויגן,
ניט געשטויגן, ניט געפלויגן···

צי זיי טויגן? צי זיי טויגן?
ניט געשטויגן, ניט געפלויגן···

א מאך מיט האנט און און אויסגעשפייגן,
ניט געשטויגן, ניט געפלויגן···

* * *

מיר האָט זיך געטרויערט א טרויער,
ניט א שוואַרצער, ניט אַ גרויער,
נאָר א בלויער,

און גלייך איבער א גרויס פאַרמעגן
כ'בין געלעגן
און געהיט פון בייזע אויגן,

נאָר ניט געווען איז איינצוהיטן
און אין מיטן
מיט א גרויסן פלעק, א שוואַרצן
כ'טראָג עם אום איצט אין מיין האַרצן···

* * *

אין געיעג פון די טעג,
אין געפעכט פון די נעכט
כ'האָב פאַרשווענדט מיין פאַרמעג,
האָב מיין שכינה פאַרשוועכט···
אינדערמיט פונ'ם וועג
ניט צו זען נאָך קיין ברעג
מיד פון געפעכט
כ'צולאָז דעם געפלעכט···

יוסף גאָטפאַרשטיין

פאַרטאָג.

קריכט ארויס פון ערגיץ וואו
א מענש מיט בלויען קאָפּ און גרויע קליידונג
– ל־אנגער שנאָבל פון דער נאַכט.
קריכט ער ל־אנגזאם איבער בערג
און שלענגלט אויס א בלוי־מאָטיוו,
ווי עס בייַנקען אין די טאָלן טיפע קארליקעס נאָך הויכע זעאונג.
טרעט ער לאַנגזאם איבער פעלדער,
טרעט מיט לאנגע פיס מיט זיינע אף נאכטישע פארלעגענישן
פון די שוואנגערע באווייבטע טיף־ערד שפּראָצונגען
און שלענגלט אויס א גרין־מאָטיוו,
ווי עס פרזכפערן זיך אין פארמערונג זעטענישן אין די פעלדער.
קוקט ער אויס מיט אויגן דורכזיכטיקע גלעזערנע
אף ווייסע געלע חלב־האָריזאָנטן,
וואו עס טראכט זיך אויס א בייזע, חלב׳נע מחשבה.
קומט ער אויסגעצויגן צו מיין פענסטער
פינגערט אויס מיט ל־אנגע טויטע פינגער:
קל־יפּ־קל־אפּ־קלאָפּ,
אזש עס נעמען ציטערן די וואָרצלען פון מיין קאָפּ,
טרייסלען זיך די קנעכלעך פון די פיס
און מיין קערפער ווערט פון ווייס אף גרינלעך־בלוי פארביטן.
טו איך אָן מיין וואָכיקן סורדוט,
עפן איך מעכאניש פון מיין חדר׳ל די טיר
און איך לאָז זיך נאָך אים פירן,
ווי א בלינדער נאָך זיין אינגל.
גיי איך – ווי מען מיינט דאָס גאָרניט מיר.
גיי איך – ווי ניט ער וואָלט זיין מיין פירער
גיי איך –
ביז זיין בלויער קאָפּ צוגייט,
און זיין גרויע קליידונג שפיר איך אף מיין לייב.
און איך הער דאן,
ווי די קארליקעס פון טיפע טאָלן
פייַפן אויס, ווי בייַנקענדיקע
א מאָטיוו פון הויכע זעאונג.

קאָוונע. 22–9–10

שמואל פּערסאָוו.

שעֶרבּלאַך.

(ס ו ף)

2.

אַף בּרייטעֶ און צופאָרעֶנעֶ שליאַכן, אַף פּראָסטיק שנייאיקע און ווייט לוי־פנדיקעֶ, אָט דאָרט, וואו אַ ווינט לויפט אַרום פאַרהאַוועֶט און צודולט ווי אַ מי־טעֶלעֶר סוחר פונם ניט לאַנג פאַרגאַנגענעֶם עבר, האָבּן פלוצלונג און פון העֶלעֶר הויט זיך אַויפגעֶהעֶרט אינגאַנצן די פּורן צו ווייזן: אָט די פורן, וואָס זיינעֶן מיט שווערע און בּייכיקעֶ זעֶקלאַך תבואה אַ שטיק האַרבּסט און אַ שטיק ווינטעֶר דאָ, אַפן שליאַך, פון דאָרף צום כרך זיך געֶצויגן, אַזש בּיזן רעֶכטן בּאַן־סטאַנציעֶ, זיינעֶן טאַקעֶ דאָ, אַפן בּאַן־סטאַנציעֶ, רויטעֶ סחורה־וואַגאָנעֶס מיט אָפעֶנעֶ מיילעֶר געֶשטאַנעֶן, געֶוואַרט גאַנץ אומזיסט אַף זעֶקלאַך תבואה און געֶפילט זיך עֶפּיס מאָדנעֶ פוסט און פאַס.

איז גינזבורגס פארקהלשטעֶ צוויי־שטאָקיקעֶ געֶבּיידעֶ מיטן געֶשניצטן און געֶ־הויבּעֶנעֶם גאַנעֶק און מיטן פלאַטעֶרדיקן סחורה קומאַטש מיט אַמאָל פאַרדעֶכטיק געוואָרן און האָט אַוועקגעֶשיקט אין דאָרף אַריין עטלאַכעֶ פעֶלעֶנעֶ רעֶקלאַך מיט געֶלעֶ און שווערעֶ נאַגאן שיידלאַך בּאַ דעֶר זייט. זיינעֶן אָבּער אָט די רעֶקלאַך מיט אַמאָל און אונעֶרוואַרטעֶט נעֶלם געֶוואָרן, בּיז וואַנעֶן א פאַרבּייגייעֶר און אַ פארבּייפאָרעֶר האָט עֶרגיץ וואו אין אַ טאָל אָן אַ צושאָסעֶנעֶם און צוגעֶדעקטן גוף זיך אָנגעֶשטויסן.

אַ שאַרפעֶ און פאַרבּיסעֶנעֶ רציחה האָט זיך אין סביבה אַלץ מעֶר און מעֶר געֶשטאַרקט; און די אַרומיקעֶ בּרויט־געֶבּעֶרישעֶ און שוואַרץ־עֶרדיקעֶ דאָרף האָט זיך סוף כל סוף אַין שווערע פעֶלצן בּאַפעלצט. איינגעֶוויקלט זיך אין היימישעֶ און בּעל־הבּית׳ישעֶ וואָליקעֶס און געֶלאָזן זיך אַצעֶהיצטעֶ אכזריות׳דיקעֶ אַפן כרך. אַ צאַפּל געֶטאָן האָט זיך דעֶר כרך, געֶוואָרן עֶפּיס שטארק מבולבל און אויפגעֶ־העֶרט אין די גאַסן זיך ווייזן. אַזוי ארום, אַז בּאַלד נאָך אכט האָט קיין לעבּעֶ־דיקעֶר נפש טיר און טויעֶר שוין ניט פארלאָזן און מיט אַן אָנגעֶשטריינגטן פּנים אַזוי ווי בּאַ אַ טויבּלאַכן צו יעֶדן שארך זיך צוגעֶהעֶרט.

האָט גינזבּו. גס צוויי־שטאָקיק־פאר׳קהל׳שטעֶ געֶבּיידעֶ אַף די פאַרקאַנעֶס מודעות צוקלעֶפּט, מודעות מיט שאַרפעֶ און בּולטעֶ אותיות אַף געֶלן פאַק־פּאַפּיר, וואָס האָבּן אין גאַס אַריין דאָס אויעֶר געֶגרילצט. און דאָ אינם גרויסן און צעֶוואָרפעֶנעֶם תפיסה־הויף, האָט מעֶן צוויי גרויסעֶ און געֶלעֶ עֶלעֶקטרישעֶ לאָמפּן אויפגעֶהאַנגעֶן, וואָס האָבּן אין יעֶדן פּאַרוואָרפן ווינקל הֶל און ליפטיק געֶמאַפט געֶשיינט אַף דעֶר גאַנצעֶר סביבה און צוגעֶגעֶבּן, אָט דעֶר שטיינעֶרנעֶר און פּאַרצוימטעֶר געֶבּיידעֶ אַן אויסזעֶן פון אַ געֶהויבּעֶנעֶר און פּעֶסטעֶר דאמף־מיל, וועלכעֶ וואַרפט אַרויס פון זיך הונדעֶרטעֶר און הונדעֶרטעֶר פוד מעֶל.

געֶפּעֶלט ניט מיטלמאַנעֶן אָט די גאַנצעֶ מעשה. בּכלל האָט אים שוין דעֶרעֶסן דאָס צאַפּלדיקעֶ און כסדר׳דיקעֶ אָנגעֶשטריינגטקייט; אָט דאָס שטענדיקעֶ וואַרטן, אַז ווען ניט ווען וועט זיך דאָך פאָרט איבּעֶרן לאַנגן און צוגעֶנעֶצטן קאָ־רידאָר קול דערהעֶרן, אַ צוצויגעֶנר אָנזאָג אַז מ׳רופט אים, מיטלמאַנעֶן, אַהין

אין דער פאַר׳קהל׳שטער געביידע, וואו מ׳וועט זיינע טענורת אויסהערן, אין פּראָטאָקאָל ביז יעדן וואָרט פאַרשרייבן און סוף כל סוף זאָגן אים איין וואָרט:

— גיי!

האָט ער זיך דערווייל אַף יעדן שומר געוואָרפן, געמאַכט אַ שמייכלדיק פּנים און אגב־אורחא געפרעגט:

— וואָס, ניטאָ נאָך קיין פּאַפּירל פון דאָרט?

מעסט אים אָפּ דער שומר פון קאָפּ ביז די פיס, וואַרפט אַ קוק אַפן לייטישן כאַקי־פרענטש און לאָזט גאָר אַרויס אַפולן מויל רויך...

בלייבט מיטלמאַן אָפּהענטיק. עפּיס פילט ער זיך אַזוי משונה פוסט און פּאַס, און ליידיק, אַזוי ווי אַן עלטערער משרת אין די הייסע און שטילע זומער־טעג דאָרט אַפן קליינעם מערקל און לסוף גייט זיך צו צו גינזבורגן:

— נו?

גלעט גינזבורג געלאַסן זיין שוואַרצע און צוקאַמטע באָרד, אַזוי ווי אַמאָליקע יאָרן נאָך אַ צוהאַוועט און זונטאָגדיקן לייזונג טאָג; קלאַפּט ער וואויל־ברודעריש מיטלמאַנען איבערן פּלייצע און גיט צו פאַרשטיין:

אַז טאַקע ניט מער ווי נאָך אַ פּאָר טעג, וועט אין גינזבורגס פאַרקהלשטע געביידע אַ גרויסער רעמאָנט זיך אָנהייבן און פונם געשניצטן גאַנעק וועט גינזבורג, מיט זיינע אייגענע הענט דאָס שטיקל סחורה קומאַטש אַרונטעררייסן:

— וואָס זאָגט איר, האַ?

איז מען דערווייל אין די טעג אַף אַרבעט מיט אַ פאַרגרעסערטן און פאַרשטאַרקטן קאָנוואָי געגאַנגען, אַזוי ווי מ׳וואָלט זיי, אָט די ביזן סוף פונם בירגער־קריג אָפּגעמשפּטע, ערגיץ אין אַן אַנדער שטאָט גאָר אָפּגעפירט. פּרובט גינזבורג מיטן קאָנוואָי אַ געשפּרעך פאַרפירן: ציט ער אַרויס אַ הייפעלע מאַכאָרקע־טאַבאַק און שמייכלט מיט דער שוואַרצער און סוחרישער באָרד. נאָר דער באַביקסלטער יונג טרעט מיט גרויסע און שווערע שטיוול, לאָזט אַ טיפן סימן אַפן שניי און טראַכט נאָר וועגן געלאָדענעם ביקסל, וואָס הענגט בײַ אים הינטערן פּלייצע אַף אַ ברייטן און ברוינעם רימען···

און אין דרויסן האָבן גאַנצענע עטלאַכע טעג שאַרפע און קאַלטע ווינטן געבלאָזן, ביז וואַנען אַ שניי אַ פּראָסטיקער און אַ געדיכטער, האָט אָט די ווינטן אַף אַ גאַנצן מעת לעת פאַרביטן, אָנגעוואָרפן גאַנצע סקירדעס שניי הארט בײַ די אַרויסגאַנגען און פאַרלאָרן שטעג און וועג.

איז טאַקע דאָרט, וואו סחורה־וואַגאָנעס זיינען איצטער מיט אָפענע מיילער געשטאַנען פוסט און פּאַס, האָבן באַנען גאַנץ פּלוצלונג אויפגעהערט זיך ווייזן: אַנשטומט איז געוואָרן דער גאַנצער טראַנזיטנער וואָקזאַל און פאַרבלאָנדזשעטע נפשות האָבן יאַושדיק און לחלוטין אומזיסט אַף אַ צוג געוואַרט און געפּרובט אינם ניט געהייצטן קלאַס אַ גליד זיך דערוואַרעמען.

האָט דער מבולבלער כרך לכתחילה צווישן זיך סודותדיק עפּיס געמורמלט און סוף כל סוף געקומען צו אַ פעסטן און זיכערן אויספיר:

אַז אַ באַן שטעלט זיך קיינמאָל פון העלער הויט ניט אָפּ און אַז די אויסגעקומענע און באַפעלצטע דאָרף האָט רעלסן־שנירלאַך אַף גאַנצע עטלאַכע וויאָרסט געוואָרפן.

כאַפּט אונטער גינזבורג דעם מטושטשן אָפּקלאַנג, צוטראָגט אים איבער אַלע קאָרידאָרן און דרינגט אויס:

אַז ניט נאָר רעלסן, נאָר אַפילו דער וואָקזאַל, אָט דער גרויסער און טראַנזיטנער וואָקזאַל, איז שוין דאָך אויך בײַ זיי אין די הענט..

געפּעלט דעם גל"ח דער געלונגענער אײַנפאַל, שלעפּט ער פון אונטערן נאַרע זײַן קערבל אַרויס, ציט אַרויס זײַן צוקנייטשטע און אָפּגעבליאַקעוועטע ראַסיע, באַקוקט עס פון אַלע זײַטן און לאָזט וויסן דער גאַנצער קאַמער:

— אַז נאָך גאָר אַ גאַנץ גוטע ריאַסע און מ'קאָן זיך נאָך אין איר, על כל פנים, אין קלויסטער ווײַזן, אַפילו אין אַ חגא־טאָג.

פאַרלייגט מיטלמאַן זײַנע מאַניקיורטע פינגער אין די הויזן קעשענעט אַרײַן, שטעלט אויס וואויל־בחוריש זײַן דערלאַכן בויך און אין קאָפּ פלאָנטערן זיך גאַנץ בוקט'ע געדאַנקען:

אַז ס'וואָלט קיין עולה ניט געווען און טאַקע קיין נאַרישקייט אויך ניט, ווען מ'וואָלט אים אַהין, אין גינזבורגס פאַרקהל'שטן הויז אַרויסרופן, דײַטלאַך און באַשײַנפּערלאַך אַל'ע זײַנע טענות אין פּראָטאָקאָל פאַרשרײַבן און פאַרן אַוועקגיין אונטערכאַפּן נאָר איין וואָרט:

— גיי!

ווײַל ער אָט די געדאַנקען אַפּן קול אַרויסזאָגן: עפּנט ער אויף דאָס מויל, אַנטפּלעקט זײַנע אַרײַנגעשטעלטע גאָלדערנע ציין, נאָר טוט לסוף נאָר מיטן אויג אַ פינטל און לאָזט אָפּ מאַכטלאָז און אַראָפּגעפאַלן די אונטערשטע ליפּ; אַזוי ווי אַ מידער און פאַרהאָרעוועטער פערד.

קאָן דער פאָלקאָווניק אַלץ ניט משיג זײַן, וואָס קומט דאָ פאָר און פון וואָס ווערן דאָס לײַט אַזוי נתפּעל, ווײַל ער כאַפּן אַן אָפּקלאַנג, טאַקע ניט מער ווי אַף מיטלמאַנס פּנים און קומט צו אַ פעסטן באַשלוס: אַז זײַנע קאַליע און דעריקע לונגען מוזן האָבן אַ סך פרישע און קאַווקאַזישע לופט און אַז אין קאַמער נומער דריי קאָן ער זיך נאָר דערלויבן אַרויסלאָזן אַ דומפּן און הייזעריקן:

— פּכע...

דערווײַל האָט עמיצער דורך נאַכט עקשנות'דיק און גאַנץ שווער דעם שניי געריייניגט, אַזוי אַרום, אַז אַף מאָרגן צו טאָג האָט פון תפיסה־טויער אַ ברייטע און גלײַכע שטעג צום שליט־וועג געפירט, אַ שטעג פאַרן קאָנוואָי מיט געריינגלטע און באַהיטע יונגען.

און ווי שטענדיק, און ווי אַלע מאָל האָט זיך היינטיקער פרי־מאָרגן צוגלײַך מיטן מעשענעם אָנזאָג אין די קאַמערן אַרײַנגעדרונגען און אַזוי געוויינלאַך, און אַזוי טאָג־טעגלאַך אַלעמען פון די נאַרעס אויפגעהויבן.

קייט מען מיט די באַק־ציינער דעם קאָרענעם אָנבייסן, בריט דאָס זודיקע וואַסער דעם גומען און מ'וואַרט אַפּן אָן נאַזיקן שומר, וואָס וועט זיך באַלד אין קאָרידאָר לאָזן הערן. נאָר דער אָן נאַזיקער שומר האָט זיך היינטיקס פרימאָרגן אין די קאָרידאָרן דווקא ניט באַוויזן און אָנשטאָט זײַן געוויינלאַכן אָנזאָג:

— אַף אַרבעט אַרויס — האָט זיך גאָר צושפּרייט אַ קלאָרער און דייטלאַכער קלאַנג: אַז אַף אַרבעט וועט מען היינט דווקא ניט גיין און אַז אַף די טירן

ווען אַפילו בּאַטאָג גרויסע און פאַראָסטעטע שלעסער העגגען·

וויל טאַקע מיטלמאַן פון גינזבורגן דערווייסן זיך, וואָס אַזוינס זאָל דאָס באַדייטן:

— רעפאָרמעס, האַ?

שמייכל־ט גינזבורג סודות׳דיק און בעל׳בּתּ׳יש אין זיין שוואַרצער באָרד אַריין· שפּאַצירט דורך אין זיינע ליימיקע און צוטראָטענע שיך איבערן קאַמער אַרום; טוט ער אַ שעלמישן ווינק צום גלח צו און נעמט זיך גאָר פאַר זיין געלן טשעמאָדאַנטשיק· לייגט ער זיינע חפצים אין אים איבער· וואַשט אויס גאַנץ נישט׳קשה׳דיק דאָס טשייניקל און בינדט אים צום הענטל פונם טשעמאָדאַנטשיק צו· שטייט דער פאַרפאַקטער טשעמאָדאַן מיטן צוגעבונדענעם טשייניקל אַפן ברעג נאַרע און האָט אַן אויסזעהן פון געוויינלאַכן באַגאַזש, ווען אַ פאַסאַזשיר קלייבט זיך פון „נאָמער״ צום וואָקזאַל פאָרן·

איז דאָך אָבער מיטלמאַן אַ מאָדנער היציקער מענש· ממש קוועק־זילבער· קאָן ער זיך אַלץ ניט באַרואיקן פון אָט דעם צאַפּלדיקן נייס און וויל זיך אָנשטויסן אַף גינזבורגס כונה· האַלט ער זיך סוף כל סוף ניט איין, גייט צו צום באַגאַזש און קוקט אַרום גאַנץ אויפמערקזאַם דעם ווייסינקן אַליומיניעמן טשייניקל:

— אַ וואוילער טשייניקל· גאָר אַ וואוילער טשייניקל· פון אַ סערוויז· האַ?

שפּריצט דער גלח פון די אָנגעבלאָזענע באַקן וואַסער אַפן דיל, זעצט אָפּ דעם אויפגעהויבענעם שטויב און הויבט אָן ·פון אַרונטער די נאַרעס אויסקערן·

ליגט גינזבורג אַף זיין נאַרע צוצויגן, האַלט די הענט אויטערן קאָפּ פאַרלייגט, טראַכט וועגן שאַרפע ענינים און קומט צו אַ פעסטן באַשלוס:

אַז אויב מ׳לאָזט שוין ניט אַף אַרבעט אַרויס, טאָ דאַרף דער באַגאַזש זיין תמיד געגרייט ···

הערט אויף דער גלח דעם דיל קערן· בויגט אויס די מידע פלייצע, טוט א הגאה׳דיקן זיפץ און אפשר אַ הוסט — ווער ווייסט — און לייגט אַ גלח׳שן און אַלט פרענקישן צלם אַוועק, אַ רוהיקן און געלאַסענעם צלם·

שפּעטער אַהינצו· היפּש נאָך וואַרמעס· ווען מ׳האָט איבערן שנייאיקן און צעוואָרפענעם הויף טריט באַ טריט אַ נאַנצע האַלבע שעה געשפּאַצירט און פראָסטיקן לופט איינגעאָטעמט· האָט מען באַשיינפּערלאַך דערזען, אַז די גאַנצע געבּיידע איז אין אַ פאַרשטאַרקטער שמירה פאַרשמידט און אַז קאָנוואָי לאָזט אַפילו נאָנט צום טויער ניט צו·

וויל גינזבורגס ווייב פון יענעם זייט טויער דערווייזן· אַז זי האָט נאָר בדעה דאָס פעקעלע שפּייז איבערגעבן· אַי אין אָט דער ווייסינקער סערוועטל איז נאָר געוויינלעכער שפּייז פאַרן מאַן· וואָס ליידט פון אַ לאַנגיאָריקן און פאַרלאָזענעם קאַטאַר· איז דאָך אָבער דער טויער אַ הויכער און תמיד אַ שטרייננגער און אַ גלייכגילטיקער· שווייגט ער־דער טויער, און דער קאַלטבלוטיקער שומר שווייגט אויך; קוקט מיט זיינע אויסגעוועלקטע אויגן און שווייגט·

וויל מען דאָך פונם געהילף דערווייסן· פאַרוואָס לאָזט מען קיין פעקעלאַך שפּייז ניט דורך און וואָס קומט דאָ פאַר אַזוינס? שווייגט אויך דער געהילף:

דרייט ער זיך גאָר אַרום אין אַלע קאָרפּוסן, קוקט אַריין אין אַלע קאָרידאָרן און ווייזט דער גאַנצער מטושטש׳ער תּפיסה, אַז דאָס נאַגאַן־שיידל איז אַ גאַנץ היפּשע און שווערע שיידל.

זיינען באַ די אחדים־קאַמערן אינם אַלטן קאָרפּוס באַביקסלטע יונגען הין און צוריק געטראָטן, אונטערגעקלאַפּט אינם פּראָסטיקן ערד מיט דער פרירנדיקער פוס און געקוקט אין שטח אַריין מיט אַזוינע געוויינלאַכע און פלאַכע פּנים׳ער, אַזוי ווי אָט די פאַרשטאַרקטע שמירה וואָלט געהיט עפּיס אַ געוויינלאַכן און אַלטן צעכהויז...

3.

אַ שטיק אין אָוונט האָט דער קאַמער נומער דריי אַ גאַנץ קלאָרן און זיכערן נייס אונטערגעכאַפּט:

אַז יענע העל־קעפּיקע און ליטישע יונגען, וואָס זיינען גאַנץ באַזונדער און איינזאַם אין די אַחדים־קאַמערן נאָכאַנאַנד עטלעכע טעג געזעסן, האָט אַ לאַנגלעכע און שפּיציקע קויל געטראָפן:

אַלע ביז איינעם!

האָט מיטלמאַן אַפּן פּלוצלונגן און ניט דערוואַרטעטן נייס קיין וואָרט ניט געענטפערט, נאָר עפּיס מיט אַ ווילדער הנאה אַפּן זודיקן אויוועלע אַ שפּיי געטאָן און געוואַרט אפשר אַ גאַנצע מינוט, ביז דאָס שפּייעכץ וועט אויסזידן און געהאָלט נאָך אַמאָל אַ שפּיי טאָן, נאָר סוף כּל סוף איינגעהאַלטן זיך, מאָדנע גיך מיטן מויל אַ קרים געטאָן, פאַרזשמורעט אַן אויג און וועגן עפּיס גאַנץ ערנסט אַ טראַכט געטאָן.

באַמערקט דאָס דער גלח: וויל ער אַ הויב טאָן דריי צונויפגעלייגטע פינגער צום שטערן און צום האַרץ, נאָר גאַנץ הילפלאָז לאָזט זיך דאָס רעכטע האַנט אַראָפּ — פלעכטן זיך די פינגער פון ביידע הענט צונויף, טוען אַ הילכיקן קנאַק און אַ באַמערקונג רייסט זיך באַ אים אַליין פון זיך אַרויס:

— אָה וואַ, מ׳שיסט!

טוט זיך מיטלמאַן מיט זיין גאַנצן כאַקי־פּרענטש אַ טרייסל און ווערט צושראָקן;

—וועמען, פאַרוואָס?

באַהעפט זיך דער קאַמער אין אַ שטילן און שווייגנדיקן פינף מינוט און קיינער באַמערקט גאָר ניט, ווי אַזוי דער פאָלקאָווניק האָט זיך פון זיין נאַרע גאַנץ שטיל אויפגעהויבן, געבליבן זיצן ווי אַ בלייכער פלעק אַפּן היפּש טונקעלן וואַנט און אַריינגעזאָגט אין פּוסטלאַכן חלל פונם קאַמער נומער דריי:

— שערבלאַך, שטיקלאַך שערבלאַך!...

אָטעמט ער אָפּ עטלעכע מאָל גאַנץ שווער און טיף אין בלייכט מיט זיין פאַרלאָזענער העמד דאָס היפּש טונקעלע וואַנט.

דערפילט גינזבורג אַ שרעקלאַך ווייטאָג אין די שלייפן, עפּיס אַזוי ווי עמיצער וואָלט מיט קליינע און שאַרפע האַמערלאַך גיך־גיך געקלאַפּט אין זייער, רעדט ער אַרויס אין אַצוצויגענעם און געהעכערטן טאָן:

—פאָלקאָווניק· שווייגט· פאָלקאָווניק!···

רייסט זיך אָפּ מיטלמאַן פונם אויוועלע, גייט צו גאָר נאָנט צו גינזבורגן· קוקט אים אָן גלייך אין פנים אַריין און דערזעט אַפן פנים עטלאכע טיפע און איינגעגעסענע קנייטשן—גאַנץ היפּשע קנייטשן און צעוואָרפענע גראָהע האָר אין גינזבורגס שוואַרצער און צוקאַמטער באָרד·

דערפילט מיטלמאַן אַ טיפן און נאָנטן רחמנות אָט צו דעם געוועזענעם שניט־קרעמער; וויל ער אים הגם מיט אַ גוט וואָרט טרייסטן· מיט אַ מונטער וואָרט· זוכט ער אים· דאָס וואָרט באַ זיך אין די געדאַנקען· גריבלט ער זיך גאַנץ ערנסט און רעדט לסוף ארויס:

— פאָלקאָווניק, שווייגט· פאָלקאָווניק!···

ענטפערט זיי אָפּ דער פאָלקאָווניק נאָר מיט איין טרוקענעם און דעריקן הוסט:

— פכע···

הערשט ארום אַ אָנגעשטריינגטע שטילקייט· אַזוי ווי אין אַ פאַרלאָזענעם און ליידיקן צימער· מער ניט דאָס אויוועלע לאָזט אַרויס אַ טרוקענעם קנאַק פונם פלאַמענדיקן שייטל האָלץ און וואַרפט אַרויס גלייך אַפן דיל געלבלאַכע פלעקן דורך די לעכלאַך פונם טירל·

רייסט איבער דאָס שטילקייט א גיכער און ממבולבל׳ער גלאָק־אָנזאָג, אַ מעשענער און הילכיקער קלאַנג—אָט דער זעלבער גלאָק־אָנזאָג· וואָס לאָזט זיך הערן מיט אַ גוואַלדיקער עקשנות אַלע אָוונט. אַלע אָוונט און ניט צו פאַרשטיין: אז באַלד וועט איבער די קאָרידאָרן אַ געלופעריי ווערן און שטאַרקע און זאָרגלאָזע יונגען וועלן גאַנץ שווערע און אייזערנע כלים ברענגען· פון וואַנען אַ דאמף· אַ געדיכטער און אַ גראָווער· וועט אינדערהויך אַרויפשטייגן און וועט געבן צו פאַרשטיין:

אַז אָט די אַכילה, וואָס טיילט זיך טאָג־טעגלאַך· איז דאָך אָנגעגרייט מיט גלייכע חלקים פאַר אלע· פאַר אַלע פאַרציימטע און אָפּגעזונדערטע קאַמערניקעס···

עסט אָבער ניט דער קאַמער נומער דריי· עפּיס עסט זיך היינט ניט: קריכן פאַנטאסטישע און גרויזאמע געדאַנקען אין קאָפּ אַריין און ציען אַלע מחשבות אַהין· צום אַלטן קאָרפוס· וואו די אחדים־קאמערן · ייען איינע נאָך איינע· איינע נאָך איינע·

בלייבן טאַקע די בלעכענע שיסעלאַך האַלב פולע שטיין, קילן אָפּ אַלץ מערער און מערער און וואַרטן עפּיס אויס·

סוף כל סוף איז דער געהילף מיטן אָן נאָזיקן שומר געװמען· אָט דער זעלבער געהילף· וואָס שלעפּט זיך נאַכט איין און נאַכט אויס איבער די קאַמערן אַרום, קלינגט אַזוי הויך און חוצפה׳דיק מיט די לאנגע און שווערלאַכע שליסלען, ציילט איבער יעדן באַזונדער· פאַרשרייבט מ׳ט אַ שטיקל קרייד אַפן טיר און ווערט מיט אַמאָל נעלם·

וויל דאָך אָבער גינזבורג נייס וויטן און בכלל דערקונדיקן זיך· טוט ער אגב־אורחא ביים שומר אַ פרעג:

— זאָגט איר· אַז די באַנען גייען שוין ווידער?

ענטפֿערט אים נאָר דער שומר ניט, טוט אַ הויב דאָס לאָמטערן גלייך צו גינזבורגן אין פּנים אַריין, טוט זיך אַ דריי אַפּן אָפּצאַס און לאָזט הערן אַ טומפּן און צווייענדיקן קנאַק מיטן שלאָס פֿון יענעם זייט טיר.

גייט צו גינזבורג צום טיר, טוט איר אַ שטופּ, דערקונדיקט זיך אַף זיכער, אַז די טיר איז פֿאַרט פעסט פאַרשלאָסן, זאָגט ער אָן מיט אַ געפֿאַלענער און יאוש׳דיקער שטים:

— און צו האַרבסט איז נאָך אַזוי ווייט, אָט צום האַרבסטיקן יום־טוב, ווען אַמניסטיע וועט זיין...

שרעקט דעם גלח אָט דער געפֿאַלענער קול גינזבורגס, ווילט זיך אים עפּיס אַ טרייסט־וואָרט אַריינשטעלן, אַזוי, אַז ס׳זאָל עפּיס פריילאכער ווערן, פּרובט ער אָנהויבן:

— אַמניסטיע, אַ וואוילע זאַך אמניסטיע...

רייסן זיך אָבער די ווערטער איבער, צושווימען איבערן גאַנצן קאמער און בלייבן אומבאַמערקט, ווי דאָס גאַנצע גראָוקייט דאָ

האָט טאַקע דער גלח זיין אַלטלעכע און צוקראָכענע ריאַסע אויסגעטאָן, צום שלאָף געגרייט זיך און דערוויל טונקעלע און פויזנדיקע ברואים געזוכט, ברואים דאָס גרויס ווי אַ קאָנאָפּליע...

ליגט מיטלמאַן אַף זיין ווינקל־נאַרע, דרייען זיך אַרום ביי אים אין קאָפּ אָפּגענע און מבולבל׳ע געדאַנקען, ווייל ער אָט די געדאַנקען באַהעפטן עפּיס אַף אוויכטיקן ענין. הערט ער נאָר, ווי דאָרטביים טיר אין ווינקל, אָט ביי דער איי־זערנער בית־הכסא כלי קראָצט נאָכאַנאַנד און אָן אויפהער אַ היפּשע און אָפּגע־פרעסענע מויז דעם דיל אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. טוט אים דאָס אמת׳דיק הנאה, וואָס הגם איין לעבעדיק באַשעפֿעניש שלאָפֿט ניט דאָ, אינם נאַכטלאַך גראָוון און פייכטן קאַמער, אָט אינם קאַמער נומער דריי, וואו ס׳געפינען זיך סוחרישע און אָנשטענדיקע לייט פונם ניט לאַנג פֿאַרלאָפֿענעם עבר.

שטריינגט ער אָן דאָס אויער און וויל נאָכן אָטעמען אָנשטויסן זיך: שלאָפֿט דער קאמער, אָדער מ׳מאַכט זיך נאָר שלאָפֿנדיק, נאָר באמת׳ן ליגט מען גאָר מיט אָפֿענע אויגן אינם טונקלקייט אַריין און די געדאַנקען דרייען און פּלאָנ־טערן זיך ארום דעם אַלטן און פאַרלאָזענעם קאָרפּוס; צוהיצטע און אָנגע־שטריינגטע געדאַנקען, וועלכע מ׳האָט מורא פּשוט פֿאַר זיך אַליין אַפּן קול אַרויסברייגנען.

און מיט אַמאָל פֿאַרכאַפּט דער מח אַ גיכע און לחלוטין אומערוואַרטעטע מחשבה:

— וואָס איז אויינס טויט, האַ?

דערמאָנט ער זיך:

אַז אַמאָל, אָט אין יענע גוטע יאָרן, ווען ער איז נאָך אַלס ריי[illegible]נדער פֿון אַ לאָדזשער סוחרישער פֿירמע מיט פעקלאַך מוסטערן איבערן לאַנד אַרומגעפֿאָרן, האָט ער אונטערוועגס, אין וואַגאָן עפּיס אַ גרויסן ראָמאַן געלייענט, נאָר אַן אָנ־געשטריינגטן ראָמאַן, וואו דער שרייבער האָט אַ סך און אַף אַלע אופֿנים וועגן טויט גערעדט, געגריבלט זיך אין דער מענשלאַכער נשמה און האָט אַזוי בולט אַלץ פֿאַרן אויג געשילדערט.

רייסט זיך ביי אים אַרויס גאַנץ פּלוצלונג אַ פּראַגע:

—גינזבורג, איר האָט אַמאָל געלייענט דאָסטאָיעווסקען?

דערפּליט צו מיטלמאַנס אויער אַ שאָרך פון גינזבורגס מאַטראַץ און טאַקע פאַלד עפּיס אַן אונטערבּרומען פון אַן עבודה־ניגנדל.

הערט זיך איין מיטלמאַן צו דעם אַמאָליקן און גאָר ווייטן עבודה־ניגנדל: פאַרגנב׳עט זיך אַ רחמנות־געפיל ביי אים צו אָט די אַלע קאַמערניקעס און אין קאָפּ באַמבּלט זיך אַלץ מיט אַ שטייפער עקשנות איין און איינציקער געדאַנק:

אַז ס׳קאָן ניט זיין, אַז אויך אים, מיטלמאַנען, זאָל טרעפן אַ לאַנגלאַכע און שפּיציקע קויל:

— וואָרום, וואָס איז ער שולדיק, האַ?

ווערגט אין האַלז דאָס גרינלאַכע פייכקייט, וואָס טראָגט זיך פון ווינקל־וואַנט, פאַרפּעלט אָטעם, אַזוי ווי אין אַ פאַרמאַכטן און פינסטערן קעלער. שלייכט ער פון נאַרע אַרונטער, טרעט מיט שטילע און באָרוועסע פיס איבערן קאַלטלאַכן דיל און שפּאַרט זיך אָנם וואַנט אָן. פאַררייסט ער דעם קאָפּ צום פאַרגראַטעטן און אונטער סטעליקן פענסטערל, פאַרכאַפּט דאָס אויג נאָר אַ שטיק חושך, מער ניט צום אויער דערטראָגט זיך אַ טרוקענער און הילכיקער אָפּקלאַנג פון אַ שאָס ערגיץ אין דרויסן. הערט ער זיך צו מיט אַן עקשנות׳דיקער אָנגעשטריינגטקייט צום הילכיקן הוסט אינם שטח אַריין און קומט צו אַ סוף כל סוף׳יקן אויספיר.

אַז אַלע זיינע נאָנטע און העלקעפּיקע באַקאַנטע, וואָס האָבן פונם אויפגעקומענעם און ברויטגעבערישן דאָרף יעניקע געצויגן—האָט דאָך אַזאַ קורצער און טרוקענער אָפּקלאַנג געטראָפן, אַ הילכיקער און צוקיילטער אָפּקלאַנג אַלע ביז איינעם!...

צאַפּלט אַ געדאַנק אין מוח און דאָס אויג שטעלט זיך פאַר:

אַן ערגיץ דאָרט, אַהינטערן פאַרפרוירענעם און פּראָסטיקן טייך, אָט וואו שניי סקריפּעט אַזוי געוויינלאַך און רוהיק, זיינען פיס געגאַנגען אַלץ אַהין און אַהין, ביז וואַנען פון העלער הויט און מיט אַמאָל האָט אַ גיכער און פעסטער אָפּקלאַנג דעם אויר דורכגעשניטן. אַ צאַפּל געטאָן האָט די לופט. האָט דאָס לייב אַ ברי־געטאָן און אַ וואַרעמער און קלעפּיקער שנירעלע פייכטקייט איז פון די האָר אַרויס און גלייך אפן הוילן האַלז גערונען...

דערשרעקט זיך מיטלמאַן פאַר זיינע אייגענע געדאַנקען. טוט אַ שוידער דאָס גאַנצע לייב זיינס, אַזוי, אַז די פיס דערפילן אַ שאַרפע קאַלטקייט פונם שטיינערנעם דיל. טאַפּט ער דעם קאָפּ מיט זיינע אויסגעאיידלטע און מאַניק־ווערטע פינגער און רעדט אומישנע אפן קול גאַנץ הויך אַרויס:

— טרוקן, גאָר טרוקן! וואָרום, וואָס בין איך שולדיק, האַ?

שרעקט זיין אויסגעשריי דעם גאַנצן קאַמער איבער, אַזוי אַז אפילו די אָפּגעפרעסענע מויז הערט אויף אַ ווײַלע דעם דיל קראַצן. און דער גלח, וואָס האָט כמעט גאַנץ געשמאַק געשלאָפן, כאַפּט זיך אויף אַ מבולבל׳ער, לעהענט זיך אָן אפן איילנבויגן און רעדט אַרויס צו מיטלמאַנס נאַרע:

— שולדיק? קיינער איז דאָך ניט שולדיק.

טרעט אַרויס ביי מיטלמאַנען אַ קאַלטער און נאַסער שחייס אפן שטערן· וויקל'ט אים א שאַרפּע קעלט ארום און ער האלט דעם אָטעם איין·

און פון דרויסן· אָט פון אַהינטער די חושכ'דיקע און פראָסטיקע פענס־טער האָבן זיך אהער אין קאמער אַריין אָפּקלאנגען פון טריט דערטראָגן—פעסטע און שווערע מחנה־טריט פון ארמייאישע שטיוול, וואָס זיינען צום דאָרף געגאַנגען מיט שטרייגע און הארטנעקיקע פנימ'ער, כדי א תל־ מאכן פונם ברויט־געבע־רישן און באפעלצטן דאָרף· וואָס האָט אַלץ דעם כרך מיטן פארלאָפענעם עבר געשראָקן· —

שטריינגט די קאמער נומער דריי די אויערן אָן; הערט מען זיך צו צום פילפּיסיקן און גיכערן טראָט דאָרט· אין דרויסן· פילט דער גלח גינזבורגס שווערן און נאָכאנאנדיקן אָטעמען, אזוי ווי אָט דער גינזבורג וואָלט מיט א פענכער אפן קאָפּ געלעגן· ווילט זיך דעם גלח א וואָרט ארויסזאָגן· א ווארעם און פריינט־לאך וואָרט· רעדט ער ארויס:

— שולדיק? קיינער איז דאָך ניט שולדיק·

זעצט זיך אויף דער פּאָלקאָווניק, בלייכט מיט זיין פארלאָזענער העמד דאָס היפש טונקעלע וואנט, אָטעמט ער מיט זיינע דעריקע און קאליע לונגען אָפּט און גיך און לאָזט ארויס א הייזעריקן און דומפן:

— פכע···

פון וועלטישן אוצר

פון ציקל „אדם'ס קינדער״
וואלט וודהיטמאן·

דאָס איז א פרויענגוף·
פון קאָפּ ביז פיס שטראלט פון אים ארויס א געטליך ליכט·
ער ציט צו זיך מיט אַ הייסן אומבאזיגבארן רוף·
אונטער זיין אָטהעם בין איך ווי אַ הילפסלאָזער דאַמף· אַלץ פאלט אראָפּ פון מיר
און מיר בלייבן: איך און ער·
ביכער, קונסטן, רעליגיעס· צייט, און דאָז וואָס ס'ערוואַכט פון די הימלען·
אויך דאָס, וואָס ס'האָט מיך געשראָקן אין גיהונם· אַלץ פאַרשווינט דאן·
עפּעס ווי פעדימער דולע, עפּעס ווי ווילדע צווייגן שפּראָצן אַרויס פון דעם
מעכטיקן צופלוס און אָפּפלוס פון ליבע, ז'סע ענויים פון געהויבענע, זיך שטער־קענדע כחות· קוועלנדע פאַכקייט פון ליבע· הייסע שפריצן בעשעפנדיקע, ווייסער געדיכטער פאַרווילדנדיקער זאַפט·
נאָך חופה־נאַכט פון ליבע וואָס גייט טריי און צאַרט אריין אין ברייט אָפּענעם קאיאָר,
די פרוי — איז דער קערנדל, דאָס קינד ווערט געבוירן א פרוי, פון אַ פרוי
ווערט געבאָרן דער מאַן·
דאָס איז די באָד· דאָס הייבל פון געבורט פון וואַנען ס'גייען ארויס אלע זאכן
קליינע און גרויסע· דער אייביקער אומערמידלאַכער אויסגאנג·
פרויען! צו וואָס די חרפה! איר זייט דער טויער פון גוף· איר — זייט אויך דער
טויער פון נשמה·
יידיש—ד· גרינשפאן
דער גוף פון מאַן איז הייליק· דער גוף פון פרוי איז אויך הייליק·

בלעטלאַך פון אַ וויסּפעניק.

א. אויף די וועגן פון יונגאיך.

פריינט מיינס!

איך בין ווידער אויף דער וויספע. אַך, ווי גוט. איך בין באַ מיר אין מיין ווע־לטל, צו מיין אייגענעם איך, דעם פאַרשאָטענעם, דעם פאַרשטויבטן, דעם פאַרכריאַסקעטן דעם פאַרבלאָטיקטן. אָבער פאָרט באַ זיך. ניט גרינג איז מיר אָנ־געקומען דער וועג צום יונגאיך, כ'האָב געמיינט אַז מען האָט לאַנג שוין פער־זשאַווערט דעם שלאָס. אַז די שליסלען זיינען לאַנג שוין צובראָכן און פאַראָסטעט נאָר כ'האָב אַ טעות-געהאַט, ס'האָט זיך מיין איכוועלט צוגרינט און צעזומערט און אומזיסט האָט זיך דער שוואַרצער אַלטשד געגרייצט מיט מיר:

— קיינמאָל וועסטו שוין צו זיך ניט קומען, דו הערסט, קיינמאָל! אַלע וועגן זיינען צושטערט, אַלע בריקן זיינען פאַרברענט, אַלע שיפן זיינען דער־טרונקען, און אומזיסט איז דיין בלאָנדזשען און דראַפּן זיך אַף וועגן שטייניקע. אַף וועגן זאַמדיקע, און געטראַכט האָב איך, וואָס קען זיין ווייטאָקדיקער ווי צו זיין אַ פרעמדער באַ זיך אליין, ניט קענען זיך, ניט זען זיך, ניט ריידן מיט זיך אַיאָ אַזוי איז עס געווען, און יאָרן האָט זיך עס געצויגן. יאָרן שווערע שוואַרצע לאַנגע שטומע יאָרן, ביז דער דרייאונדרייסיקסטער יאָר מיינער איז אָנגעקומען און עפּעס האָט דורך דער פינסטערניש א יונגליכטיקייט זיך דערוויזן, עס איז מיר ליכטיק געוואָרן אַרום און אַרום, בעטלערס זיינען פרינצן געוואָרן.

זינדיקע האָבן זייער יונגמיידלשאַפט באַקומען, ווינטערס זיינען זומערס געוואָרן און מיט יעדן טאָג, און מיט יעדער שעה בין איך אַלץ נענטער, נענ־טער צו זיך געקומען צו מיין אוראַלטן, נאַקעטן יוגנאיך.

און הערסטו פריינט, בין איך צו זיך אין די טיפענישן פון מיין יונגאיך אַראָפּ זיך דאָרט אַראָפּגעלאָזן האָב איך דערפילט: אַ שטילע פרישע קוואַלקילקייט נעמט מיך אַרום און נעמי, מיין לאַנגפאַרשוואונדענע גרינע יונגטויב האָט מיך פאַרן האַנט אַף דינע טרעפּלאַך געפירט, אַלץ טיפער און נענטער צו זיך, ביז איך האָב מיין זיכיקייט דערזען, און דער וואָס ווייטער איז געשען: אַרום און אַרום האָבן שפיגלען זיך צעשפיגלט און פון יעדן שפיגל האָט אנ'אַנדער מכשפה געקוקט און דערזען האָב איך מיין פריערדיקן כף-הקלעדיקן פרעמדען איך וואָס האָט מיך יאָרן אין קלעמב געהאַלטן עפּיס אַזאַ פאַרקרימטען, צעקרי־פּלטען קאַרליק, אַפּאַרזעניש. אַז איך האָב מיך פאַר זיך אַליין דערשראָקן און געפרעגט:

— ניט שוין זשע איז עס מיין איך געווען?

ב. מוצי...

און בין איך אַף די וועגן פון מיין יונגאיכישקייט אַוועק האָב איך שוין די ערשטע באַגעגעניש געהאַט, א פרוי' אַ בלייכבלוטיקע, אַ פול־זייטיקע האָט

מיך באַגעגנט· האָט זי אַ קלאפּ געטאָן מיך פאַרן פּלייצע און געזאָגט :

— יונגמענש, שטיי ! — צו זעסטו מיך ניט, צו דערפילסטו מיך ניט ? צו האָבן דיך מיינע לאָקאָמאָטיוו־אויגן ניט פאַרשרפהעט ? צו ווייסטו ניט אַז איך קען אָנצינדען אַ וואַלד מיט שוואַרצע האָר ? אַ וואַלד מיט גרינגער תאוה ? ! . . .

ווער ביזטו ? — האָב איך איר אַ פרעג געטאָן. — מוצי — בין איך — אַ קינד פון שטאָט און טייוול, דיינע א שוועסטער, איך בין דיין כלה, געליבטע, ווייב, חברטע, אַלץ איז אין מיר· און זעסטו ניט דעם קרוין גרינע ראָזן וואָס איך טראָג אויף מיין קאָפּ ? דאָס האָט דיין אייגן ברודער מיך געשאָנקען און געקרוינט היינט ביינאַכט אין ברענעדיקן וואַלד· און ער האָט צו מ׳ר אַזוי געזאָגט : גיה אַף די וועגן ווּעסטו טרעפן. מיינעם אַ ברודער יונגמענש — רופט מען אים — און זאָג· אַז דאָס וואָס ער רופט כלה, געליבטע, אַז די וועגן וועלכע ער האָט אַמאָל געטרוימט—איז אַ ניאַנקע געוואָרן אַ פּשוטע פּול־ברוסטיקע פּולאייטערדיקע ניאַנקע· זי ניאנטשעט איצט איר ניי־געבוירן כשר־קינד· און באַלד ווען דער זייגער וועט שלאָגן צוועלף· וועט זי· זיין אַמאָליקע געליבטע, פאַרלעשן די עלעקטריע פון איר בלוי־אַבאַזשורטן שלאָף־צימער וועט זיך מיט איר גאַנצער יונג־ווייבלשער תאוה אויסציען איר ווייך־פּוכאָוועַר מאַטראַצן־בעט מיט אָפענע אָרעמס און תאוה־ציטערדיקע קנעכלאַך וועט זי וואַרטן אַף איר באַבייכלטן און פעטמאָרדיקן שמאַלציקן מאַן זואָס וועט אַ סאָפעדיקער זיך אַ ווּאילע טאָן אין בעט און וועט מיט זיינע לאַפּעס איר אָרומנעמען און א מידער איר צוקושן די גלידער און ערטער וועלכע ער האָט אין לידער באַזונגען, פּאָעמעס געשאפן, איר—זיין געליבטע!

— זיין ווייב ? — כאַ־כאַ־כאַ וואָס איז אַ ווייב? ווען ער לעבט וועט זי זען אז ער זאָל זיך ניט פאַרקילן· זיין פרישטיק און מיטאָק זאָל זיין אין דער צייט, זיין טייסטער זאָל שטענדיק זיין אַ פולער· קיין נדבה זאָל ער קיינמאָל קיין צו גרויסע ניט געבן· מיט שלעפּערס און דיכטער זאָל ער קיין עסקים ניט האָבן, ווייל טאָמער כאַפּט ער אונטער די הישפּאַנקע אָדער גאָר די פּאַריזשער קריינק אָדער אים וועט זיך פאַרוועלן פון לאַנגווייליקייט מאַכן אַ שטאַרב· וועט ער באַקומען אַ שוואַרצע ראַם אין צייטונג און זי זיין ווייב וועט מיט אַ פּאָר דאָלאַר ווייניקער בא אים אין טאַש געפינען· אָט דאָס איז אַ ווייב !

א חברטע ? אָ, מענשן ! ניט שטענדיק איז דאָך רעוואָלוציעס, ווינטן הערן דאָך אויף צו ברומען און שטורמען און דאַן ווערט פון די חברטע־א פרויען־צימער· פון דער פרויענצימער וועט ווערן א ווייב· אַ ווייב פאַר אַ מאַן· איר הערט ? — אַזוי האָט געזאָגט מוצי — און איז — פאַרשוואונדן ...

א וויספּעניק·

פון דער עטאַזשערקע

ה. בלאָשטיין, אויפן זונענטערפּ — לידער. פארלאג „ליכט", קאָוונע 1923.
54 זײַטן אין 16°

... מיך האָט אַרויסגעפּראָלט וואול־קאַן
פון צוואַנציקסטן צערודערטן יאָרהונדערט;
און אָפּגעזונדערט
שטיי איך מיט מײַן שטאָם
אין גרויסן באַלאַגאַן
פון גוסס'דיקער אַלטער וועלט...
און כ'שפּײַ
מיט פלאַם,
מיט גאַל
אַף לעצטע געטער־מאַריאָנעטן
אַף לעצטע לצים מיט באַקרוינטע קעפּ...

— — — — — — — — — — —

מיך האָט אַרויסגעפּראָלט וואוּל־קאַן
פון טיפסטער טיף
פון פײַערשפּײַענדיקע טעג!

האָט איר וואו געלייענט די שורות?

ניין, איר האָט זיי ניט געקענט לייענען, ווייל זיי זיינען אייגענע, צייטיק־אויסגעטראָגענע אויסגעווייטאָגטע, דורכגעלעבטע, איר פילט אין די שורות דעם אָטעם פון אונזער צייט. די וועלט איז פאַרן דיכטער דער גרויסער באַלאַגאַן, וואו אַלע אמת'ן זיינען פאַרשוועכט, וואו אַלץ ווערט געקויפט און פאַרקויפט און דער מענש, דער דיכטערישער איך ווייטאָגט, ווי אַמאָל אין די ביבלישע צייטן דער נביא, צוזעענדיק און פילנדיק בולט'ער, ווי אַלע די גסיסה פון אַ וועלט, די גסיסה פון אַ דור, און אפשר פון אַ סך דורות, זאָל זיין, אַז נאָך דער גסיסה וועט קומען אַ נייע וועלט, אָבער דערווייל שטייט ער נאָך מיטביידע פיס אין דער אַלטער וועלט, אין באַלאַגאַן, און דערום שפּייט ער מיט גאַל. און דערום דאַרף זיין און אָס איז פלאַמיק דאָס וואָרט פון דיכטער, ער שוינט ניט קיינעם אַפילו די געקרוינטע, ער רופט זיי „לצים מיט באַקרוינטע קעפּ", ווייל ווי קאָן מען אַנדערש אָנרופן די „מלכים אַף אַ שעה" אָט די וועמען דער שטאַרבנדער גוסס'ער דור קרוינט פאַר זיינע פירער. ריכטיק רופט ער זיי „געטער־מאַריאָנעטן", ווייל הילצערנע שפּיל־מעגשעלעך זיינען זיי באַ דער געשיכטע, זיי זיינען טויב צום שאַל פון די דונערדיקע טעג, וואָס דער דיכטער, דער אמת'ער דיכטער איז שטענדיק דער פאַראויסזעער, פאַראויסווייזער.

און שטענדיק איז ער מונטער, און אייביק איז ער, און אים שרעקט ניט דער טויט, און ער פרעגט:
און ווער האָט אויסגעטראַכט דאָס וואָרט, וואָס רופט זיך טויט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

כ'בין אייביק געווען, און וועל קיינמאָל ניט שטאַרבן
איך קערנדל — לעבן
פאַרשאָטן אף וועלטישע בייטן.

דער דיכטער, וועלכער פילט זיך, ווי איינגעפלאָכטן, ווי איינגעוויקלט מיט די יצירה עולמית, ער פילט, אַז ער איז אומשטערבליך, ער ציט זיין שלשלת היוחסין פון אדם הראשון. דער אוראַלטער מענטש

איז זיין טאַטע געווען. און פול איז ער געווען מיט וועלטישן ווילן. און ברויזנד איז ער גווען. דערום זיינען ברויזנד די לידער באַ אונזערע יונגע דיכטער, ווייל זיי פילן אין זיך די קראַפט פון וואולקאַנען-דיקער פייער־פייעדיקער ערד. און זעלטן וואו וועט איר געפינען צווישן די נייע דיכטער אַ פעסימיס־טישע נאָטע, זיי מעגן הונגערן, פריערן; זייערע ליידן זיינען פיל שטאַרקערע, טיפערע, ווי נאָ די דיכטער פון די פאָריקע דורות. דאָך שפראָצט פון זיי אַרויס דער וועלטישער, הפקר־דיקער לעבנסלוסט. אַף זיין קבר וועט...

אבערגעלע מיסט וועט אַ גרעזעלע שפּייזן אַ גרינעם
און אפשר אַ פיצעלע לעבנדיק לעבן—אַ יואָרם
און אפשר — אַ פורפורנע רויז.

אָט דער גלויבן אין פורפורנער רויז, אָט דאָס איז דער אָנשטיץ, דער לייכטטורם פון דיכטער וועלכער פאַרלאָזט אים ניט אַפילו, ווען ער פילט, אַז

מאַמע! איך טראָג דיר אַ ליכטיקע טרייסט
זון דיינער שטאָלץ איז און מעכטיק און דרייסט
האָט זיך אַף צלם פון שיידלעך געקרייצט
שפראָצט פון זיין בלוט דיר אַ זוניקע טרייסט.

ה. בלאָשטיין.

ווייל געקרייציקטע אין אַלע צייטן זיינען געווען די דיכטער, די מאַסע האָט זיי קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען, ניט איין שטיין איז געוואָרפן געוואָרן און וועט נאָך איצט געוואָרפן אין יעדן איינעם, וואָס קומט מיט אַ נייעם וואָרט, מיט זיין זייגן וואָרט אַף די ליפּן, און נאָך מער וועדן געקרייציקט די וועלכע קומען אין צייטן פון שיידוועגן, ווען דער געשיכטליכער ראָד שטעלט אָפּ זיין כדור און זאָגט:

ניין, איך וויל ניט מער דרייען אַף רעכטס,
פון היינט אָן, חויב איך אָן צו דרייען אַף לינקס!...

דאַן קומט די קרייצונג. אַזוי איז ישוע געקרייציגט געוואָרן, אַזוי ווערן געקרייציגט אַלע, וועלכע ווילן עקשנות'דיק גיין און פירן די מענשהייט אַף נייע ניט-געטראָטענע וועגן...

און ניט אומזיסט איז איצט די ליבלינגס־טעמאַ באַ אַלע אונזערע זאַפטיקע יונגע לידנדע קינסט־לער, ווי אורי צבי גרינבערג, האָראָוויץ א. א. ישוע הנוצרי, ווייל אין זיין קרייציגונג זען זיי זייערע און ווי זאָגט דער קרעפטיקער אורי צבי גרינבערג (אַלבאַטראָס צווייטע העפט. נאָוועמבער 1922)

„למאי בין איך איינער פון די שיירה
צעוויטיקטע, וואָס היינגט ניט אין שכנות
מיט דיר אויף דאָרפישן סלופ באַ אַ צלם וועג"
און זעלטן, בלאָשטייניש, וואָלט איך זאָגן, זעט ער די וועלט — (זייטל 28)
אַוועלט האָט אין וועג זיך געלאָזן

מיט האַק אין די אָרעמס
פאַר אייגענע פרידער
און איינעם געלאָזן ביים טויער פון הימל
די זינדיקע תפילות מיט אייגענעם
הייליקן בלוט דורכצוואַשן
און קריגן אַ ברכה
אַף גזילה, זנות און רציחה

און ווי שטאַרק, ווי בילדעריש איז דער שלוס-אַקאָרד:

אַ באַנדע פון שדים
האָט פרעך אַף איר טויער פון שאַנדהויז
פאַרקלאַפּט אַ מזוזה.

שאַנדהויז און מזוזה, טומאה און טהרה. אָט דאָס, וואָס איז דורכגעפלאָכטן אין אַלע באַוועגונגען פון דעם מאָדערנעם, קולטיווירטן אַזיאַט, ווי ריטמיש זיי זאָלן ניט זיין, אָט דער רעפלעקס פאַרכאַפּט דאָס אויג און האַרץ פון נייעם דיכטער און אַף דעם קוקט זיין אויג, און אַף דעם הערט זיין אויער, ווייל פיל מאָל איז שווער פונאַנדערצופלאָנטערן, וואו הויבט זיך אָן שאַנדהויז און וואו ענדיגט זיך מזוזה, ווי דער סיאַמישער צווילינג צונויפגעוואַקסן זיינען דיביידע באַגריפן באַ דער גאַנצער הייגטיקער מענשהייט, און מיט וויפל פייגן-בלעטער זי זאָל דאָס ניט וועלן פאַרדעקן, עס שטאַרצעט אַלץ אַרויס — שאַנדהויז און מזוזה...

און זיי מיר צום סוף מוחל, פריינט, בלאָשטיין פאַר דעם איינציקן ליד פון ציקל „אוקראַינע", וואו עס וואַרפט זיך דורך אַ טאָן פון דער פרעמד, אַ טאָן אַ געליענער אַ קוויטקישער, פון
„איך ציטער אַזוי פאַר מיין קינד"

צו וואָס פאָרגן באַ יענעם אַ בלימל, ווען אַליין פאַרמעגסטו אַ גאָרטן, אַ בונטן גאָרטן פון „שטראַלנדיקע פליענדיקע מענשן, וואו די ערד איז אַ זינגעדיקע", וואו אַפילו „דער טויט האָט אַ רויז אין מויל", וואו

ס׳גייט אום אַף ערד מיט אויסגעשפּרייטע פליגל
און ס׳פילט דעם שוואונג פון דרייסטן פלי אין זיך
און ס׳שפּיגלט שוין דער הויכקייטס בלויער שפּיגל
דעם פּנים פון מיין שטייגנדיק „איך"...
מיינע פיס — צוויי וואָרצלען פעסט און זאַפטפול
פאַרפלאָכטן און צעצווייגט אין ערדן-גוף —
און וועל איך אַ הויב טאָן שטאָלץ און קראַפטפול
אויך דו וועסט ערד זיך אויפהויבן אַרויף!
טאָ זינגט מיין לויב, אָקיאַנוס, בערג און פעלדער!
מיין אויפהויב אין דיין גאולה, ערד, דו בענטש!
דאָס מאַלפן-קינד פון דיינע אוראַלט-וועלדער
דערגרייכט האָט העכסטן געטער-טראָן — מענש.

אַזאַ איז בלאָשטיין. פון שטאַפל אַף שטאַפל קלעטערט ער אַלץ העכער אויף דעם זוניקן לייטער פון דער יונגער דיכטונג, און וואָרצלען פעסטע האָט ער און זאַפטיק שטייף איז זיין טראָט, און גיגאַנטיש זיין שוואונג, יעדעס געדיכט איז אַ פּראָבלעם, אַ געדאַנק, אַ בליץ

„דאָס מאַלפן-קינד פון אוראַלטע וועלדער
דערגרייכט האָט העכסטן געטער-טראָן".

און אויב ער האָט נאָך אַפילו ניט דערגרייכט, איז דאָס דראַפּן זיך צום דערגרייכן אויך אַ זאַך, און נאָר אַף יחידים, אויסערוויילטע, הויבט אָן זיך שפּיגלען דער הויכקייטס-בלויער שפּיגל, נאָר יחידים קענען זיך אויפהויבן העכער פון דער ערד.

און זיי באַגריסט און מוטיק זיי אין דיין קלעטערן „אַפן זונענטרעפּ"!

ז. פייגין.

צבי הירשקאן.

אַ פאַטאַלע געשיכטע *)

עס איז ל'חלוטין ניט איבערגעטריבן: פאַר אַלעמען כסדר אָן אַ שום אויסנאַם כמעט, סיי למשל פאַר די נאָענטע און סאַמע נאָענסטע פריינט פונם אינזשענער פאַרצעליי, דעם דירעקטער פון דער האָלענדעשער אייזן־פאַבריק אין מאָסק'וע, און סיי אַפילו פאַר זיינע גלאַט צופעליקע און סתם באַקאַנטע פון דער צווייטער רוסישער רעזידענץ, פראָפעסיאָנעלע און געשעפטלאַכע — איז בל־ויז דער עצם פאַקט גופא, וואָס ער אָט דער פאַרצעליי האָט פלוצלונג, אינם אָנהויב האַרבסט פונם יאָר טויזנט ניין הונדערט זעכצן, ממש עפעס ווי פון דער העל'ער הויט, גענומען און בפרהסיה צונויפגעבונדן זיך פונקט עפעס ווי צוויי גלייפע און פון אויביק אָן באַשערטע מיט דער העגריעטע בראָנזע, געווען בעת־מעשה דורכאויס עפעס אַ מין פ אַ ט אַ ל ע געשיכטע, וואָס לאָזט זיך אין קיין פאַל ניט פאַראויסזען אָדער שוין אַפילו פאָסט־פאַקטום לאָגיש באַגרייפן: אָט די גאַנצע געשיכטע, ווי זי שטייט און גייט האָט זיך איינפאַך קיינעם אַפן שכל ניט געלייגט.

און ווי אַזוי אַשטייגער, האָט זיך עס גאָר יאָ געקאָנט וועמען עס איז לייגן אַפן שכל אַזאַ ווילדע און בתוך אַזאַ אומגעלומפּערטע געשיכטע?...

באמת טאקע: דער אינזשענער פאַרצעליי אַ מאַן, וואָס לויט אַלע זיינע מאַנירן און גאַנצן לעבנס־טעמפּ, לגמרי עפעס אַן אוניקום־טיפּ. צום ביישפּיל: עס איז פאַר קיינעם גאָר קיין סוד ניט, אַז דער אינזשענער פאַרצעליי שטאַמט אַרויס פון זייער אַן אָרעמער און גאַנץ פשוט'ער יידישער משפחה. אַ טאַטע עפעס אַ שפּילעכלאַך־שניצער און זייגער־מייסטער ערגעץ־וואו אין אַ פאַרוואָרפן ליטווישן העק־שטעטל. אויך ווייסן אַלע אַז דער אינזשענער פאַרצעליי איז דורכגעגאַנגען כמעט דעמזעלביקן וועג, וואָס פיל רוסלענדערשע יידישע יונגע לייט אין זיין צייט, די סומנע צייט פון אַלעקסאַנדער דעם דריטנס ממשלה — האָבן דורכגעמאַכט. מיט דער ישיבה־באַנק און טאָג־עסן. אין ליטווישע שטעטלאַך האָט דער אינזשענער פאַרצעליי זיין קינדהייט אָנגעהויבן, און מיט עקסטערנערשער בילדונג און שמד צעטל נאָכדעם ביים אַריינטרעטן אין פעטערבורגער פאָליטעכניקום זיין יוגנט פאַרענדיקט. און דאָך קאָן זיך קיינער אַזש ניט אָפּוואונדערן פונם אינזשענער פאָרצעליס שטענדיקן און שטאָלצן גלייכגעוויכט און עפעס ווי פון געבאָרן, ממש לאָרדישער סאָלידקייט: שלאַנק און פעסט געבויט. שפּאַרזאַמדיקע און געציילטע טריט און זיכערע און וואַגיקע באַוועגונגען. תמיד אַפילו אין די גרעסטע היצן און אין וואָס פאַר אַ מסיבה עס זאָל ניט זיין, — אין אַ לאַנגן סורדוט אַריבער די קני און אַף אַלע קנעפּלאַך פאַרשפּילעט און אַ ברייטע שוואַרצע באָרד איבער דער פולער ברוסט אויסגעשפּרייט. — אגב, לויטן אויסערלאַכן אויסזען איז דער אינזשענער פאַרצעליי, אין אַלע פרטים כמעט, שטאַרק געראָטן אינם דאָקטאָר הערצל, ווי ער איז געמאָלט אָנגעלענטערהייט אַף דער

*) אַ קאַפּיטל פון אַ נייעם ראָמאַן „אינזשענער פאַרצעליי“. — רעדאַקציע.

פּאָרענצע פונם ריין־בריק, פּשוט א צווילינג, און שטענדיק וואו ער זאָל זיך ניט
געפינען איינער און דערזעלביקער: פונקט עפּעס ווי פון מרחקים אַ הויכגע־
שטעלטער גאַסט, וואָס האָט בלויז מחמר'ת איידעלקייט און צוליב טאַקטישקייט,
באַוויליגט אריינצוקומען. אָט אזוי סיי אַפן פאַבריק צווישן די אַרבעטער און אָנ־
געשטעלטע און סיי אפילו אף וויכטיקע אַסיפות פון פּאָליטיקער און געלערנטע
אָדער אַף חשוב'ע באַנקעטן פון גרויסע אינדוסטריעלער און קינסטלער, וואָס דער
אינזשענער פאַרצעליי באַזוכט גאנץ אָפט. היינט דאָס אַרט פירן זיך פונם אינ־
זשענער פאַרצעליי און זיינע נייגונגען בכלל, למשל: דזשענטעלמען פון ערשטן
ראַנג, וואָס ווייזט זיך קיינמאָל ניט אין דרויסן – און וואָס פאַר אַ צייט פונם
יאָר עס זאָל ניט זיין – אָן אַ צילינדער־הוט, און דערצו דער שטריינגסטער ווע־
געטאַריאַנער, וואָס אַפילו שיך טראָגט ער פון גומע. טרוימט פון הויכער אינדו־
סטרי און פון טעכנישע אַנטפּלעקונגען, וואָס ווען הימל און ערד אינאיינעם באַ־
העפטן, ממש פאַר'שכור'ט פון אייזן־און־קופּער־פאַרבן און פאַרהאַלט זיך טאָלס־
טאָי'איש־ביבליש צום דאָרף און צו ערד־אַרבעט. ראָמאַנטיקער פונם ענגלישן
פאַרלאַמענטאריזם און פונם ענגלישן אַרט דיינקען און איז אויפגעלייגט ליריש
און קרובת'דיק צו מורה'שער קלוגשאַפט און צו מזרח'שער דיכטונג. סוף־זומער
בערך די איבעריקע קאָלעגן פון זיין מדרגה, פאָרן זיך פאַנאַנדער אין פאַרשיי־
דענע אייראָפּייאישע קוראָרטן, לאָזט זיך דעמאָלט אַוועק דער אינזשענער פאַר־
צעליי עולה־רגל זיין, מערסטנטייל בכיון דוקא אַף די האַרבסט־חדשים, קיין כינע
אָדער טיבעט, וואו ער איז מנדב אַלע זיינע פאַרדינסטן, אגב גאנץ באַדייטנדע
פאַרדינסטן – פאַר בודיסטישע געבעט־הייזער און פאַר בודיסטישע חכמים, דורכ־
שטופנדיק זיך ניט זעלטן נאָכדעם אין מאָסקווע ערגעץ־וואו נעבן די פאַרכמאַ־
רעטע וואָראָביאָווער בערג ביי אַנ'אַלטער גלח'טע אַנ'אַלמנה אין נידעריקע און
שטילע ביליקע צימערן מיט איקאָנעס און רויכרנדיקע לעמפּעלאַך און מיט פאַר־
טיקע קעסט, פונקט עפּעס ווי אַ באַנקראָטירטער גביר אַ נעלם, און ווינטער־צייט,
בעת די גרויסע קאַלאַדעס ימים־טובים, ווען זיינע חברים און פריינט פאַרשפאַרן
זיך אין די לוסטיקע ספּעציעלע סאַנאַטאָריעס די נערוון אָפּפרישן און אַ ביסל
גלאַט אַזוי פאַרטומל־ען זיך – שליטלט זיך גאָר אַוועק דער אינזשענער פאַרצעליי
אַף אַ גוי'עש פורל אָדער שלעפּט זיך אַוועק מיט אַ מחנה אָנגעפּעלצטע פּיליג־
רימען, ס'רוב נאָענט דערביי אין אַ פּראַוואָסלאַוועשן „מאָנאַסטיר" אַלס גר און
וואַנדערער, וואו ער האַקט האָלץ און טראָגט וואַסער, שטודירט אַלטע איקאָנעס
און בלעטערט פאַרשימלטע יריעות, פירט לאַנגע און סעקטאַנטעשע שמועסן מיט
יונגע גלחים און אַלטע פּאַקוטניקעס וועגן עוואַנגעליום און קהלת, וועגן דעם
געטליכן סעראַפים און שפּינאָזען, אָדער אַזאַ סאָרט שטריך: אייגנטלאַך איז דאָך
דער אינזשענער פאַרצעליי אַ סקעפּטיקער בעצם פונם קאָפּ ביז די פיס און ממש
אויסגעוויי̆קט אין אפּיקורסות, איינמאָל אַפילו, אין אַ מאָדערן־קינסטלערישן
זשורנאַל, אַנ'אַרטיקל אָפּגעדרוקט, וואו ער האָט מיט פאַרשיידענע ראיות און
בקיאות געזוכט צו דערווייזן, אַז אַלע פילאָזאָפישע סיסטעמען און אַלע רעלי־
גיעזע שיטות, סיי פאַרצייטיקע און סיי איצטיקע זיינען בתוך, בלויז מאַנירן
אַזוינע און נאָר ט ע נ ע ר איינגעשטעלטע און איבערגעחזר'טע פון גאוה'דיקע

און באַגאַבטע עקשנים· און פֿונדעסטוועגן איז דער אינזשענער פֿאַרצעליי תמיד און כסדר גרייט אַזש דוכעֶנעֶנדיק צו בוקן זיך פֿאַר אַ מצבה־שטיינדל און פאַרוואַלגערט שעֶרבל פון עפּעֶס אַנ׳אַלט און הייליק אָרט צו וואָס פאַר אַנ׳אמונה אָט דאָס אָרט זאָל ניט געהעֶרן און בפועל־ממש טאַקע· אַ וועלט אַ גאַנצעֶ דורכוואַנדערן· כּדי נאָר מיט די אייגעֶנעֶ הענט און פֿיס אָנצוטאַפּן די עטלאַכעֶ איילן ערד· וואו ווער עֶס איז פון אָט די „עקשנים” האָט אַרומגעֶשפּאַצירט· און חוץ דעֶם אַלעמעֶן איז נאָך פֿאַרצעליי הגם ער איז בטבע ניט קיין בריה און האַלט אפילו נוט פון בריה׳שקייט· דעֶרביי אויך ניט קיין שלעֶכטער אַדמיניסטראַטאָר אַגב גאָר פון שיינעֶם און הויכן אַרט אַנ׳אַדמינעֶסטראַטעֶר מיט רעֶפאָרמאַטערשעֶ און הומאַניטאַרעֶ אידייעֶן און אַפילו מיט אַ באַהאַלטעֶנעֶם טרוים ווען עֶס איז צו זיין דער ראָבערט אָמעֶן פֿון רוסלאַנד, און דערצו איז עֶר פֿאַרצעֶליי אויך איינער פון די אָנגעֶזעֶהעֶנסטע אינזשעֶנעֶרן אין דער מדינה· וואָס האָט אין זיין לעֶבן אָן אַ צאָל בריקן און בנינים געבויט, קאַנאַלן און טייכן געגראָבן· באַנעֶן און טונעלן דורכגעפֿירט און וואָס האָט דער עֶרשטעֶר איינגעֶשטעֶלט עֶלעֶקטרעֶשעֶ סטאַנציעס אין דער גרויסער דאָרבעֶשער און פויערשער מלוכה צווישן די אוראַלטעֶ סקיפּישעֶ געֶצעֶלטן געֶדעֶקטעֶ מיט שטרוי פֿון דרויסן און באַלויכטעֶנעֶ מיט אָנגעֶצונדעֶנעֶ קינעלאַך פון אינעֶווייניק·

אָט דאָס איז דער אינזשעֶנער פֿאַרצעֶליי קויט זיין אויסזעֶהעֶן און תוך· און אָט אַזא סאָרט מהות־מעֶנש, וואָס איז פשוט עֶפּעֶס ווי געֶטאָקט און געֶפיילט פון פיינעֶם און אייגנאַרטיקן מאָזאַיש־אָרנאַמעֶנטן־סטיל וואו עֶר זאָל זיך ניט קערן און ווענדן, פֿאָרט זיך עֶס צונויף אַלס מאַן און פרוי אגב נאָכדעֶם, ווי עֶר האָט זיך אַלס אַ אַלטער בחור דערשטאַפּלט שוין כמעט ביז די פופציקעֶר· — מיט דער העֶנריעֶטעֶ בראָנזעֶ, אַ גרושה פון אַ מאָסקווער האַרבאַטן פּוילישן ווינקלאַדוואָקאַטל· אַ קליין דאַר ווייבעלעֶ מיט אַ פלאַטשיק מולאַטן־פּנים· און דיקעֶ פּעטעֶ ליפּן· שוין אַ גאַנץ באַ־אָרנטע און צוקנייטשטעֶ נאָר מיט חנ׳דלאַך און קליידונג פון גאָר אַ יונג מיידעלעֶ· עפּעֶס אַנ׳עֶקסצעֶנטרעֶש פאַרשוין, וואָס קיינער ווייסט ניט אַף זיכעֶר איר שורש און אפילו פון וואָס פאַר אַ נאַציע זי קומט אַרויס· פונקט ווי קיינער האָט ניט בעצם קיין ריכטיקעֶ השגה ווי אַלט זי איז אַנ׳ערך· אָט די העֶנריעֶטעֶ בראָנזעֶ· און וואָס סאַרוועֶרנדיק כסדר עֶפּעֶס מיט אַ מין תקיפות און חזקה· אַלס „הויז־ווירטן” אין „יאַר” או אין „סטרעֶלנע” אַף די „בחור׳שעֶ” בעֶלעֶר פון די לוסטיקעֶ מאָסקווער סוחרים און רייכעֶ אויסלענדער, אָנגעֶטאָן „פאַסטאָראַליש” לייעֶנט זי מיט אַ האָמועֶדיקן קוליכעל מאָנאָלאָגן גאַנצע ווענן דעֶם פראַכט און רום פון פּעֶרסעֶשעֶ און טערקעֶשעֶ האַרעֶמעֶן· וואו אין שוואַרצאַמעֶטעֶנער טונקלקייט ליגט דאָס ווייב· דאָס ריכטיקעֶ ווייב, דאָס קעֶפּס ווייב אַף פאַרשיידעֶנקאָליריקעֶ טעפעֶכער אויסגעֶשפּרייט, מיט בשמים אָנגעֶדופט און אויסגעֶשמירט און מורמלט פאַרשמאַכט און שווער עֶטעֶמעֶנדיק אַ געֶבעֶט צום נביא· עֶר זאָל ביישטיין אַז איר האַר און הערשער זאָל איר טירעלעֶ ניט אויסמיידן ·· אָט מיט דער העֶנריעֶטעֶ בראָנזעֶ האָט עֶס דער אינזשעֶנער פאַרצעֶליי אין מיטן דערינעֶן „אַ התונה אָפגעֶשפּילט”· און נאָך אין וואָס פאַר אַ מאָמעֶנט? אינם סאַמעֶ האַרבסט פונם יאָר 1916 איז עֶס פאָרגעֶקומעֶן· אינם

לעצטן און מהומה׳דיקן האַרבסט פֿונם צאַרישן רוסלאַנד׳ און אָפֿן דריטן יאָר פֿון דער וועלט־מלחמה׳ בעת אפילו פשוט׳ע מענשן און ניט אַזוי אַרנאַמענטיש־אויס־געסטיליזירטע מיט אַזוינע אויסדערווײַלטע מאַנירן און מיט אַזאַ פיינעם טאָן, ווי דער אינזשענער פאַרצעליי טראָגנדיק איצט כסדר אַף זיך און אין זיך די שווע־רע און ביטערע אבילות פֿון דער צייט מיט אירע טרויעריקע נאָכווייעניש און נאָגנדיקע פאָרגעפילן׳ האָבן זיך פשוט אַזש ווי געשעמט סײַ פֿאַר זיך גופא און סײַ פאַר לייטן צופירן וואָסערע ניט איז אָפֿענע און נאָענטע גראַנדעס מיט אַזאַ טיפֿ פרוי, ווי די הענריעטע בראָנזע׳ היינט טאַקע אַ פשיטא און אַ פשיטא שוין, האָט עס עפעס ניט געפאַסט און ניט געקלעפּט זיך צו אַזאַ סאָרט אדם, ווי דער אינזשענער פארצעליי גופא׳ נון איז עס דען ניט באמת אַ אַפּאַטאַלע געשיכטע? ווירקלאַך פאַטאַל׳ דורכאויס פאַטאַל׳ אפילו דער אינזשענער פאַרצעליי אַליין מיט זיין שטאַרקן חשק כסדר צו אַנאַליזירן יעדער תנועה זיינע און געפינען דעם זי־נען פון זיין קלענסטער באַוועגונג׳ וואָלט דאָ דאַכט זיך אויך ניט געווען ביכולת וואָס עס איז אויפדעקן אָדער דערקלערן׳ אינם בעסטן פֿאַל שוין, וואָלט ער אפשר געקאָנט בלויז איינפאַך דערציילן. דערציילן גאַנץ פשוט: כראָנאָלאָגיש און פאַק־טיש: ווען אַנ׳ערך און בּאַ וואָסערע אומשטענדן אַ שטײַגער אָט די געשיכטע האָט פאַסירט׳

– – – – – – – – – – – – – – – – – –

לייב גליצמאַן

ווען פרילינג שאַרט זיך...

וועלט׳—אַ בשורה – פרילינג שאַרט זיך!
ערד׳ פאַרהיל דיין שמוציק, מיסטיק
חורבה־פּנים
מיט רויט׳ מיט בלאָ מיט גרין –

האָט זיך זון שכור׳דיק צושמייכלט׳
האָבן גאַסן זיך צוטאַרעראַמט׳
האָבן ווייטן זיך צופּייקלט׳
ווינטל־שטיפער האָט אַין אויער מיר
פאַרשייט אַרייַנגערוימט:
– ווייסט׳ לייבקע׳ ס׳פרילינגט –
לעבסט; – – – –

יאָ׳ ווינטל׳ כ׳ווייס׳
הענט כ׳צי אויס – אָדלער פליגל,
פֿון מיינע אויגן שפּריצט אַרויס יוגנט־
פייער׳

אויף מיינע ליפּן צאַפּלען קלאַנגען
ניט דערזאָגטע׳ ניט דערלויטערטע׳ –
שכור׳ן מיר מיט תאוהדיקע רויקייט...
נו׳ וואָס אַרט מיך? פרילינג שאַרט זיך!
לעב איך

כ׳לאָז אין ווייטן זיך
קלאַמער פרילינגס־לצים אום
און דרייַ אַ וואַקכאַנאַליש רקוד
אויף וועלטישע חורבות...
פאַרהוליע הפקר׳דיק מיין יוגנט – – –

און קומט אַ איינער׳ פאַרקרימט די נאָז:
– „יונגער שנעק׳ ס׳איז וועלט פֿאַר דיר
קיין טאַנץ־זאַל!"
לאַך איך אויס אים חוצפה׳דיק פאַרשייט:
– אַלטער נאַר – ס׳פרילינג שוין! – – –

ה. בלאשטיין.

„וועלט־באַרג־אַרויף!".

(אַ פּאָר געדאַנקען וועגן אורי צבי גרינבערג).

נייַן, אורי צבי! — דו וועסט מיך בשום אופן נישט איבערצייַגן — אפילו מיט נאָך טויזנט „מעפּיסטאָס" און „וועלט־בּארג־אראָפּ"...

ווייַל איך גלויב נאָר אין דאָס, וואָס איך פ י ל; און דאָס, וואָס איך פארשטיי נישט מיטן האַרץ, קען עס בשום אופן מייַן מח נישט פארדייַען, מעג עס אפילו זייַן מאטעמאטיש־דערוויזן, ווי צוויי מאָל צוויי — פיר.

אָט אזוי בין איך שוין. איך ווייס נישט, ווי אַזוי און ווען; נאָר איינמאָל, ווען א פידל האָט זיך הארציק פארטרויט פאר בלויער נאכט און לבנה האָט געשפּרייט העלן זייַד מיר און מייַן געליבטער אונטער די זינגענדיקע טריט, האָב איך מיר פּלוצלונג אָן עפּעס די פוס געשטרויכלט — און דערפילט אַ זיסן ווייטיק אין ברוסט. און צו מייַן גרויסער, פריידיקער דערשטוינונג האָב איך דערזען, אז מייַן הארץ האָט מיין ברוסט צעשפּאָלטן און איז זיך אזוי משונה׳דיק צעוואקסן, אז עס האָט זיך מיר אונטער די אייגענע פיס געפּלאָנטערט — א בלוטיק גרויס שטיק זון... ווי קען שוין דאָ זיין א רייד וועגן קאלטן, אין פעסטע שארבנראמען אייַנגעצוימטן מח! — אייַזוואסער אויף אַ רויטצעגליטער זון...

ענטפער אויף יעדן וועלטריר מיין הארץ. אינסטינקטיוו. און איך פ י ל, אז וועלט גייט נאָר ב א ר ג ־ אַ ר ו י ף, זאָל זיין אפילו זיך אָפּט אויסגליטשנדיק און מיט צעבלוטיקטע פיס...

עך, ווען וועלט וואָלט טאקע געגאנגען בארג־אראָפּ און דערצו נאָך מיט אזא קאָפּשווינדלדיקן טעמפּ, ווי דו אורי צבי, מיינסט, וואָלט אינסטינקטיוו מייַן הארץ געיאָמערט מיט א יאוש־געוויין אויף וועלט־מול — ווי א קינד, ווען זייַן מאמע גוסס׳ט...

פארוואָס זשע בין איך גאָר פריילעך אפילו דענמאָלט, ווען מיינע קינדער שטארבן פון הונגער, ווען מיך אליין פארהאנדלט מען הינטער מיינע פּלייצעס פאר דרייַסיק טאָלער, ווען מייַנע ווייַבער טויטן זייערע קינדער אין בויך, טאָ־מער וועט פאר זיי קיין איבעריק שטיקל ברויט און קיין ווינקעלע נישט זיין אויף דער רייַכער ערד?...

און איך גלויב אין מיין גרויסער אינסטינקטיווער פרייד טויזנט מאָל מער, איידער אין געשליפענע טייַוולשע סאָפיזמען און היסטערישע „מיר־גייען־אונטער"־געשרייען, און —

„אני מאמין באמונה שלמה", אז ערגעץ אין די מאָרגנס שפּינט זיך דער גרויסער חלום פון וועלט־גאולה — און שפּרייט זוניקע טעפּיכער אונטער טריט פון אויפשטייַגנדיקער וועלט!

דו לאכסט, אורי צבי? איך בין א משוגע׳נער, וואָס ווארעמט זיך אינ־מיטן נאכט פאַר דער זון — — — מילא: איך קען דיר מיין אמת נישט דער־וויזן; אָבער דאָס באטייט נאָך נישט, אז דאָס איז נישט קיין אמת: ד ע ר ו י ז ע נ ע אמת׳ן באנקראָטירן אָפטמאָל נאָך גיכער, איידער נעפּלדיקע פאָרגעפילן...

און ווייסטו וואָס, אורי צבי? — אַפילו דיין „באַרג־אראָפ״ פארגרעסערט מיין פרייד; ווייל דאָס אליין, אן־און־פאר־זיך, איז שוין אויך א סימן אויף וועלטישן „בארג־ארויף״ — — —

איז דאָך שוין טויזנט מאָל איבערגע׳חזר׳ט געוואָרן, אַז דער דיכטער איז דער יושר פון זיין דור — — — און אויב נאָר דער דור — דער בעסערער טייל פון אים — פיל׳ט שוין אזוי בולט און ווייפול זיין שרעקליכע ירידה (ווי דו זאָגסט), איז דאָס שוין אַליין דער אָנהייב פון עלי׳ה, דער ערשטער שטאַפל פון גייַסטיקן אויפגאַנג... און אַז איך הער, ווי „דער מענטש שרייַט ביי דיר, און אַז איך זע דיך שטייענדיק „פאַרן צלם״, זע איך נאָך דייַטליכער, ווי עס שייַלן זיך אויס פון די פאַרנעפלטע ווייַטן די קאָנטורן פונם קומענדיקן משיח: גרויס און ליכטיק איז דער דור, וואָס קרייַציקט זיך אַליין פאַר זיינע זינד: ער וועט אַראָפ פון קרייַץ אַ געלייַטערטער!

און מען דאַרף נאָך נישט פאַר׳יאוש׳ן, אויב דאָס פילן נאָך לעת־עתה נאָר יחידים: יחידים זיינען דאָך אויך נאָר אַ טייל פון דער מאַסע, וואָס ציען (אָפטמאָל אומבאַוואוסטזיניק) די יניקה פון איר. דער גאָטגעבענטשטער יחיד פאָרמירט נאָר צו אַ אידייע די אומפאָרמיקע גייַסטיקע אויסדעמפונגען פון די מאַסע־טיפן. — — —

דער ווולקאַן וואָלט מיט פייער ניט שפייַען, ווען דער בויך פון דער ערד זאָל צעפלאַקערט נישט זיין!

אַ שאָד נאָר, אורי צבי, וואָס דו מיט דיין „כאַליאַסטרע״ זייט איר אַ ביסל צו קורצזיכטיק. דו זאָגסט אַליין אין „מאניפעסט צו די קעגנער״ („אַלבאַטראָס״ № 1), אַז איר זייט אַוועק פון דער רעוואָלוציע, ווייל זי האָט אויפגעהערט צו זיין דאָס, וואָס זי האָט געדאַרפט זיין (דער געשריי פון קרעאַטור א. אַז. וו.); אָבער ווען זי וועט צוריק נר־תעלדה ווערן, וועט איר צוריק זיין אין אירע ערשטע רייען... גלויבט איר, הייסט עס, יאָ, אַז ס׳איז נאָך מיגלעך „אַ באַרג־אַרויף״ אויך; דער היינט נאָר איז א פינסטערער, א בארג־אראָפיקער... צי ליגט נישט אַמאָל די גאַנצע אימה, דער געוואַלטיקער „בוי״, וואָס איר ווילט אָניאָגן אַף אונז, נאָר אין אייַער קורצזיכטיקייט? צי וואָס האָט איר פאַראַנקערט אייַערע שטורמדורשטיקע שיפן ביי די פלאַכע ברעגן פונם הייַנט?...

מיר דוכט זיך, אַז דער גרעסטער חיסרון פונם דיכטער (פאַר מיר איז דיכטער — נביא, פיקאָיאָף, דור־פירער) איז גראָד דער לאָזונג, וואָס איינער פון דער „כאַליאַסטרע״ האָט נאָך אַמאָל אַרויסגעוואָרפן און וואָס פיל קריטיקער האָבן עס, ווי אַן אבן־טוב אויפגעכאַפט אים צו דערהויבן:

„איך בין דיינער, אַצינד,
איך בין דיינער בלינד...״ —

דאָס הייסט: מיט דער אייגענער האַנט זיך אונטערשרייַבן אַ טויט־פסק; באַגרענעצן אַלע פערספעקטיוון נאָר מיט די ראַמען פונם היינט, הייסט: שטאַרבן מיטן הייַנט צוזאַמען. און פון דאַנענט שטאַמט אייַער שוואַרצער פעסימיזם: הייַנט איז נאַכט. וואָס וועט זייַן מאָרגן? — „פינסטער!״ מוז מען ענטפערן, נישט קענענדיק אויף אַ רגע אַריבערשפרייַזן די ד׳ אַמות פונם „אַצינד״, וואָס איז, צופעליק, שוואַרץ...

„ס׳איז אַ וועלט־בין־השמשות״ — זאָגסטו ערגעץ, אורי צבי. ליכט־און־שאָטן־געמיש. וואויל צו די, וועלכע קענען פון די שאָטנס אַרויסזויגן אַ טראָפּן שײַן — און שפּינען אַ באַגינען־לעגענדע; ווײַ צו יענע, וואָס דערטרינקען דאָס רעשט ביסל שײַן אין די שאָטנס און מאַכן זיי אַזוי פינסטער, אַז בײַ זונזוכער זאָלן די הענט זיך אַראָפּלאָזן — — — „אַ רחמנות אויף זייערע געמיטער, נע־בעך״ — מוז מען זיי זאָגן מיטן לשון פון „אַלבאַטראָס״ (נומער צוויי); ס׳ליגט אויף זיי די קללה פון אייביקע אבלות, ווי דו, אורי צבי, זאָגסט: „די אייביקע נאַכט פון אבלות״.

אורי צבי! דו האָסט אַקינדי, אָדער דו האָסט טאַקע ״דעם זוימען פון קינ־דער־האָבן אויסגיגאָסן אויפן ווייבס בויך„, ווי דו זאָגסט, און דו ביזט אינגאַנצן נאָר „שקיעה״?..

און בײַ מיר אין צימער איז גראָד אַ לאַכנדיק בלאָנד ייִנגעלע געווען, ווען איך האָב דײַן „אַלבאַטראָס״ געלייענט — און מיט צאָרן אים אָן דר׳ערד אַשמיץ געטאָן;

האָט דאָס קינד מיך געפרעגט: פאַרוואָס? דו האָסט דאָך אַזוי ליב ביכער? — האָב איך אים געענטפערט: אָבער דיך, קינד, האָב איך ליבער פון אַלץ אין דער וועלט!

אַז מײַן קינד וועט אויסוואַקסן און וועט אַמאָל פון אַן אַרכיוו די דאָזיקע, שוין דאַן פאַרשטויבטע, פּסעוודאָ־איוב־דיכטונג אַרויסציִען און עס דורכקוקן, וועט עס מיך פאַרשטיין —

מײַן קינד מוז און וועט גיין באַרג־אַרויף — דאָס איז דאָך מײַן נײַע קו־מענדיקע זריחה! — צו וואָס זאָל איך זײַנע רופנדיקע האָריזאָנטן פאַרשטאָפּן די מײַלער מיט שקיעה — און די פיס אים אונטערהאַקן?

צו פאַלט דיר נישט אַמאָל איין, אורי צבי, אַז דו דינסט אומבאַוואוסטזיניק דײַן אייגענעם „מעפּיסטאָ״, וועלכער האָט דיר בכיון אַוועקגעשטעלט אויפן וועל־טישן שיידוועג, אַז דו זאָלסט מיט דײַנע — אמת, ברייטע — הענט פאַרשטעלן די זון פאַר ליכט דורשטיקע גייער — — — און מײַן קינד וועט אויסקומען צו קעמפן נישט נאָר מיטן טײַוול, נאָר מיט דיר אויך, כאָטש דו אַליין ביזט אַזוי זונבענקנדיק, שפּרײַטנדיק די נאַכט — מיט דײַן פּסעוודאָ־איוב־יזם, —

איוב האָט דאָך אַ גוטן סוף! און איך מיין, אַז פריידיקן אומעטום און תמיד נאָר דעם טריומף פון שלעכטס, איז נאָך פאַלשער ווי דער שטענדיקער גוט־סופי־קער שמר׳יזם; דאָס איז דער שמר׳יזם אויף דער לינקער זײַט — אַ שוואַרץ־אײַנזײַטיקער, דער שקר פון עקרים, וואָס זייערע וואָרצלען פאַרנעמען זיך נישט ברייטער פונם „אַצינד״ — — —

כאַ־כאַ־כאַ! מלך ראַוויטש האָט דאָס געמיינט דיך, אורי צבי, אויך דאַן, ווען ער האָט פאַררעכנט פאַרן רבין פון די נײַע דיכטער דעם ליכטיקן אדלערראוויגיקן וויטמאַן? — — — וויטמאַן - דער רבי פון „באַרג־אַראָפּ״! ...

ווי זאָגט ערגעץ דוד איגנאַטאָוו: „די וועלט איז אַ מעשהלע״ — אַ וואונדערליכע פאַנטאַסטישע זון־און־וואלקן־מעשהלע, און אַלס אַזעלכע, איז זי ווי אַלע מעשהלעך, נענטער ווי צו אַלץ — צום פאָלקספּרימיטיוו — צו פּרק׳ס מעשהלעך, צום ענדליכן טריומף פון גערעכטיקייט אין „דין־תורה מיטן ווינט״, צו זײַנס אַ וויג־מעשהלע, וואו אויפן שפּיץ פון פאַרבלוטיקטן באַרג דערקענען זיך אַלע קלעטערער — און צעקושן זיך אין זונשײַן — — — צו דער ליכטיקער מעשהלע פון „וועלט־באַרג־אַרויף״!

קנוט האמסון.

אַלעקסאַנדער און לעאָנאַרדע.

דערציילונג.

אין מיין פאָטערלאַנד בילדעט דער ים אַ דורכגוס, וועלכער הייסט גלימאַ האָט דאָרט איין צייט געוואוינט אַ ציגיינער־יונג אַלעקסאַנדער. מיט דעם אַלעקסאַנדער איז מיר איין מאָל אויסגעקומען זיך דורכצוריידן אין פעסטונג אַקערכוס וואו ער איז געזעסן פאַר פאַרגוואַלטיקונג, און אָט לייען איך איצט אין די צייטונגען דער געפערלאַכער גזלן איז געשטאָרבן, די טורמע־לופט האָט אים געטויט.

ער האָט מיר דערציילט ווי ער האָט אַמאָל אַ מיידל געפטרט...

כ׳קלער היינט צופיל וועגן דער געשיכטע און הויב דעריבער אָן פון מיטן, כ׳וועל פרובן פון אָנהייב

באַ אונז אין צפון־לאַנד וואוינען גרעסערע און קלענערע פישער, א גרויסער פישער, דאָס איז אַ וויכטיקער מענטש, וואָס האָט אייגענע נעצן, אַן׳אייגענעם האַפן און אייגענע שפייכלערס. ער טוט זיך אָן אין אומגעוויינלאך ברייטע און דיקע קליידער, כדי אויסצווייזן, דיקער אַלס סימן אַז ער האָט מעגליכקייטן גוט צום עסן ער פאַרשפעטיקט קיינמאָל ניט צו צאָלן דעם גלח, אָדער צינזן, אַף יום־טוב בריינגט ער אהיים אַ גאַנץ פעסל בראנפן, ס׳איז קאָנטיק אפילו וואו ס׳וואוינט א גרעסערער פישער, זיין שטוב איז אַרומגעזען, אין רויט געפאַרבן מיט ווייסע טיר און פענסטער. זיינע זין און טעכטער דערקאָנט מען נאָך דעם, וואָס אין קלויסטער קומען זיי באַהאנגען מיט כל׳ערליי דימענטן און בריליאַנטן.

מאַכט זיך איינמאָל, אַז צו דער שיפלאַך־האַפן פון רייכן פישער יענס אָלאַי איז צוגעשטאַנען אַ גרעסערער ציגיינער־טאַבאָר.

געווען איז עס אין אָנהייב פרילינג, די ציגיינער זיינען געווען אַף אַן׳אייגענער גרויסער שיפל אונטער דער אָנפירונג פון אַלטן אַלעקסאַנדער זאַנאָזע אַ ריז פון אַ קלאָסטער די הויך:

און אין דער הויז פון רייכן יענס אלאַי איז געקומען פון דער שיף בעטן אַ נדבה, אַ יונגער, שיינער ציגיינער יונג פון אַ יאָר צוואַנציק, דאָס איז געווען דער יונגער אַלעקסאַנדער.

געטראָפן האָט עס ווען איך בין נאָך א קינד געווען. מיר קינדער האָבן אַלעקסאַנדערן גלייך דערקענט; בשעת ער איז אינגער געווען פלעגט ער זיך שפילן מיט אונז בייטן אונז קנעפלעך און שטיקלאַך מעטאַל. יענס אָלאַי, וועלכער איז געווען שטאָלץ און ערנסט, און קיינעם קיין מאָל גאָרנישט געגעבן, האָט באַפוילן די ציגיינער גלייך אָפפאָרן פון האַפן און קיין זאַך ניט געוואָלט זיי געבן, נאָר דער יונגער אַלעקסאַנדער, וועלכער איז געווען דרייסט און חוצפה׳דיק, איז געבליבן שטיין אַף זיין אָרט, אַפילו דאַן, ווען יענס אָלאַי האָט אים דריי מאָל כסדר געטריבן.

— „כ׳קען דיר געבן אַרבעט“ האָט לסוף געזאָגט יענס אָלאַי

— „וואָס פאַרא אַרבעט?“

— „דו וועסט פאַרריכטן קעסלען, טעפלאַך, און ווען מיר מענער וועלן

אַוועקפאָרן פאַנגען וועסטו העלפן מיין ווייב און טאָכטער.״

דער יונגער אַלעקסאַנדער איז אַראָפּ צו זיין שיפל זיך אַנ׳עצה האַלטן מיט ויינע, און זיך באַלד צוריקגעקערט אין הויז מיט א׳נעגטפער אַז ער קומט אָן דינען צום שטאָלצן יענס אָלאַי.

משמעות דער ציגיינער האָט זיך צוזאַמענגערעט מיט זיין פאָטער גוט ארומצוגנב׳ענען דאָס שטעטל.

שפּעטער אַז די טעג זיינען געוואָרן לייגער האָט זיך יענס אָלאַי מיט די זין אַוועקגעפאָרן זגט פאַנגען און אין הויז איז געבליבן נאָר זיין ווייב און טאָכטער: די טאָכטער האָט געהייסן לעאָנאַרדע און נאָך קיין פולע צוואַנציק ניט געהאַט. דער יונגער אַלעקסאַנדער האָט צו אַלץ געטייגט: פאַרשטאַנען אַף קראַנקייטן, געהיילט בהמות און קעסלען מיט פענדלאַך געפאַרריכט בריה׳דיק!

דעם באַל־עבאָס ווייב׳ כאָטש זי האָט שוין געהאַלטן באַ פערציק׳ האָט באַלד גענומען אַרויסווייזן אַ באַזונדער נייגונג צו אים, נאָר דער יונגער ציגיינער האָט געלאַכט — ער האָט שוין אַ ליבע אין פאָטערס שיפל און וועגן קיינעם אין דער וועלט אויסער איר וויל ער נישט טראַכטן.

ביטערע שעה׳ן האָט איבערגעלעבט צוליב אים די שטאָל־צע פישער־פרוי און האָט אָנגעהויבן היטן איר טאָכטער פון יונגן ציגיינער.

ס׳האָט נאָך די ערד נישט באַוויזן גוט אָפּצוגיין׳ האָט זי שוין געהייסן אַלעקסאַנדערן, ווייט אין פעלד טאָרף שניידן׳ בכדי צו האַלטן אים וואָס ווייטער פון הויז׳ נאָר אַלעקסאַנדער האָט געזונגען אין טאָרף־פעלד אומפאַרשטענדלאַכע לידער און געאַרבעט פאַר צווייען.

ער איז געווען אַ מאַסיווער, לעבנסלוסטיקער געצנדינער.

לעאָנאַרדע האָט זעלטן גערעט מיט אים.

ניט אָפט האָט לעאָנאַרדע גערעט מיט אַלעקסאַנדערן׳ אָ ניין !, זי האָט זיך עס גאָרנישט דערלויבט, לעאָנאַרדע האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן׳ אַז זי איז די טאָכטער פון יענס אָלאַי !

נאָר פרילינג איז אַזאַ געפערלאַכע צייט . . .

און׳ אַז ס׳איז גוט וואַרים געוואָרן, זיינען אַלעקסאַנדערס אויגן געוואָרן ווי שטערן און צייטנווייז פלעגט ער שוין צו נאָנט צו לעאָנאַרדען צוגיין׳ ווען ער פלעגט פאַרבייגיין דאָרפן.

פלוצלונג האָבן׳ אַף אַ אומפאַרשטענדלאַכן אופן גענומען פאַרפאַלן ווערן איינער נאָכן אַנדערן חפצים פון איר קעסטל.

דער שלאָס איז גאַנץ געווען און ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז דער דעק פון קעסטל שטייט אָפּ.

לעאָנאַרדע האָט באַשולדיקט אַלעקסאַנדערן׳ אַז ס׳איז זיין אַרבעט.

— „ניין׳ ס׳איז נישט איך״ — האָט ער געענטפערט — „נאָר איך קען דין העלפן דיינע חפצים צוריק באַקומען׳ בתנאי׳ דו זאַלסט לאָזן היינט אָונט דיין טיר אָפן״ זי האָט אַף אים שטאָלץ אַ קוק געטאָן און געענטפערט ;

„ווילסט מ׳זאָל דיך מאָרגן פון הויז אַרויסיאָגן ?

נאָר ציגיינער קאָנען אַזוי גוט אויסבעטלען, אַזוי אַריינגנבען זיך אין דער

נשמה, מיט די ראָזעֶ ליפּן, גלאַנציקעֶר הויט און טונקל ברוינעֶ אויגן...

און דערצו אַזוינעֶ געֶשיקטעֶ .אין ליבעֶ...

אַפן אַנדערן טאָג האָט לעֶאָנאַרדעֶ אין הויף געֶפלאָכטן נעֶצן, פאַרבייגיי־ עֶנדיק האָט זיך אַלעֶקסאַנדעֶר אָפּגעֶשטעֶלט און געֶזאָגט:

— „לעֶאָנאַרדעֶ, דערלויב מיך בלייבן, כ׳בין דאָך סײַ ווי אַפן טאָרף־פעֶלד כ׳וועל מעֶר קיינמאָל נישט זאָגן, וואָס כ׳האָב געֶזאָגט ס׳האָט געֶמאַכט אַנ׳איינ־ דרוק, זי האָט געֶוואָרפן אַ קוק אַף אים. עֶר האָט אַראָפּגעֶנומעֶן די היטל און איז געֶשטאַנעֶן, די האָר, רחמנות׳דיק אַראָפּגעֶהאַנגעֶן איבער די אויגן מיט רײַצנרעֶ ראָזעֶ ליפּן...

— „נו, כ׳וועל פּרובן" — האָט זי געֶענטפעֶרט, זיך איינגעֶבויגן איבער דעֶם אַרבעֶל און רויט געֶוואָרן.

דעֶר ציגיינעֶר האָט גוט געֶוואוסט וואָס עֶר טוט דערהויבנדיק ס׳יונג מיידל מיטן בעֶטן איר דערלויבן אים בלייבן אַפן טאָרף־פעֶלד. ר׳האָט איר נאָר אַ חנפה טאָן געוואָלט, גאַנץ גוט ווייסנדיק, אַז די מאַכט איז אין איר מוטערס העֶנט, נישט אין אירעֶ.

* * *

די טעֶג זיינען געֶגאַנגען.

דעֶם סטאָליאַרס זון קאָנראַד איז אַוועֶקגעֶפאָרן פון דאָרף און אַליין אַ סטאָליאַר געֶוואָרן. עֶר האָט זיין פאַך אין שטאָט זיך אויסגעֶלערנט און ווייט אַרום מים זיינעֶ אַרבעט באַוואוסט געֶוועֶן.

כאָטש עֶר האָט געֶוואוינט אַף יענעֶר זייט ים־דורכגוס, פלעֶגט מעֶן וועלנ־ דיק באַשטעלן אַ גוט־קעסטל — פאָרן צו אים.

איינמאָל איז אויך לעֶאָנאַרדעֶ געֶפאָרן צו אים.

אַלעֶקסאַנדעֶר האָט איר אַריבעֶרגעפירט איבעֶרן דורכגוס.

זי איז פאַרבליבן אַ לייגעֶרעֶ צייט באַם יונגן קאָנראַד און געֶשמועֶסט מיט אים וועֶגן נייעֶם קעֶסטל און אנדערעֶס.

זיי האָבן זיך נאָך פון קינדווייז געֶקאָנט.

אָפּוואַרטנדיק אין שיפל מעֶר ווי געֶוויינלאַך איז אַלעֶקסאַנדר אַרויס אַפן ברעֶג, צו צום הויז פון סטאָליאַר און אַ קוק געֶטאָן אין פעֶנסטעֶר...

גלייך איז עֶר אָפּגעֶשפּרונגעֶן און ווילד אַ לאָז געֶטאָן זיך אין הויז.

אַלעֶ דריי האָבן געֶקוקט איינעֶר אַפן אַנדערן.

דער ציגיינעֶר איז געֶוועֶן עֶנלאך אַף אַ ווילדן פעֶרד מיט אַ צעֶפלאָנטעֶר־ טעֶר גריווע און צעֶשפּרייטעֶ נאָזלעֶכער

— „יאָ, יאָ, כ׳גיי שוין" — האָט געֶזאָגט לעֶאָנאַרדעֶ — כדי צו באַרו־ היקן אים.

די מעֶנעֶר האָבן זיך אָפּגעֶמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס.

ביידעֶ יונג...

אַלעֶקסאַנדעֶר האָט זיך אינסטינקטיוו אַ כאַפּ געֶטאָן צום זײַט זוכנדיק אַ מעֶסעֶר, נישט געֶפינעֶנדיק אים האָט עֶר הכנעה׳דיק אַראָפּגעֶלאָזט די העֶנט, אָן

געוועקר איז א ציגיינער הילפלאָז, און מיט אַ מעסער אין האַנט איז ער דרייסט און ווילד ביז מאָרד.

דאָס איז געווען די ערשטע באַגעגעניש.

סוף וואָך האָט קאָנראַד געבראַכט אין שטוב ס'קעסטל. דער קעסטל איז געווען אָפּגעפּאָלירט און אַרומגעקלעפּט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט. דער שלאָס איז געווען אַנייער מיט אַ ספּעציעלן מעכאַניזם.

ווען לעאָנאַרדע האָט געוואָלט אַריבערלייגן אירע זאַכן אין נייעם קעסטל, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע פאַרפאַלענע חפצים, ליגן אין אַלטן קעסטל אַף זייער אָרט.

זיי ליגן אַזוי רואיק, פרידלאַך, ווי קיינער וואָלט זיי קיינמאָל נישט געטשעפּעט.

— „ווידער האָסטו עס געטאָן" — האָט זי אים געזאָגט.

— „ניין, נישט איך" — האָט דער ציגיינער געענטפערט, און צעלאַכט זיך, גאַנץ גוט וויסנדיק, אַז ס'וועט אים ווייניק וואָס העלפן.

קאָנראַד איז לאַנג געווען אין הויז. לעאָנאַרדע האָט קאַווע אויפגעקאָכט און אים מכבד געווען. דער ציגיינער האָט „טפוי" געזאָגט און אומבאַמערקבאַר אָנגעשפּיגן אין קאַווע־קענדל.

ער האָט אָפּגעהיט דעם סטאָליאַר בשעת יענער האָט זיך געקליבן אַ היים . . .

ווידער האָבן זיי זיך אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס.

אַלעקסאַנדער האָט געהאַט אַ מעסער.

— „אומויסט באַמיסטו זיך ציגיינער" — האָט געזאָגט קאָנראַד — „זי האָט מיך היינט אַ וואָרט געגעבן".

אַלעקסאַנדער האָט זיך אָנגעצונדן ווי אַ פייער און אַרויסגעכאַפּט דעם מעסער.

דער סטאָליאַר איז אַריינגעשפּרונגען אין שיפל, זיך אָפּגעשטופּט פון ברעג און אָפּפאָרנדיק אַ פּאָר קלאַפּטער אַ געשריי געטאָן, אַז ער וועט דעם ציגיינער אַרויסגעבן דער מאַכט.

* * *

די טעג זיינען געגאַנגען.

דער אַלטער אַלעקסאַנדער זאַנאָזע איז געקומען מיט זיין שיפל און געוואָלט זיין זון צוריק צונעמען, נאָר אַלעקסאַנדער האָט זיך אַנטזאָגט, זאָגנדיק אַז ער וויל דערדינען זיין צייט, און משמעות אָנגעדערציילט דעם פאָטער, אַז ער וויל נאָך מער אָנגנבענען אין הויז, ווייל די ציגיינער שיפל איז ווידער אָפּגעשוואומען און דער יונגער ציגיינער איז געבליבן.

אַלעקסאַנדער האָט געזאָגט לעאָנאַרדען:

— „די שוואַלבן זיינען געקומען צו פליען, צייט שוין דיך גיין מיט מיר אין האַפן ווייזן, וועלכע פעסלאַך צעניפּצוקלאַפּן און פאַרפּעכן פאַרן זומער־פאַנג"

זי האָט נאָך ניט געוואוסט מיט וועמען זי האָט צו טאָן; אָנעמענדיק אַ איראַנישן אויסזען האָט זי געענטפערט.

— „פאַרוואָס זשע נישט, מיט פאַרגעניגן!"

נאָר איר איראָנישע גרימאַסע איז שוין נישט פון גאַנצן האַרצן געווען. זיינע צווײדײטיקע ווערטער זיינען איר שוין נישט אַזוי ניט געפעלן געוואָרן ווי צום ערשטן מאָל, זי האָט געזען, אַז זיין ליבע ווערט פון טאָג פלאַמיקער.

זיי האָבן נישט באַוויזן אָפּצוזיין אין האַפן אייניגע מינוט, האָט אַלעקסאַנדער אַ כאַפּ געטאָן לעאָנאַרדען, איר ארומגענומען און עטלעכע מאָל הילכיק אַ קוש געטאָן אין די ליפּן.

— „בינסט פולשטענדיק משוגע" — האָט זי געזאָגט, אַרויסרייסנדיק זיך פון זיינע אָרעמס אַ רויטע, שווער אָטעמענדיק.

—„וועסט ווידער זאָגן, כ׳זאָל מיך מאָרגן אָפּטראָגן? — האָט ער געפרעגט. דעם מאָל האָט לעאָנאַרדע געענטפערט גאַנץ געלאַסן:

—„ס׳וועט אָפּהייגען פון דעם, ווי דו וועסט זיך פירן".

—„כ׳וועל עס מער קיינמאָל נישט טאָן" — האָט ער געזאָגט, זיין וואָרט האָט ער אָבער נישט געהאַלטן, ר׳האָט די גאַנצע צייט געלאַכט, געשטיפט און נישט אָפּגעשטאַנען פון איר מיט זיינע צערטלאַכקייטן...

און לסוף איז געקומען א טאָג, ווען לעאָנאַרדעס האַרץ האָט זיך גענומען נייגן צום טונקלהויטיקן געצנדינער.

זי איז בעסער נישט געוואָרן, נאָר דערפאַר איז איר קיין שטאָלצקייט נישט צוגעקומען.

אין די ערשטע וואָכן האָט ער זיך צו קיין זאַך נישט געקאָנט דערשלאָגן, נאָר אף דער פּערטער וואָך האָבן אירע אויגן גענומען קוקן אף אים צאַרט און מילד. בלומען האָבן זיך פונאנדערגעבליט און ס׳זיינען געשטאַנען ווייסע נעכט.

ענדליך איז זי געקומען אין פעלד און אראָפּגעלאָזן זיך צו אים אין טאָרף־גרוב מיטן מיטאָג, כאָטש זי וואָלט דאָס עסן אויסגעצייכנט געקאָנט אוועקשטעלן אפן ראַנד־גרוב, ווי שטענדיק. נאָר זי האָט עס געטאָן, כדי צו זיין וואָס נעענטער צו אים.

די מוטער איז שיער נישט משוגע געוואָרן פאַר איבערוּוּנדערונג און באַשטאַנען אף דעם, אַז דער סטאָליאַר האָט אף לעאָנאַרדען מער רעכט.

לעאָנאַרדע האָט געענטפערט, אַז אַזוי וועט עס זיין אויך ווייטער, און אליין געגאַנגען אין א זיסן טשאַד און געוויוּסט וועגן זיך עפּעס אַנדערש.

אָט דער ציגיינער אַלעקסאַנדער איז געשטאַנען אין בלאָטע־גרוב און געגראָבן טאָרף און זי פלעגט אראָפּגיין צו אים און זיך לאַנג אָפּרייסן נישט קאָנען פון זיין יונגער שיינקייט.

ס׳האָבן געטראָפן טעג, ווען דער סטאָליאַר קאָנראַד פלעגט איר אינגאַנצן אַרויספליען פון קאָפּ און מ׳קען נישט זאָגן, אַז די אָ טעג זאָלן האָבן געווען באַזונדערס אומעטיק.

אין מיטן פרילינג איז געקומען דער בעל־הבית מיט די זין פונם פאַנג. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן פרילינג־אַרבעטן, אין וועלכע אַלעקסאַנדער האָט אויך אָנטייל גענומען, כאָטש זיין טערמין האָט זיך שוין געהאַלטן ביים ענדיקן.

אלעקסאנדערן איז איצט שווערער געוואָרן צו טרעפן זיך מיט לעאָנאַרדען, ווייל אירע ברידער האָבן איר אויך נאָכגעשפּירט און דער סטאָליאַר קאַנראַד האָט בא אלעמען דערוועקט מיטגעפיל. חוץ דעם איז די ליבע אַזוי קאַפּריזנע, אַז מ׳ווערט איינער דעם אנדערן שרעקליך גיך צוגעגעסן ווען אלץ גייט כשורה.

און לעאָנאַרדע האָט זיך אָנגעהויבן לאַנגווײַלן מיטן יונגן ציגײַנער, און שפּעטער א ביסל זיך גענומען גרייטן צו דער חתונה מיט קאָנראַדן.

אלעקסאנדער האָט געזאָגט:

„דעם ערשטן טאָג, וואָס דער סטאָליאַר קומט אהער, טויט איך אים".

נאָר לעאָנאַרדען האָט שוין דער ציגײַנער צוגעגעסן און זי האָט אים ווידער מיט א איראָניע געענטפערט:

„אזוי גאָר! נו און וואָס זשע וועסטו טאָן דעם צווייטן מאָל?"

גראָד דאַן, ווען ס׳איז אויסגעפאלן דער לעצטער טאָג פון אלעקסאַנדערס טערמין, האָט דער סטאָליאַר בא זיך איינגעאָרדנט טענץ און לעאָנאַרדע האָט געראַפּט צו אים פאָרן.

— „שיף מיך אַריבער אפן צווייטן ברעג איידער דו פאָרסט אַוועק" — האָט זי געזאָגט.

„וואו קלייבסטו זיך עס" — פרעגט אלעקסאנדער.

— „דאָס דארף דיך נישט אַרן!" — ענטפערט זי.

אַלעקסאנדער האָט זיך שווייגנדיק גענומען פאקן, צעגויפגעפאקט זיינע זאכן אין א פעקל און געזאָגט:

„איך בין פארטיק!"

זיי האָבן זיך אראָפּגעלאָזט צום דורכגוס און אריין אין שיפל. דער דורכגוס גלײמא האָט זיך אופגעבלאָזן פון אײַזגאנג און אייז־וואסער און עס איז א געפאר געווען צו פאָרן איבער אים.

אלעקסאַנדער האָט געארבעט אַף די גארטלאך (וויאָסלעס), אָפּפאָרנדיק א ביסל האָט ער געזאָגט:

— „הייסט עס האָסטו מיט אים חתונה?"

— „יא" — האָט זי געענטפערט.

— „לעאָנאַרדע, נישט איך האָב עס גע׳גנב׳עט דיינע חפצים — האָט ער פאָרגעזעצט — נאָר דיין מוטער".

א סעקונדע האָט זי געקוקט אַף אים מיט ברייט־צעעפנטע אויגן און לסוף אויסגערופן:

— „וואָס רעדסטו?"

— „זי האָט אונז געוואָלט צוקריגן. נאָר איך האָב אונטערגעקוקט וואו זי באהאלט דיינע חפצים און האָב זיי צוריק דיך ארויסגע׳גנב׳עט".

— „זאָגסט אלץ ליגן!" — האָט לעאָנארדע געענטפערט און אים נישט געגלויבט.

דער ציגײַנער האָט געאַרבעט מיט די גאַרטלאך אַלץ אומפאָרזיכטיקער און נית געקוקט וואו די שיפל גייט.

— „און איך האָב דאָך דיר קיין שלעכטעס גישט געטאָן" — האָט ער ענדליך אַרויסגערעט — „כ׳וואָלט געקאָנט ווערן א מענטש, ווען דו וואָלסט עס געוואָלט!".

— „וואָס־זשע גייט עס מיך אָן!" האָט זי גאליק געענטפערט — „וואו פירסטו די שיפל? אונז טראָגט אַף אַ שטיין!

ער האָט די ריכטונג נישט געביטן...

דאן האָט זי הויך אויסגעשריען די זעלבע ווערטער.

ער האָט געמאכט אַ גיכע באַוועגונג, ווי וועלנדיק איר פאָלגן און איבערגעבראָכן א גארטל.

זיי זיינען געבליבן הילפסלאָז.

— „דו האָסט עס בכיון געטאָן" — האָט זי געזאָגט און צום ערשטן מאָל זיך דערשראָקן.

ער האָט געענטפערט:

— „נו יא! וועסט שוין לעבעדיק אפן ברעג נישט קומען".

אין א מינוט ארום האָט זיך דערהערט א הארצרייסנדער געשריי. די שיפל איז אָנגעשפּרונגען אף א שטיין און באַ איר איז דורכגעלעכערט געוואָרן א זייט. אין דער זעלבער סעקונדע איז דער ציגיינער שוין געזעסן אפן שטיין; ער האָט געזען, ווי לעאָנארדע האָט זיך עטליכע מאָל איבערגעקערט, דערנאָך האָט איר אופגעהויבן און אריבערגעוואָרפן מיטן קאָפּ אראָפּ, אַ ווײַלע האָט זי זיך געדרייט אין קעסל־גרוב און איז אַראָפּ צום גרונט.

מ׳האָט זיי באמערקט פון ברעג און דעם ציגיינער האָט מען מציל געווען.

און קיינער האָט נישט געקאָנט באַשולדיקן דעם יונגן אלעקסאַנדער.

בא אים האָט זיך א גארטל צעבראָכן, ער איז נישט שולדיק.

און דער אומגליק האָט געלויערט לעאָנארדען.

— — — — — —

די געשיכטע האָט מיר דערציילט אלעקסאַנדר אַליין אין פעסטונג אקער־כוס, וואו ער זיצט פאר פארגוואלטיקונג.

ייִדיש — דוד גלאָבוס.

* * *

י׳ גאָטפּאָרשטיין

וואָס מיין אויער קען דערהאָרכן:
ווייטקייט!
וואָס מיין אויג נאָר קען באַמערקן:
ווייטקייט!
וואָס מיין האַרץ נאָר קען דערשפּירן!
ווייטקייט!
און קאָפּ אַזוי ווייט איז פון האַרץ ...
און האַרץ אַזוי ווייט איז פון קאָפּ
און איך אַזוי ווייט בין פון זיך.

ווייטקייט!
מאַנכמאל ווערט די ווייטקייט רויט
מאַנכמאל — בלאָ
מאַנכמאַל — גרין
און האַרץ אַזוי ווייט איז פון קאָפּ
רויט און בלאָ און גרין.

אהרן שלעז

פאַרוואָס ?...

שטייט דער שאָטן ווי אַ שווערער וואָלקן אויף מיין לעבנסוועג.
זיינע אויסגעשפרייטע פליגלען ליגן אויף מיין נעכטן,
לויערן אויף מיין היינט. —
נעם איך מיין צושראָקן האַרץ אין די בלאַסע הענט.
קוש זי און פרעג:
— וועלכע פלאַמען האָבן דיך פאַרברענט ?
קוסט זי מיך מיט אירע גרויסע, שוואַרצע ל־עכער אָן
און שרייט:
— ווייט, ווייט איז נאָך דיין וועג צו זיך!
לאָז מיך אָפּ! איך וויל ניט זיין אין תפיסה פון דיין קראַנקן לייב פאַרשפּאַרט;
מיט מינוטן־אייביקייטן האָסטו מיך גענאַרט!
פאַל איך אויף די קני און קוש די ערד
און טרינק דעם זאַפט פון אירע פולע גראָזן
און סוד'ע שטיל:
— מאַמע, מיין האַרץ וויל מיך פאַרלאָזן, —
פאַרוואָס ?!...

---

* * *

ד. גרינשפּאַן

מיין האַרץ איז דורכגעווייקט מיט גרינס
מיין אויג איז דורכגעזאַפּט מיט רעגנ־
בויגן

מיינע פערזן דופטן
מיט געוויטער אַראָמאַטן.
פרילינג קינד.
איך זע אַ זון.
איך קוק אַף איר מיט ברייטע אויגן.
מיין קאָפּ — איז זון
איך בין די וועלט.
און אַלץ וואָס זינגט — מיין עכאָ.

איך זיי פאַנאַנדער בלומען
אַף די פעלדער.
ס'בליט.

איך ליב. איך לעב.
אַ גרינער שטראַל.
אַף טישן שטייען בלומענטעפּ
מיט בונטע אויגן.

מיין ליד איז יונג.
די שטאָט — אַ קבר.
דער הימל — מיין פּאַליטרע:

א. פעלדשטיין.

צו א פרוי, וואס איך האב געזען דעם ערשטן מאל.

קום מיט מיר!
פרעג ניט וואוהין און צו וואָס.
דו ביזט פרוי, איך בין מאַן,
דאָס איז גענוג.

עס פרעגט ניט די זון דעם טאָג ווען זי לייכט,
עס פרעגט ניט ס'גרעזל ס'פעלד ווען ס'גרינט,
אויך דו זאָלסט ניט פרעגן;
האָסט שולטערן, בריסטן, האָסט תאוה גענוג,
האָסט אויגן, און ליפּן און פלאַמיקע באַקן,
ניט קוק וואָס היינט זיינען זיי בלאַסע—
דו ציטערסט מיין שוועסטער? אין פרילינג איז קאַלט דיר?
אַ, שעם זיך! וואָס קלערסטו?
טוליע זיך פעסטער צו מיר, וועסט מענערשע בלוטן דערפילן!
זעסט —
גרינגראָז אויף סקווערן, די ערד איז צעמיידלט,
און בלוי איז דער הימל,
זאָג וואָס איז בלויער, הימל צו אויגן?
דו ווייסט ניט, איך ווייס ניט, צו וואָס איז דאָס וויסן?
די ערד אונזער מאַמע זי לאָזט אונז געריסן!..
און רופט אונז און שלעפּט אונז—ס'איז פרילינג דו ווייסט דאָך!
דו פילסט דאָך —
די לאַנקישע ערד זי וועט אונזער בעט זיין,
די זון וועט פאַרקוקן זיך אַף ערגיץ אַ בליאונג —
און מיר?

קום מיט מיר!
פרעג ניט וואוהין און צו וואָס?
דו ביזט פרוי איך, בין מאַן,
דאָס איז גענוג.

פרילינג 1923.

ז. קלונימוס.

אינטימע לידלעך.

י. ש.

I

כ'בין א טאַטע פון צוויי קינדער,
זאָג מיר, שווארצע, נו איז וואָס ?
האָט מײַן טאָכטער שווארצע אויגלאך,
ליב איך פלאַמיק שווארצע מיידלאַך,
מישט זיך פאַרבן : גרין, גרוי, ראָז,
האָט מײַן אינגל קרויזע לאָקן,
האָב צו קרויזע איך א תשוקה,
כ'ווייס קײַן מאָס !
כ'בין אַ טאַטע פון צוויי קינדער —
נו איז וואָס ?

כ'בין פון לאנג שוין א באַווײַבטער,
זאָג מיר, שווארצע, נו איז וואָס ?
אויסגעשטיקט ביז איינעם אַלע נעכטנס,
דרײַסיק יאָרן, ווי די קעלבער —
מײַנע נעכטנס;
אָפּגעבונדן, ווי טאַבונען זיי צולאָזן
מײַנע שטיפערישע הײַנטן —
יונגע, דרײַסטע, שטאַרקע, בליען
מײַנע הײַנטן !

כ'האָב פאר זיי פון בלויען מירמל־
אויסגעבויט אַ שלאָס;
ווײַב איז ווײַב, און מאן איז מאן,
שווארצע, בלײַב ! ס'איז לוסט פאַראַן !
אין זומער גרינער גרינט דאָס גראָז...
כ'בין פון לאנג שוין אַ באַווײַבטער —
נו איז וואָס ?

ס'איז מײַן קאָפּ מיט גרוי באַזילבערט,
זאָג מיר, שוואַרצע, נו איז וואָס ?
איז לבנה — מיר אַ שוועסטער,
הימל לויטער — מיר אַ ברודער,
אין זילבערטאַצן וועל איך פויקן
אַז די פויק זאָל פלאַצן !
און דו, ציגײַנערקע, גיס אָן דעם כּס !
טריף דײַן גיפט אַרײַן אין בעכער !
שמאָקצע אויס'עט מײַנע זאַפטן !
לאָז א צײַכן און פארלאָז !
זאָגסט, מײַן קאָפּ איז גרוי באזילבערט,
נו איז וואָס ?

II דרײַ פלאָנטערן זיך ארום מיר...

באַ מיר פלאָנטערן זיך דרײַ אונטער
די פיס.
ס'איז מיין פרוי אַ טרײַע וועכטערן מיר,
מיין פריינדין — אַ צאַרטע געליבטע
מיר,
מיין טאָכטער — א טרייע שוועסטער
מיר,
וועמען ליבן ? וועמען האַסן ?
אז דרײַ פלאָנטערן זיך אַרום מיר...

דרײַ פלאָנטערן זיך אַרום מיר —
איינע לבנה'עט מיר דעם טאָג,
ס'צווייטע וואָלקנט מיר די נאַכט,
און די דריטע, אָ, די דריטע
טאנצט אַרײַן אין מיין פאַרטאָג —
און צופלאָנטערט מיר די לידער,
וואָס בלוי־פאַרטאָג מיר ברײנגט
אין שלײַער,

וויש איך אויס'עט מײַנע אויגן
די פאַרשטויבטע פון די זאַמדן,
וואָס טאָג פאַרגרויטער שיט אָן זיי —
און געפין —
דרײַ פלאָנטערן זיך ארום מיר...

דרײַ פלאָנטערן זיך ארום מיר...
וועמען ליבן ? וועמען האַסן ?...
כ'בין פארפלאָנטערט אין אַ נעץ;
און איך ווייס ניט וועמען דינען,
ווער איז גאָט, און ווער איז געץ ?
מײַנע פעלדער ניט צעאַקערט
ס'מישט זיך אויס'עט
זונען־שמייכל, וואָלקנטרויער —
דרײַ פלאָנטערן זיך אַרום מיר...

„וואַקאַרושקעס״.

מרדכי יאפע.

קאַפּיטלען פון א ראָמאַן.

(סוף).

ב

דעם צווייטן זונטיק, באַ קי - מעלקן, האָט די „אַכמעסטרינע״ אָנגעזאָגט שרה׳קען, אַז היינט וועט מען די „וואַקאַרושקע״ מאַכן אין „ברויז״, באַ נאַסטיען. זי האָט איר אויך איבערגעגעבן, אַז איצטער וועט זיין זעהר פריילאך, מ׳האָט צו־געזאָגט צו קומען פון די אַרומיקע דערפער. און אַז יוזי האָט גע׳פועלט באַם „פּאָניס״ (פריץ), ער זאָל מאכן די סעודה אף זיין רעכנונג.

שרה׳קע איז אַוועק אַהיים אַ פאַרקלערטע. אַפן גאַניק האָט זי געטראָפן זיצן די אַלטע מאַזעלעניכן, אַט די דאָזיקע גוטינקע גויה, מיטן געקאָרטשעטן פנים און שמייכלענדע אויגן, אַף וועמענס הענט זי און אַלע קינדער האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט. זי איז געזעסן שטיל, איינגעקנוילט. נעבן איר אַ גרויסער אָפּ־געשפּאָלטענער לאַדיש און ווי שטענדיק האָט זי געקוקט און אומעטיקלאָך געשמייכלט.

— לאַביש דיען, מאַמנושע! — האָט זי שרה׳קע באַגריסט.

די אַלטיטשקע האָט זיך אויפגעהויבן, אויסגעשטרעקט די דינע, ברוינע הענט, זי ארומגענומען און געקושט אין די אָרעמס.

— אַ גוטער יאָר, טעכטערל... פון וואַנען גייסטו דאָס אַזוי פרי?

— באַ די קי געווען, מאַמאַשע.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן איר, און הויך, מיט אַ פרישן מונטערן קול ווי פאַר אַ טויבער, האָט זי איר אויסגעפרעגט פון אַלע זאַכן. אין דאָרף וואָס הערט זיך באַ זיי... און וואָס איר מאַן, דער אַלטער מאַזעלענאַס... באַקומט זי בריוו פון איר עלטערן זון, דער וואָס איז אין פּעטערבורג... און האָט זי נאָך יענע ראַבע הון, וואָס פלעגט לייגן די גרויסע אייער...

די גויה איז געזעסן און האָט ניט אַראָפּגענומען קיין אויג פון איר. זי האָט געהאַלטן איר האַנט, געגלעט און דערציילט איר שטיל, מיט אַן איינגע־האַלטענעם אָטעם און מיט התפּעלות פון אַלץ, וואָס זי האָט נאָכגעפרעגט. און אַ סך, אַ סך זאַכן, פון וואָס נאָר די אלטע מאַזאַלעניכע האָט געקאָנט וויסן און נאָר זי האָט געקענט דערציילן... שרה׳קע האָט זיך מיט איר געפרייט, פונקט ווי אַ קינד פרייט זיך, ווען אַ רייכע מומע קומט צו גאַסט און נעמט שלעפן פון די פעקלאַך אַלערליי צאַצקעס און שפּילוואַרג... זי האָט געפּאַטשט מיט די הענט און געלאַכט מיט א הויכן, יונגען געלעכטער. די אלטע גויה האָט זיך געשמאָלצן פאַר נחת, און אַלץ מערער איז געוואַקסן איר התפּעלות:

— אַזוי?... אַזוי?... האָט דער טאַטע ניט געלאָזן פאָרן אין שטעטל?... אַ שאָד טאָכטערל... דאָרט איז דאָך אַווינע שייניקע „קאַוואַלערן״ פאַראַנען... טצאַ־טצאַ־טצאַ...

זי האָט מיטן צונג געקלאַפּט און איז געווען אַזוי צופרידן און אין התפּעלות פאַר יענע שטעטלדיקע קאַוואַלערן, אַז שרה׳קע האָט זיך געמוזט פונאַנדערלאַכן...

– ס׳מאַכט ניט אויס׳ מאַמאַשע׳ מיר האָבן דאָ אויך קאַוואַלערן ··· אָט ווערט היינט אַ „וואַקאַרושקע״ זיין ··· וואָלסטו נאָר זען!

די גויה האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

– זאָל דיך גאָט העלפן׳ טאָכטערל! ביזט דאָך ווי אַ בלימעלע שיין ··· און אַזאַ גוטע׳

– וואָס – בין איך טאַקע אַ שיינע? – האָט שרה׳קע ווייך און טשיקאַווע אַ פרעג געטאָן און זיך אַוועקגעשטעלט קעגן איר מיט איר הויך׳

– אַף איר אַזאַ יאָר, טאָכטערל ··· ביזט דאָך אַ „פּאַניעלע״ (פריצ׳טע) ··· אין „פּאָקאָיעס״ פּאַסט דיר צו זיין׳

– כאַ־כאַ־כאַ! – ד־האָט שרה׳קע געלאַכט, און אין איר לאַכן איז געווען אַ פאַרקלערטקייט׳ דוכט׳ צום ערשטן מאָל האָט עס איר אי געפרייט אי באַנג געטאָן דער געדאַנק, אַז זי׳ שרה׳קע איז „ווי אַ בלימעלע שיין״ ··· זי האָט זיך אויפגעהויבן און אריין אין שטוב׳ נאָך איר – די אַלטע מאַזולעניכע׳

*

דעם גאַנצן טאָג איז זי געווען פאַרנומען׳ זי האָט „געשלאָגן״ פּוטער׳ די עופות צוגעזען׳ אַריינגעכאַפּט זיך צייטנווייז אין קראָם העלפן דער מאַמען׳ זי האָט געשמועסט מיט פּויערים וואָס זיינען פון „שטעטל״ געפאָרן און זיך אָפּגעשטעלט באַ זיי׳ זי איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פרייען יאַקל און פאַרקאַשערטע אַרבל׳ די האָר האַלב פונאַנדערגע־אָזט און האָט פלייסיג געאַרבעט, כמעט אָן אָפּרו׳

פאַרנאַכט צו, קוים איז דער שטויב פון די פאַרביי פאָרער קלענער געוואָרן און די קי האָבן גענומען בלעקן אַהיים׳ – האָט זיך שרה׳קע אַן עמער וואַסער אַריינגעטראָגן, אויסגעטאָן זיך דעם יאַקל און אַרומגעוואַשן דאָס האַלדז און פּנים מיט פרישן וואַסער. דערנאָך האָט זי גענומען דעם שפּיגעלע און זיך געשטעלט פונאַנדערקעמען די האָר ··· זי האָט געקוקט אין שפּיגל און אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אַף אירע ליפּן: „ווי אַ בלימעלע שיין ··· און עפּעס אַ מאָדנער געדאַנק איז איר פלוצלונג אַף זינען אַרויף: ווער פון זיי ביידן איז שענער – זי אָדער נאַסטיע? ··· דערשראָקן האָט זי זיך פאַר דעם דאָזיקן געדאַנק, נאָר לייגער פאַר אַלע מאָל האָט זי געקוקט אין שפּיגל און וועגן עטוואָס געטראַכט ···

דערנאָך האָט זי די האָר פאַרפלאָכטן מיט אַ רויטע לענטע׳ האָט אָנגעטאָן די קורץ־אַרנע קליידל מיטן ראָזאָוון שלייף׳ אַרויפגעוואָרפן אַ טוך, און זיך געלאָזט צום „הויף״׳

עס איז שוין געווען טונקל׳ אַפן גאַנצן וועג וואו זי איז געגאַנגען האָבן זיך געשפּרייט טונקעלע ווייכע פאָרראַנגען ··· זיי האָבן זיך אויסגעלייגט אַפן שטח פון הימל און ערד און האָבן זיך אַוועקגעוויקלט אַזש ביז דעם אָרט׳ וואו דערפער האָבן גערוט ··· פון דער טונקלקייט האָבן זיך אַרויסגעשניטן פונדערווייטנס די ווייסע בנינים׳ וואָס זיינען אין אַ גרויקייט פאַרוואַנדלט געוואָרן׳ און איין בנין, אַ הויכער און אויסגעשטרעקטער, ווי אַ ריז׳ האָט היימלאַך געבליצט פונדערווייטנס מיט פייערלאַך ···

עס האָט זיך דערהערט אַ בילן פון הינט ··· אין דער נאכט האָט עס אויסגעוויזן, אַז זיי זיינען זעהר ווייט ··· זייער עכאָ האָט זיך גערייצט ··· נאָר שרה־פּעס אויער האָט פאַרנומען דייטלאַך די קרייזלדיקע קלאַנגען פון אַ האַרמאָשקע און דרייסט־דומפּע קלעפּ פון אַ פּויק ·· און וואָס נענטער זי איז צוגעקומען, דאָס הילכיקער האָט עס זיך געטראָגן צו איר און שטאַרקער האָט אָפּגעענטפערט אָף דעם איר האַרץ·

זי איז געווען נעבן „ברויז“· אַ טופּן פון פיס ··· געלעכטער ··· געשרייען· אַ הייסע פאַרע האָט איר אַ שלאָג געטאָן אין פּנים· זי איז אַרויפגעגאַנגען דעם ברייטן, געמויערטן טרעפּ··

די טירן זיינען געווען ברייט צעעפנט·

איבערן לאַנגן פאָרהויז און אין שטוב איז געשטאַנען אַ נעבל פון רויך און פאַרע· די ווענט זיינען געווען נישט געקאַלכטע און פאַרשוויצט· דער לאָמפּ האָט געוואָרפן אַ מוטנעם שיין· וואָס האָט געציטערט פון הייסקייט און באַוועגונג· נאָר אין מיטן הויז זיינען אראָפּגעהאַנגען פון סטעליע גירלאַנדעס בלומען און גרינסן־קרענץ· באַקרענצט מיט בלומען איז אויך געווען אין ווינקל די קליינטשינקע איקאָנע מיט דעם אויסגעמאַגערט־הייליקן פּנים ···

די שטוב איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן· עס זיינען געוועזן אַלע פון „הויף“· די „אַכמעסטרינע“ אַן אַלטע מויד מיט אַ געשטופּלט פּנים· אַ דיקע מיט אַ פּאָר שטענדיק זיך באַוועגנדע בריסטן, האָט געטאַנצט מיט אַ יונגן שייגעץ ··· זי איז געווען אין אַ ברוין־געוואַנטן קליידל· וואָס האָט זיך פאַלדיק און ברייט צעשפּרייט אַף דער ערד און געבראָכן זיך פאַר שווערקייט ··· און איר ווייסע, אָנגעקראָכמעלטע פאַטשיילקע מיט די געשטריקטע „שפּיצלאַך“ איז איר· טאַנצענדיק· אראָפּגעפאַלן אַף די פּלייצעס און אַנטפּלעקט אירע קורץ־פאַרקעמטע· פלאַקסענע האָר ··· ס׳איז אויך געווען אַניעלקע· די „פּאָקאָיאָווע“ אַ פּויליש מיידל· וואָס פּודערט זיך· פּוצט זיך. מאַכט נאָך דער „פּאַני“· און האָט אַ שם אין טאַנצן· איר קאַוואַלער איז געווען ־ פּעטקאָ· דער זעלביקער פּעטקאָ באַליישיס· וועלכן זי האָט פאַראַכטאָגן אַ פּאַטש געטאָן ··· איצטער איז ער ווייניקער שכור געווען ווי דעמאָלט· און האָט איר זעהר קונציק און פלינק נאָכגעהאַלטן· עס איז אויך געווען אנטאָשקע דעם פערד־היטערס זון· וואָס האָט געטאָן שטענדיק צוויי מלאכות: געשפּילט אַף אַ האַרמאָשקע און געטאַנצט· איצטער איז ער געזעסן און געשפּילט· ער איז אַזוי פאַרטאָן געווען מיט דער האַרמאָשקע און מיט אַזאַ כונה געדריקט יעדע קלאַוישל — אַז דער שווייס האָט געקאַפּעט אים איבער דער נאָז און אַראָפּגעקייקלט זיך איבער דעם קונציג־געבלימלטען טיכל· וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון זיין אויבערשטע קעשענקע ··· עס איז אויך געווען דער זעלביקער פּלייטיסט — אַ באַווייבטער פאַראָבאָק· וואָס האָט זעלטן ווען אַ וואָרט אויסגערעדט, נאָר געזעסן און געטרילערט ווי אַ פייגל ··· און פיל זיינען געווען פון דאָרף געקומענע שיקסעס און בחורים· עס איז אויך געווען יוזי. ער האָט ווידער אַמאָל געטאַנצט מיט נאַסטיען· זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ליינגלאַך ציצן קלייד און אַריבערגעהאַנגענע בליוזקע, די האָר פאַרקעמט אין צוויי צעפּ און מיט אַ פאַרביקע סטענגע אַרומגעזוימט דעם שטערן· ער — אין זיין איינגע

בלוי־אַרומגעזוימטע טוזשורקע מיט דעם שטייפן קרעגנדל, קורץ־געשאָרענעם קאָפּ האָר און ווייסע מאַנזשעטן.

שרה׳קע איז געשטאַנען אַ ווײלע אָן אַ זייט און געקוקט. דערנאָך איז זי אַריינגעגאַנגען. ואַסטיע, אַלס באַלעבאָסטע איז צוגעגאַנגען צו איר די ערשטע. דערנאָך איז אויך צוגעגאַנגען יוזי... נאַסטיע האָט זי אַרומגענומען און געדאַנקט פאַרוואָס זי איז געקומען. איר זיס־הנ׳עווריק פּנים מיטן קליין אַרויפגעריסן נעזל האָט זיך ווי געראָוויטלט. די שטילע, העלע טויאַן־אויגן האָבן שרה׳קען באַטראַכט מיט נייגעריגקייט... זי האָט געקוקט אף איר און באַטראַכט איר פון קאָפּ ביז די פיס, פונקט ווי זי וואָלט איר דעם ערשטן מאָל געזען. נאָר ווען יוזי האָט פאַרוויכערט דעם לאַנגן פּאַפּיראָס און האָט גענומען ריידן מיט איר הויך און באַטאָנט, האָט נאַסטיעס בליק זיך פאַרטונקלט און ס׳האָט א לייכטער ציטער געטאָן די אייבערשטע ליפּ... זי איז אַוועק פון זיי און געלאָזט ביידן ריידן.

יוזי האָט זי געפרעגט:

— איז די „פּאַני" געקומען אַליין? האָט זי ניט מורא צו גיין אַליין באַ נאַכט?

שרה׳קעס אויגן האָבן אויפגעבליצט:

— מורא? פאַר וועמען זאָל איך דען מורא האָבן?...

— אָט אַ שטייגער מען זאָל דער „פּאַני" נישט צו׳גנב׳ענען... האַ? האָט זי נישט מורא, מ׳זאָל איר צו׳גנב׳ענען? — און יוזי לאַכט. זיין געלעכטער איז אַ ווייכער, אַ קורצער. נאָר די אויגן בלאָנדזען אַרום אַזוי גוטמוטיק און שטיפעריש, און זיין פאָזעדיקער רויכערן און אויסשטעלן זיך מיטן בויך פאָראויס, איז אַזוי גוטמוטיק און בנעימות׳דיק, אַז עס ווילט זיך מיטלאַכן... און ער דערציילט פאַראיינס עפּעס אַ מעשה, אַ שטיק׳ע מעשה וועגן נאָך אַ מיידל... דאַכט זיך זי האָט אויך סאַרקע געהייסן... און אָט דאָס מיידל איז געווען אַזאַ שיינע „קאָכאַנעטשקע", אַז מ׳פלעגט זיך אָפּשטעלן קוקן אף איר... איז זי איינמאָל געגאַנגען באַ נאַכט אַליין, איז מען אָנגעפאַלן אַף איר, אַרויפגעוואָרפן אַף איר אַ שוואַרצן מאַנטל און אוועקגעפירט איר ערגעץ ווייט־ווייט, ביז היינטיקן טאָג... נו, איצט פאַרשטייט זי שוין, פאַרוואָס יונגע „קאָכאַנאָטשקעס" טאָרן ניט גיין אַליין באַנאַכט?...

זיי לאַכן ביידע. נאָר באַלד ווינקט ער צו און באַווייזט איר, אַף א טאַנצענדיקע פּאָרל. דער „קאוואַלער" האַלט אַזוי פעסט אַרומגענומען זיין „דאַמע" פאַר דער טאַליע און זי אים — פאַר דער פּלייצע, אַז עס דוכט זיך, אַז זיי זיינען ביידע הילצערנע, און נעמען זיי זיך דרייען, דוכט זיך, ווי אַ ראָד וואָלט עס זיין...

פאַרדריסט ער איר און זי בלאָזט אָן די ליפּן ברוגז׳לאַך:

— וואָס? דער „פּאַן" קאָן דען בעסער טאַנצן?... — נאָר א מאָדנע זאַך, זי מוז עפּעס לאַכן... קיינמאָל אין לעבן איז איר דוכט זיך, אַזוי פריילאַך ניט געווען, און איר האַרץ האָט אַזוי שטאַרק ניט געקלאַפּט... און טוט ער אַ קוק אַף איר, נעמט עס איר שטיקן דער געלעכטער, אַז זי קאָן זיך בשום אופן נ־ט אָפּהאַלטן...

זעט זי פונדערווייטנס, איבער עמיצנס פלייצע, אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן... זיי זיינען ברייט צעעפנט און אומרואיק - פאָרשענד אויסגעשטעלט... אַ בליק — ווי באַ אַ הון, וואָס מ'האָט אָנגעכפּט איר אָקאָרשט אויסגעבריטע עופה'לע... — — — איז דאָס נאַסטיע?

— — — — — —

עטלאַכע פון די יונגע לייט זיינען אַריין אין אַ באַזונדערן חדר, נעמען אַ ביסל „אָרעלקע" די מוזיקאַנטן האָבן אויפגעהערט שפּילן. זיי האָבן אַוועקגעלייגט די אינסטרומענטן און אַרויס אַ ווײַלע אָפּכאַפּן דעם אָטעם. די מיידלאַך האָבן זיך אויסגעזעצט אַף די ברייטע ביינק, זיך איינג צונויפגעדריקט און געשמועסט. זיי האָבן שטיל גערעט צווישן זיך, און איינע האָט די אַנדערע אַ סוד איינגערוימט און אלע צוזאַמען האָבן געלאַכט... עטלאַכע פון זיי זיינען אַרומגעגאַנגען איבערן שטוב און זיך געפאָכעט מיט די קאָלירטע טיכלאַך. אַפן גאַנעק איז מען אַרויס זיך אָפּקילן — און עס האָט זיך באַלד דערהערט, ווי מען קוויטשעט און מען לאַכט...

שרה'קע איז געזעסן צווישן די מיידלאַך. נאַסטיע האָט איר אַרומגענומען, זיך צוגעדריקט צו איר און גערעט צו איר מיט אַ שטילע שטים, וואָס איז פאַרגאַנגען אין אַ שעפּטשען... זי האָט זיך געטוליעט צו איר, געקוקט אין די אויגן און פאָרזיכטיק מיטן האַנט געפירט איבער שרה'קעס ווייכן, לייכט שורשנדען אַרבעל פון איר בליוזקע... שרה'קע האָט איר די קרעלן באַקוקט... זי האָט עס געצופּט, גערירט מיט די שפּיצן פינגער און געשפּילט זיך. די קרעלן האָבן זיך געגליטשט, אָפּגעשפּרונגען און זיך היימלאַך צונויפגעשאָטן אין אַ לייכטן גערויש...

עס האָט אַריינגעבלאָזן אַ קיל ווינטל. ער האָט געגלעט די צעהיצטע פּנים'ער, איבערן לייב געפאָכט און געשפּרייט איבערן שטוב דעם פרישן ריח פון היי... מען איז שטילער געוואָרן. אַ לייכטע פאַרטראַכטקייט האָט זיך ווי אַ ווייסער טאָל אויסגעלייגט איבער אַלעמען. די אויגן האָבן זיך ברייטער פונאַנדערגעעפנט, האָבן זיך פאַרטראָגן אין א מילדע, קוים-קוים מערקבאַרע אומעט... צוויי מיידלאַך האָבן זיך אַרומגענומען, זיך לייכט געשאָקלט און שטיל און נאָגנד געצויגן:

אישיאָאו סימטו מיליו,
אישיאָאו זשאַליו גירו;
גיעבער מאַנאַ פאַניעלאַס,
גיעבער מאַנאַ מיליאַאוסאַס... *)

נאַסטיע האָט אויפגעהערט ריידן, אַראָפּגעלאָזט די אויגן און זיך עפּעס הייסער געדריקט צו שרה'קען. זיי האָבן זיך ביידע געהאַלטן אַרומגענומען און לייכט געוויגט זיך, און געוויגט זיך האָט זיך אויך דער ניגון צוזאַמען מיט זייער

*) פ'בין אויסגעריטן הונדערטער מיילן,
פ'בין אויסגעריטן דעם גריבעם וואַלד;
ניטאָ איז מיין מיידל,
ניטאָ איז מיין ליבסטע.

די אומעטיק־ביינגלאַכע טענער האָבן זיך געצויגן, געציטערט און געפאַלן ווי די שאָטנס ... זיי האָבן דערציילט פון אַ לעבן וואָס איז אָרעם און צניעות׳דיק ... פון ברייטע, אָרעמע פעלדער, וואו וואָראָנעס לאָזן זיך אַראָפּ מיט אַ ביינגלאַכן קראַקן ... דערציילט האָבן זיי פון אַ איינזאַם שטרוי־געדעקטן הייזל, וואו אַן אַלטער, האַלב־איינגעפאַלענער צלם היט פון אייביק דעם שווייגנדיקן געגנט...

שרה׳קען איז מאָדנע נאָנט געווען די דאָזיקע לידער ... מיט זייערע ניגונים האָט זי זיך אויפגעהאָדעוועט. איבער איר וויגעלע האָט די אַלטיטשקע גויה איר תפלה געשעפּטשעט ... אַ פאַרטראַכטע, און אַ פאַרביינקטע איז זי געזעסן נעבן איר און געזונגען. איר גאַנצע זאָרג, גוטסקייט האָט זי אַריינגעלייגט אין דעם דאָזיקן געזאַנג און אין די פּראָסטע האַרציקע ווערטער ... און זייערע יום־טובים! אין די טעג פון זייער פּרייד, אָפּרו, ווען בלומען און גרינסן באַקרענצן זייערע פינצטערע, פאַררויכערטע ווענט, און רוחות פון מיסט און געשניטענעם היי פילן אָן די לופט פון זייערע וואָרימע וואוינונגען, האָט זי איינגעזאַפּט אין זיך דעם טרויער פון זייערע ערלאַכע נשמות ...

זי האָט זיי ליב, אָט די דאָזיקע אָרימע, גרויע פּויערים. זי האָט ליב זייערע מיידלאַך אין די גראָבע, געוואָנטענע קליידער מיט די פאַרביקע סטענגעס און תמימות׳דיק־פונאַנדערגעעפנטע אויגן... און די בחורים, וואָס טרינקען „אַריעלקע" און וואָס זידלען זיך אָפטער — אויך זיי זיינען איר נאָנט.

און זיצנדיק צווישן זיי, נעבן נאַסטיען, דאָס קליין שיקסל מיטן פאַר־ברוינטן פּנים און פרום־צונויפגעלייגטע הענט, אויף וועמענס ברוסט, צוזאַמען מיט די קרעלן, האָט זיך אַ קליין צלם׳ל אַרומגעוויגט, — איז איר אַזוי לייכט געווען אויפן האַרצן, אַזוי רואיק און הייטער איז געווען איר געמיט. דאָס זי האָט, ווי אַלע, די אויגן האַלב פאַרמאַכט, זיך לייכט געוויגט און גע׳חלום׳ט געצויגן פאַר זיך דעם אומעטיקן ניגון...

— —

נאָר מיט אַמאָל זיינען עטלאַכע בחורים אַריינגעלאָפן, און די האָבן זיך צו דער האַרמאָשקע גענומען. נאָך זיי זיינען די איבעריקע אַריין און מיט מונ־טערע אויסגעשרייען און האַנט־פּאַטשן האָבן זיי זיך איבערן שטוב גענומען דרייען... עס האָט געשמעקט מיט „אַריעלקע"... די גלאַנציקע שטיוועלאַך האָבן זיך פלינק געהויבן... די מיידלאַך האָבן אויפגעציטערט. פון די ערטער אויפגע־הויבן זיך און צוגעגאַנגען מיט אויפגעהויבענע הענט...

מען האָט געשפּילט אַ מין „שער־טאַנץ". מיט איין מאָל האָט זיך אָפּגע־טאָן פון אַלעמען די עצבות. די פידל מיטן פלייט האָבן אויפגעוואַכט. האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ געיעג... די פּויק האָט זיך געריסן און ווילד געוואָרן פאַר שמחה... די פּאָרלעך האָבן זיך געפלאָכטן, געדרייט זיך, ווי אַ לעבעדיקער מאַ־שין מיט צענדליקער רעדלאַך... נאָר אָט איז שטילער געוואָרן... רואיקער... באַ־זאַכטער... יעדער איז אויף זיין אָרט געווען... דאָס שפּילן איז שטילער געוואָרן, איינגעהאַלטענער... האָט מען זיך פונאַנדערגענומען, האַנט אויף פלייצע פאַר־לייגט, זיך אויסגעשטעלט איינע נאָך די אנדערע אין אַ רונדן קרייז, איינציקע טריט געשטעלט און זינגען גענומען...

די פידל מיטן פליית האָבן שלום געשלאָסן... די פויק איז פאַרזיכטיקער געוואָרן... די מיידלאַך אַף די דינע שטימען, די בחורים – מינאָרנע, איינגעהאַלטן, מיט אָפּטע אָפּוויכונגען, האָבן זיך צוזאַמענגעשלאָסן און באַגלייט זייער יעדן טראָט... געגאַנגען קרייז־אַרום און געזונגען, קרייז־אַרום און געזונגען: ... סיאַלדאַאוס מעגוס, נאָרו מעגו, ניע גאַיליו אַזמיגטו... *)

דערנאָך זיינען זיי שטיפערישער געוואָרן, פאַרשײַטער... די פידל מיטן פויק האָבן אויפגעוואַכט... געזאַנג האָט גענומען נאָכלויפן נאָך די טריט:

טאַי־לאַ־לאַ, טאַי־לאַ־לאַ,
לאַ־לאַ־לאַ־לאַ, לאָ...

די פידל מיט דער האַרמאָשקע האָבן זיך אָפּגעריסן... די פויק האָט איר לעצטן ברום געטאָן... מען האָט זיך געשווינט א כאַפּ געטאָן און אַוועקגעלאָזט זיך, איינע נאָך די אַנדערע, איבערן שטוב...

און אזוי האָט דער טרויער מיטן פרייד שלום געשלאָסן... און ווען פידל און טריט האָבן אומעטיקלאַך־נאָגענד דערציילט, אַז:

„זיס דער שלאָף איז, שלאָפן וויל איך,
קען איך ניט איינשלאָפן"...

האָט די פויק מיטן קנאַפּל אָפּגעענטפערט, אַז שלאָפן איז גאָרנישט... אַז טרויער איז גאָרנישט... אַז לעבן איז פּראָסט און פארשטענדליך, ווי דער געזונטער אָפּקלאַנג פונם:

„לאַ־לאַ־לאָ"...

*) זיס דער שלאָף איז, שלאָפן וויל איך, קען איך ניט איינשלאָפן...

ה. ראסקעס.

דער לבוש.

דראַמאַטישע לעגענדע אין I אַקט (סוף).

ד ר י ט ע ר א י ד: עס ברענט זאָל ברענען, וואָס האָב איך פון אַלע רייכ־טימער, איצט וועל איך די קאָפּ קענען האַלטן הויך, ניט קריכן אויף דער ערד, ניט חלשן פאַר אַ שטיקל ברויט... איך וויל די חרפה פון מיר אָפּוואַשן...

מ יי ד ל: אָפּוואַשן?... צי קען מען דאָס? אָפּוואַשן, אָפּשווייַנקען?...

ד ר י ט ע ר א י ד: באַלד וועט אויפגיין די זון, טאָג ווערן און בייטאָג קען מען אַלץ... אַ ים צושפּילט זיך, מאַכט ער אַלץ חרוב, דערנאָך אָבער וויגט ער שטיל די צאַרטע שיפלאַך...

י ו נ ג ע ר (וועלכער הערט זיך אויפמערקזאם איין) אָבער די יריעות, פעטערשע?

ד ר י ט ע ר א י ד: וואָס פאַראַ יריעות?

י ו נ ג ע ר: זיידע, דערצייל ווייטער, ער ווייס דאָך גאַרניט.

אַ ל ט ע ר: (זעצט פאָר זיין לעגענדע וועגן לבוש) אַלע האָבן אָן די יריעות פאַר־געסן און קיינער האָט קיין זאַך ניט געדיינקט, אַ ציטער האָבן געטאָן די יסודות פון דער וועלט און פינסטערע שוואַרץ גיהנמ'שע כחות האָבן אין די הויכן גע־פליגן, אויף שטיקלאַך צופליקט האָט זיך דער לבוש, צופאַלן זיינען די יריעות... די ליכטיקע שטערנס, די היטער פון דער ערד, האָבן אָפּגעטראָטן צו־ריק, און די גייסטער פון פאַרטיליגונג, וועלכע לויערן נאָך רויב, האָבן זיך אויף דער בלויזער ערד געוואָרפן, און רייסענדע ווינטן האָבן זיי מיט זיך געבראַכט... און איינער האָט ניט דערקענט דעם צווייטן, און איינער האָט דעם אונטערגאַנג פון זיין חבר געזוכט...

ד ר י ט ע ר א י ד (פאַרחלומט ווי פאַרזעצנד) ווייל ווייניקע האָבן אַלעמען באַ־הערשט, ווייל באַרויבט האָט מען די שוואַכע, ווייל מענשן־פלייש איז געוואָרן אַ שפּייז, ווייל מענשן בלוט איז געוואָרן אַ געטראַנק.

אַ ל ט ע ר: און דערשראָקן האָבן זיך די לוחמים, דער פאַרשייט־ווילדער שטורם האָט זיי אויסגעניכטערט און געוואָרפן האָבן זיי די שווערדן, קיינעם פאָלגן האָבן זיי ניט געוואָלט... אַ שרעק איז געפאַלן אויף די מוטווילִיקע, חרטה האָבן זיי באַקומען אויף זייערע מעשים און צוריקקערן האָבן זיי געוואָלט דאָס פריערדיקע... מיט הענט וואָס ציטערן פון קדחת, מיט הערצער וואָס זיינען פול מיט פחד, מיט אויגן וואָס קוקן מיט אַנגסט האָבן זיי אָנגעהייבן דעם לבוש פאַריכטן... און ביז איצט טוען זיי נאָך האַסטיק זייער אַרבעט זיי איילן זיך, ווייל פאַרשפּעטיקן האָבן זיי מורא, נאָר אומזיסט. ס'פלאַצן איצט אַלע יריעות ס'צוגייען זיך די געוועבן און נאַקעט שטייט אַלץ, ווי דאָס קינד ביים געבאָרן... אַ אומענדלאַכער פחד נעמט אַלץ אַרום אַ רעטונג זוכט מען אומעטום.

מ ש ו ג ע'נ ע ר (צום פענסטער) זיי לויפן אין אַלע זייטן. די פערד שלאָגן זיי מכות רצח ווי די טייוואָלים...

ד ר י ט ע ר א י ד: מען מוז פאַר אַלץ אַ מאָל באַצאָלן...

מ יי ד ל: צי קען מען דען באַצאָלן, מיט וואָס, מיט וואָס?...

אלטער: זיי רייסן האַסטיק שטיקלאַך פון די יריעות און הילן זייערע קעפּ אין די צעפּליקטע גוילין, זוכנדיק אַ שוץ, ווי פון גיהנם דונערט עס· די פעסטע גרונטן וויגן זיך; ס'טראָגן זיך געוויינען, דאָס חיה'שה ברומען פאַרפילט די וועלט און זיין גמול באַקומט דער מענש· ס'הערן זיך שטאַרקע האַרמאַטן קלעפּ·
ס'קנאַלט אויפן גאַס· ס'רייסט דער געוויטער· ס'וואָיעט דער שטורם, דאָס קרעכצט די ערד· דאָס וויינען די יריעות· דאָס איז דער לבוש צעריסן,. דאָס ברעכן זיך די יסודות עולם ··· שטורמען וועט עס און מחריב זיין וועט עס און אַ פּאַרטילי־קונג וועט זיין ביז וואַנען קיין שפור פון די יריעות וועט ניט בלייבן ביז וואַנען דער לבוש וועט פון דעם מענשענס טהאַטן אינגאַנצן ניט אונטערגיין ···
ס'לויפן אַריין עטלאַכע סאָלדאַטן, די פּנים'ער ווילד - צערטלט· די אויגן בלאָנזענד

ערשטער סאָלדאַט: ווער איז דאָ, אידלאַך ! מיר'ן זיי נעמען אויפ'ן פאַרהער ··· לייבט מיט זיין לעמפּל אין דער פינסטערניש שאַ· דאָס איז גאָר אַ גאַסט־הויז ··· אָט וועט זיין אַ טאַנץ ··· די אידן רוקן זיך אין ציטערניש צו די ווינקלען

צווייטער סאָלדאַט: אָבער געלט האָבן זיי דאָך ניט ··· וואָס דאַרפן מיר זיי אַליין ··· ניט קיין נייס ··· צום דריטן אידן הער· האָסט געלט· גיב אַהער ··.
דריטער איד· געלט ··· ניט פאַר מיר איז דאָס באַשאַפן ··· כ'האָב גאָרניט ··· די קאָפּ קענסטו נעמען ··· געלט ניט· סיידן וועסט מיינע צרות אויף קלינגענדיקע מטבעות פאַרבייטן ···

ערשטער סאָלדאַט: באַמערקט דאָס מיידל אָט איז דאָך גאָר אַ פריי־לין ··· שיין און זיס ···

מיידל: לויפט אַרום דער בימה שרייט לאָזט מיר· ראַטעוועט· הרג'עט מיר אַוועק ! ···

ערשטער סאָלדאַט: זאָגט איר וואָס האָסט דו זיך צעריטשעט? ס'דערטראָגט זיך אַ נאָנטע שיסעריי

צווייטער סאָלדאַט: נאָמיר זיי לאָזן ··· מ'שיסט נאָנט, מ'באַדאַרף לויפן ··· ס'איז אפשר שוין שפּעט·

צווייטער סאָלדאַט: אָזט אָפּ דאָס מיידל שפּעט ··· טאָ קום· לאָ־מיר אַיילן לויפן אַרויס

אלטער: אַוועק· גאָט צו דאַנקען· ער באַשיצט אונז·

דריטער איד זיי אַנטלויפן· אַנטלויפן ··· און אַ פרייד קומט פאָר אַלעמען· און אַ שמחה ווערט געטראָגן פון די ווייטנס ··· דער צער אַוועק! פרייט זיך ! ··· קוקט אין פענסטער באַלד וועט שוין טאָגן· באַלד וועלן זיך צעגיסן די רויטע שטראַלן פון מזרח'דיקער זון ··· און וואַרעמען וועלן זיי און גלעטן ··· די פריהערדיקע דאַרף מען באַגראָבן· באַגלייטן די פינסטערע נאַכט מיט אַ קדיש־געזאַנג ···

משוגענער: כ'וויל קדיש זאָגן נאָך איטשע גבאי· נאָך זיינע קראָמען ד'הויבט אָן מיט אַ יעמערלאַכן קול· וואָס שנייט דעם פינסטערן חלל יתגדל ויתקדש שמיה רבא ···

דריטער איד, פעסטער· שטאַרקער, העכער ! צו דער מיידל שוועס־

טער קום, טרויער ניט, אַ ישועה גייט, אַ גרויסע, אַ מעכטיקע, לאָמיר זיך פרייען לאָמיר טאַנצן נעמט איר אָן ווי אויך דעם משוגע׳נעם און טאַנצן ווילד, פאַרשייט דער משוגענער זאָגט בשעת מעשה קדיש, דער איד קלאַפּט צו מיט׳ן פוס, און זיי דרייען זיך, מאַכענדיג פאַרשידענע העויות, ווי שפּאָטענדיק פון עמיצן, פון עפּעס ...

יונגער וועלכער קוקט זיי אָן אויך איך מיט אייך, גוטע מענשן שפרינגט אַריין אין קאַראַהאָד און זאַלבּעפירט טאַנצן זיי ביז זעלבסט-פאַרגעסונג אויפן גאַס ווערט שטילער, זיי רייסן איבער דעם טאַנץ.

דריטער איד, ס׳ווערט שטיל, רוהיג ··· די לעצטע אַנטלויפן שוין, די איבערגעבליבענע ··· שרייט אין פענסטער זייט פאַרשאָלטן, כאָז אייך מיין קללה אומעטום יאָגן ··· גייט אָפּ פון פענסטער לאָמיר זיצן און וואַרטן, באַלד קו־מען זיי אָן ···

יונגער, ווער זיינען זיי ?

דריטער איד: שוועסטער, וויין ניט, לאָמיר פאַרמאַכן די אויגן און חלום׳ען... שטענדיק אין דער צייט בין איך אין רויש פון מאַשינען גע־שטאַנען, אין געדיכטן דאַמף פון־פאַבריק... איצט זעה איך דעם זון־אויפגאַנג... ס׳קען זיין, א סך שלאָפן נאָך... אָבער איך בין דאָך וואַך... ס׳איז דאָך פאַרטאָג, באַגינען... זעצט זיך אין ווינקל, קוקט לײדנשאַפטליך אין פענסטער.

יונגער: זיידע, און דער סוף. וואָס וועט זיין דער סוף מיט׳ן לבוש מיט דער ערד ?

אלטער: אַלץ האָט זיין בגד, מיין קינד, און דו בינסט דו ווייל אַ בגד האָסטו, ווייל אַ לבוש הילט דיר איין... אין אַ לבוש בינסטו, ווי אַלע און קיינער דערקענט דיך ניט. די ערד דאַרף דאָס איריקע האָבן, און באַרויבן איז איר שווער, ווי שווער ס׳איז צו לעסטערן דעם כביכול, ווי שווער ס׳איז צו כופר זיין אין עיקר...

יונגער: ער איז דאָך אָבער אינגאַנצן צעפּליקט ?

אַלטער: עת לבנות ועת להרוס, איינער שטערט, דער צווייטער בויט... און בויען הייסט דעם כח ההריסה אַ שליטה צו געבן און מהרס זיין הייסט דעם כח החיים צו פעולות אַרויסרופן...

יונגער: וועט מען אַ נייעם צוגרייטן אין די הימלען...

דריטער איד (פאַרקלערט) מענש און הימל פאָרן זיך ניט אויף... איינער פאַרשטייט ניט דעם צווייטן...

אַלטער: דאָרט ווייט, הינטער דעם טייך סמבטיון, וואָס רוישט אָן אויפהער און מיט כעס, אין אַ ווייטער, ווייטער לאַנד זיצט דער מענש און זיינע אויגן צו דער ערד זיינען געווענדעט... איר נאַקעטקייט גייט דורך פאַר זיינע אויגן, זיין אויער פאַרנעמט די דונער־קלעפּ און וועגן אַ לבוש פאַר דער ערד און זיין חבר זאָרגט ער, און היכף דערלאַנגען וויל ער... אָבער דער אומרוהיקער טייך האַלט אים פאַרשלאָסן אין זיינע ברויזענד־בינדענדע קייטן... מיט געראַנגל רייסט זיך דער מענש איבער דעם פייער־שפּייענדיקן טייך, קיין דורכגאַנג גע־פינט ער אָבער ניט... די האָפענונג האָט ער אָבער, און מוטיק איז שטענדיק זיין האַרץ און פון יאוש ווייס ער ניט... אַליין, אָפּגעטיילט פון אַל־עמען, וועבט ער

אַ נייַעם לבוש. אַ פּאָדים בינדט ער צו אַ פּאָדים, אַ געוועב צו אַ געוועב און אַ לבוש גרייט ער...

יונגער: און די מלאכים פאַרוואָס נייען זיי ניט קיין נייַעם?

אַלטער: זייער איז פאַרשוועכט און נאָר איין בגד איז זיי ערלויבט געוואָרן צו באַשאַפן... אָבער קנאה איז זיי אויך אַמאָל ניט פרעמד, און אַ בטול אין האַרצן איז אויך אַמאָל ביי די דרי עליון דאָ... מיט אַ פאַרבאָרגענער קנאה קוקן זיי אַפן מענשנס געוועב... און די רוחות רעות, וואָס הערשן איבער די בייזע כחות וואַרפן זיך אַפן מענשן פון איבערן טייַך סמבטיון, דונערן שיקן זיי פון אויבן, שטורם־ווינטן פון די ווייַטקייַטן, פייַער זייַלן פון גיהינום און איבערייַסן ווילן זיי די אַרבעט פונם וועבער, וועלכער גרייט דעם לבוש.

דריטער איד: בייזע רוחות... ניט שטענדיק הערשן זיי... אויך זיי ווערן פאַרטריבן...

אַלטער: די לאַנד פון די ווייַטן ציטערט און קרעכצעט, די ווינטן רייַסן דעם געוועב, אַ מהומה שיקן די דונערן און צוטומלען וויל מען דעם וועבער, ווייל דער מענש איז אַ חצוף באַ זיי... נאָר אין די פלאַמען פייַער, צווישן די וואָיענדע ווינטן שטייט־ער און וועבט... זייַן פנים פון פייַער איז פאַרברענט, פון רויך פאַרשוואַרצט, די האַנט אין ציטערניש טאַנצט, די פינגער רייַסן זיך פון איר און ווילן ניט פאָלגן, די ערד גליטשט זיך אונטער די פיס... אָבער ער וועבט... מיט ווייטאָק הויבט ער זייַן האַנט, פאַרצוקט קוקט ער אין די ווייַטן און זייַן אַרבעט טוט ער... דרייַ יריעות קען ער ניט באַשאַפן, ווייַל דרייַ איז רבוי, דער כח פון עבודה־זרה און נאָר איין יריעה וועבט ער אויס און איינער איז ער אַלץ מיחד... שווער איז די יריעה, און אַ ערדישער חמר איז איר יסוד... און „אַרבעט" גיט ער די יריעה אַ נאָמען, ווייַל מיט אַרבעט האָט ער איר באַשאַפן, מיט מיה צום לעבן געבראַכט און מיט מאַטערניש און געראַנגל איר אויסגעוועבט...

[די אויפגייענדע זון רייסט זיך אַריין אין די פענסטער, די גאָלדן־פייערדיקע שטראַלן פאַלן אַריין אין שטיבל, ווי באַגריסנדיק די מענשן].

משוגע׳נער: ליכטיק, שטיל, שאַ, ס׳הערט זיך נאָך אַ קלאַפּ... דאָס שפּילט מען זיך נאָך... אַ שיינער טאַנץ געווען...

יונגער: כ׳האָב ליב די זון, אַזוי גוט בייטאָג [גייט צו צום פענסטער] רוהיק, שטיל, קיין מענש, צעבראָכענע פורן, זאַכן... אַלץ עפּעס אַזוי פאַרשלאָפן און זוך... קיין זאַך רעדט ניט, קלאַפּט ניט... סודות, אַ גרויסער סוד... אפשר דערציילט דאָרט אויך ווער אַ מעשה׳לע...

דריטער איד: גרויסע סודות טראָגן זיך, באַצויבערנדע מעשה׳לעך ווערן דערציילט, נסים ווערן באַוויזן... און אַלע פאַרנעמען די מעשה׳לע, ווייַל אַלע זייַנען שטיל, ווייל ס׳איז פאַרטאָג... טאָ וואָס בינסטו פאַרשוויגן, זייַדעשע, דערצייל זשע ווייַטער!

אַלטער: און ווען דאָ וועט די מאָס פול ווערן, ווען די לאַטעס וועלן אינגאַנצן צושפּרונגען ווערן און די רעשטלאַך פון די יריעות וועלן פאַרניכטעט ווערן, ווען דער געשריי און די יללה פון דער ערד וועט די הימלען פאַרטויבן, וועט מען דאָרט אויך אומרוהיק ווערן... און אַז גבריאל וועט אַ באַפעל באַקומען

אַ נײַעם לבוש אַראָפּלאָזן, וועט דער וועבער אין דעם ווײַטן לאַנד אוי־פשטיין, זײַן אויג צום כּביכול ווענדן און אַרײַנמישן וועט ער זיין קול אין דער הייליקער אספה און זאָגן וועט ער: רבונו דעלמא כולה השמים לשמים ותורה לבני אדם, לאָז מיר צו מײַנע ברידער גיין און איך וועל זיי אַ לבוש געבן, לאָז מיר צו מײַן מוטער ערד זיך דערנענטערן און איך וועל איר מיט מײַן בגד באַצירן. די דרי מעלה וועלן מקטרג זײַן אַף אים, נאָר ער כּביכול, וואָס אַלץ פאַרנעמט ער, וואָס תּכלית הידיעה איז ער, ער וועט אים פאַרשטײַן און דער ממונה איבערן סמבּטיון וועט באַפעלט ווערן דעם אומרוהיקן טײַך שטילן, זיין משוגע׳נעם לויף פאַרהאַלטן און באַפרײַען דעם וועבער פון זײַן געפיינקשאַפט.

י ו נ ג ע ר: און דער טײַך וועט דאָך טאָן דעם רצון פון בורא, ער ער וועט דאָך אים באַפרײַען, זיידעניו!

[פון דערווייטנס דערטראָגט זיך אַ געזאַנג, וואָס גיסט זיך ברייט און מעכטיק; טויזנטער שטימען זינגען מיט האָפענונג, מיט שמחה מיט שטאָלץ... די טענער וואַקסן, דערפילן דעם חלל פון שטיבל און גיסן זיך אויף מיט די גאָלדערנע פאַסן פון דער זון. דער משוגע׳נער, דאָס מיידל און דער דריטער איד שטייען ארום דעם אַלטן און הערן זיך איין אויפמערקזאַם. שלינגענדיק זיינע ווערטער, וועלכע פלעכטן זיך אויף מיט די רוישיקע טענער פון דער גאַס].

אַ ל ט ע ר: און בשעת די לעצטע שפּורן פון די געטליכע יריעות וועלן אומקומען, בשעת דער שטורם וועט פייערן זיין יום־טוב, וועט זיך דער וועבער פון די אפסי ארץ באַווייזן אין זיין בגד, וועט ער אויפציהען אַף דער ערד און אויפשטראַלן וועט די מוטער ערד, ווייל אַ טרייסט וועט זי געפינען אין בגד, וואָס איז דורך מענשלאַכע הענט אויסגעוועבט געוואָרן, מיט מענשלאַכע מיה צו איר געבראַכט.. און איינשטילן וועט זיך דער מענש, פאַרקוקן וועט ער זיך אַף דעם לבוש און וואַרפן וועט ער דעם כּעס און פארלאָזן וועט ער די שנאה און בוקן וועט ער זיך פאַר דעם נייעם לבוש, וואָס „אַרבעט" וועט זיין נאָמען זיין...

(דער געזאַנג שטאַרקט זיך, פאַרשפרייט זיך אומעטום. עס הערן זיך פעסטע, דרייסטע טריט, דאָס שפּרייזט אַ גרויסע מחנה)

ד ר י ט ע ר א י ד: און שטיל וועט ווערן, ווי אין אַ פרידלעכער משפחה און אַ יום־טוב אַ הייליקער וועט ווערן, ווייל דער לבוש וועט זיין געפונען, ווייל די גאולה וועט האָבן געקומען, ווייל דער וועבער פון פאַרכּישופטן מזרח לאַנד וועט איר האָבן געבראַכט... (מען זינגט שוין נאָענט, אונטער די פענסטער)

מ ש ו ג ע ׳ נ ע ר: אַ שמחה, אַ יום־טוב, מען זינגט, וואָס שטייט איר אידן! לאָמיר אויך זינגען (זינגט) שירה חדשה שבחו גאולים...

ד ר י ט ע ר א י ד (נעמט די מיידל פאַרן האַנט) קום, שוועסטער, אַ נייער מאַנטל פאַר אַלעמען... לאָמיר גיין אַנטקעגן... מיט גלויבן, מיט אָפענע הענט, לאָמיר זינגען, שרײַען, באַגריסן... (לאָזן זיך צו דער ט״ר, הינטער זיי דער משוגע׳נער).

י ו נ ג ע ר: נעמט מיר אויך... אַזוי שיין איז אַפן גאַס. איך זעה זיי רויטינקע, גלאַנצנדיקע, זיי בלישטשען... איך וויל אויך מיט אייך...

ד ר י ט ע ר א י ד: קום, יונגער, לאָמיר אַלע אַנטקעגן גיין!

(זאַלבעפירט גייען אַרויס, שרייען אין דער טיר צו דער גאַס) זײַט געבענטשט, הו־ר־ר־אַ, הו־ר־ר־אַ!...

(אַ מעכטיקער הוראַ גיסט זיך פון גאַס, קלינגט אָפּ אין אַלע ווינקעלעך און פאַ־פלייצט די פאַר־שלאָפענע גאַס... די זון שפּרינגט מיט אירע שטראַלן און שפּילט זיך אין די רויטע פענסטער, אין קלויז בלייבט זיצן דער אַלטער, ער איז פאַרקלערט, ווי פאַרזונקען אין אַ שווערן חלום...)

פון וועלטישן אוצר

וואָלט וויטמען
האָט געשאַפן מיט
אַ האַלבן יאָרהונ-
דערט צוריק, זיינע
שאפונגען שטייגט
אַריבער אַלץ, וואָס
די גייסטע קונסט-
ריכטונגען האָבן
ביז אַהער אופגע-
טאָן, ער האָט דער
ערשטער זיך באַ-
פרייט פון שאַב-
לאָנעם פערז.

וויטמען איז אַ
ווילדער, אומבאַ-
גרעניצטער מעכ-
טיקער דיכטער,
זיין עקסטאַטישע
תאוה צום לעבן
דערגרייכט באַ אים
אַ נביא׳אישן מיס-
טיציזם, ער איז
דער פריידיגער פּו

נאַטירליכן, פו
נאַקעטן אמת אין
דער קונסט, מעג
עס ווי ברוטאַל
זיין, זיין פערז,
זיין סטיל-אַכאַראַ-
טישער אַ צעשווי-
בערטער, ווי פון
גראַניט אויסגע-
האַקט זיינע ערא-
טישע לידער.

וויטמען איז
דער דיכטער פון
צוקינפטיגן פרייען
מענשן, פון דער
צוקינפטיגער פריי.
ער געזונטער גע-
זעלשאַפט.

וויטמען איז
דער שעדעווער
פון דער אַלוועלט-
ליבער קולטור.



וואַלט וויטמען
גרעסטער אַמעריקעס דיכטער

1819—1892.

**אַ ברייטערע אָפּשאצונג וועגן זיין אַרט און ווירקונג אף דער נייער ליטעראַטור-
אין - קומענדיקע נומערן.**

וואלט וויטמען.

פון ציקל „אדם׳ס קינדער“.

א פרוי ווארט אויף מיר.

די פרוי וואַרט, דערוואַרט זיך ניט אויף מיר.
זי פאַרמאָגט אַלץ, קיין זאַך פעלט אין איר,
נאָר זי וואָלט גאָרניט געהאַט, ווען ס׳געשלעכט וואָלט געפעלט באַ איר.
ווען ביים עכטן מאַן וואָלט פאַר איר קיין פייכטקייט ניט געווען,
ס׳געשלעכט ענטהאַלט אַלץ: אי גוף, אי נשמה, אלץ איז אין אונזער מין;
האָפנונגען, תאוה׳ס, שיינקייטן, ערדישער תענוג.

געטער, ממשלה און שופטים, גוטס און שלעכטס, געזונטקייט און גאווה,
דאס אלץ איז דער מין און פון מין, דאס איז — זיין בארעכטיקונג.
דער מאן, וואס מיר געפעלט, איז זיך מודה אן שאנד, אז זיין געשלעכט איז אים זיס.
און די פרוי, וועלכע מיר איז צום הארצן, איז זיך מודה אן שאנד, אז זיס איז
איר געשלעכט פאר איר.

כ׳וועל אוועק פון תאוה׳לאזע פרויען!
וועל איך גיין און וועל זיין מיט די, וואס ווארט און דערווארט זיך ניט אויף מיר.
מיט די, וואס זייער בלוט איז הייס, וואס וועלן מיר באפרידיקן.
איך זע, אז זיי זיינען מיר ווערט, און כ׳וועל זיין זיי א פעסטער מאן.
זיי פאסן פאר מיר!
פון פלאמיקע זונען און שטורמישע ווינטן, בא זיי איז פארברענט ס׳געזיכט.
געטלאך איז די אנטיקע בויגעוודיגקייט פון זייערע גופים,
זיי קענען רייטן אף פערד, שווימען, רודערן, זיך ראנגלען, לויפן, שיסן,
אנטלויפן, אנפאלן, זיך שיצן, זיי זיינען שטאלץ מיט זייער זיין,
זיי זיינען קלאר, הארמאניש, רוהיק.
איך דריק אייך צו זיך, פרויען, איך האב קיין רעכט אייך אפצולאזן,
איך ווינש אייך גוטס.
איר — פאר מיר, איך — פאר אייך.
נאר מיר דינען עמיצן אנ׳אנדערן.
אין אייער טראכטן זיינען באהאלטן העראען און בארדן,
וואס זיינען מעכטיקער פאר מיר, זיי דרעמלען אין אייערע קערפערס,
און ווילן ניט אויפוואכן פון אנ׳אנדער מאנס בארירונג.
נאר איך קען זיי אויפוועקן!
דאס בין איך, דאס בין איך, א, פרויען!
גראבער, ניט ברחמנות׳דיק-גרויסער, ניט איבערשפארבארער.
נאר איך האב אייך ליב, איך וועל אייך ניט ווי מאכן מערער,
ווי מען באדארף עס.
איך גיס אריין אין אייך מיין חומר,
טויזנטער צוקינפטיקע יארן בין איך מגשם דורך אייך.
איך וואג ניט אפצורייסן זיך פון אייך,
ביז איך וועל אייך געבן פאר א פקדון דאס, וואס ס׳האט זיך אין מיר אנגעזאמלט.
איך בין לאנג געווען א פארצוימטער טייך,
אצינד האט זיך מיין צוים שוין דורכגעריסן.
און אט. מיך גיס איך אריין אין אייך; פון די טראפנס, וואס כ׳גיס אין אייך אריין,
זאלן ווערן מעכטיקע, שוימיקע טעכטער, נייע זינגער, מוזיקער,
געליבטע פון אמעריקע, פון דער גאנצער וועלט און מיך.
פאר דעם פארלוסט פון ליבע וועל איך פאדערן,
איר זאלט די בעסטע מאנסבילן און פרויען געבוירן.
איך וויל, זיי זאלן פארקערן מיט אנדערע, ווי איך מיט אייך.
ס׳זאל אויסוואקסן אין בשפע׳דיקן שניט בא זיי געבורט און טויט,
אומשטערבליכקייט און לעבן, וואס איך פלאנץ איצט מיט מיין ליבע.

יידיש פריי איבערזעצט ד. גרינשפאן.

יוסף אנשל.

וואָס איז אַזוינס טעאַטער? *)

טעאַטער־שפּיל געהערט צו די פּרימיטיווע ערשיינונגען אין דער מענש־ליכער נאַטור. נאָך אין דער פאַר־היסטאָרישער צייט, ווען דער מענש איז אַרום־געגאַנגען נאַקעט, האָט ניט געקענט אונטערשיידן פון נעכטן ביז מאָרגן, האָט זיך נאָך ניט געקענט ערקלערן די עלעמענטאַרסטע נאַטור־געזעצן, איז געווען קינ־דעריש הילפלאָז קעגן דער נאַטור און קעגן זיינע שכנים־חיות, האָט ער שוין טעאַטער געשפּילט.

ס'איז ניט וויכטיק, וואָס פאַר אַ פאָרם דאָס טעאַטער־שפּיל האָט דאַן אָנ־גענומען, ס'איז אויך ניט וויכטיק, צו דער מענש האָט געוואוסט דאַן, אַז ער שפּילט טעאַטער צי ניט. וויכטיק איז נאָר דאָס, אַז דאָס שפּיל איז אַ מיטגעבאָ־רענע באַדערפניש ביים מענשן און ער, דער מענש פילט כמעט אַ אינסטינקטיווע נויטווענדיגקייט אינ'ם שפּיל.

וואָס איז אַזוינס שפּיל?

שפּיל איז אַ אינטואיטיווער באַנעם פון האַלבווירקליכע חלומות, וואָס ווערן פאַרקערפּערט אין קאָנקרעטע אין עצם ניט נאַטירליכע, דורך דער פאַנ־טאַזיע דערגענצטע בילדער, זשעסטן, באַוועגונגען, מעשיות און אַפילו הוילע אינהאַלטסלאָזע קלאַנגען.

דער מענש ווערט גערירט פון אַ וואָס פאַר עס איז געשעעניש, שטימונג, איינדרוק; די דאָזיקע געשעעניש אָדער דער איינדרוק אַסאָציאירט זיך ביי אים אין באַוואוסטזיין מיט געוויסע זשעסטן, באַוועגונגען אָדער קלאַנגען.

די פאַנטאַזיע טראַכט עפּעס צו דערביי.

און עס ווערט געשאַפן דאָס שפּיל.

ביי קינדער און ביי ווילדע איז דאָס זעהר ניכר.

פלוצלונג, פון העלער הויט, מאַכן זיי מיט אַמאָל אזעלכע מאָדנע באַווע־גונגען, גרימאַסן, גייען אַריין אין עקסטאַז, זיי שפּילן. (פאַר גרויסע מענשן קוקט עס אַמאָל אויס משונה).

אַ קינד, למשל, טראָגט זיך אַרום מיט אַ טויטער פּאָפּקע, וויגט איר און רעדט מיט איר אַזוי ווי מיט אַ קינד, אָדער ווי מיט אַ חבר פון איין גלייכן, אָדער דאָס קינד זעצט זיך אַוועק רייטן אַף אַ שטעקן און מיינט, ס'איז אַ פערד.

דאָס קינד ווייס פון אָנהויב, אַז דאָס זיינען טויטע זאַכן. דאָס קינד אָבער שפּילט זיין פאַנטאַזיע, לייגט אין זיי אַריין לעבן.

(שפּעטער אין עקסטאַז קענען מיר שוין ניט זאָגן, וואָס עס שפּילט ביים קינד אַ גרעסערע ראָל: זיין פאַנטאַזיע, צו דער אָביעקט, ווייל די פאַנטאַזיע שפּילט צום טייל נאָר אַ איניציאַטיווע ראָל. דאָס זאַך אַליין הויבט נאָכדעם אָן צו ריידן, ווערט אַ לעבעדיק וועזן).

---

*) דער אַרטיקל דינט אַלס איינלייטונג צו אַ גאַנצע סעריע אַרטיקלען איבערן אַלטן און נייעם טעאַטער, וואָס וועלן זיך דרוק אין די ווייטערדיקע נומערן „וויספּע“. רעדאַקציע.

דאָס שפּיל בײַ קינדער און בײַ װילדע איז די ערשטע אַנטפּלעקונג
פון טעאַטראַלישקײַט.

דער דערװאַקסענער, אָדער דער קולטורעלער מענש, װאָס האָט שױן אַ
מאַסע אײַנדרוקן און שטימונגען אױף זײַן זכרון, קלײַבט אױס די שאַרפערע,
מער בולט'ערע און װאָס װיכטיקער פאַר אַלץ די כאַראַקטעריסטישע, סײַ פאַר
זײַן גאַנצן כאַראַקטער־מהות און סײַ פאַר דעם שפּיל אינ'ם געגעבענעם מאָמענט,
ער סיסטעמאַטיזירט זײ, אָרגאַניזירט זײ און פאַרבינדט זײ אײנס מיט דאָס אַנ־
דערע. אַלס רעזולטאַט פון דעם קומט ארױס דאָס פאַרבּיקע באַװעגונגען, אָדער
װערטער־קאָמפּלעקס — דאָס שפּיל.

מיר זעען, אַז דאָס שפּיל (טעאַטער) איז אַ מיטגעבאָרענע באַדערפניש
בײַם מענשן. יעדער מענש, מער אָדער װײניקער, שפּילט טעאַטער, אַלײן אָדער
מיט נאָך מענשן. ניט יעדער מענש אָבער האָט די פעיִקײַט אַרױסצורופן אין
זיך צו יעדער צײַט געװיסע געפילן, ער מוז, כדי צו שפּילן, מושפּע װערן פון
עפּעס. דער מענש איז אױך פערזענליך עגאָאיסטיש אין זײַן שפּיל. עס פאָדערט
זיך אַ גאַנצער אַנסאַמבל צום טעאַטער־שפּיל, ער פאַרמאָגט װידער ניט די נױ־
טיקע טעאַטראַלע איבערצײַגונגס־מיטלען פאַר אַנדערע און האָט ניט אַלע מאָל
דאָס פּובליקום אַרום זיך — דאָס װיכטיסטע קריטעריום פאַרן טעאַטער־שפּיל.

זײַנען צוליב דעם דאָ אַקטיאָרן — מענשן, װאָס האָבן זיך אױסגעלערנט
צו רעפּראָדוצירן זײערע אָדער אײַנגעלערנטע געפילן.

אַ בינע, װאו זײ שפּילן און אַ פּובליקום, װאָס קוקט צו און נעמט אױף
דאָס פּובליקום, פרישט דאָס אָפּ אין איר זכרון, װײַל די אַקטיאָרן, װאָס שטאַמען
פונ'ם זעלביגן פּובליקום זײַנען קרוב'השׁ גײַסטיג און קערפּערליך פאַרבונדן
מיטן פּובליקום, פאַר אים שפּילן זײ, זײַנע געפילן, אידייען אָדער אײַנדרוקן, (אין
זין פון צײַט) נאָר מיט זײערע אינדיװידועלע זשעסטן, באַװעגונגען און װערטער.
בײַם פּובליקום איז דאָס פריער געװען אין אַ כאַאָטיש אַבסטראַקטן צו־
שטאַנד, ס'איז געװען צופעליג, אײן ערשײנונג, אידייע, שטימונג אָפּגעריסן פון
די אַנדערע דער אַקטיאָר שטעלט זײ װידער אױף, באַשאַפט זײ אַף דאָס נײַ, און
מאַכט פון זײ צוזאַמען עפּעס אַ גאַנצע.
דאָס פּובליקום קריגט אַ קלאָרן בילד פון אירע אײגענע איבערלעבונגען
דאָס הינטער באַװאוסטזיניגע קומט צו באַװאוסטזײַן.
ולכן: אַקטיאָר, בינע *) און פּובליקום זײַנען אײנג פאַרבונדן אײנער
מיטן אַנדערן, אײנס אָן דאָס אַנדערע קען ניט פאָרקומען.
דאָס, װאָס בינדט זײ צונױף, איז די צײַט.
דאָס, װאָס איך האָב ביז איצט געזאָגט איז אָבער נאָר דער אינהאַלט
(באַגריפליך) די אידייע פונ'ם טעאַטער, די פאָרם די אױסדרוקסמיטלען פון טע־
אַטער זײַנען אָבער פאַרשידן, פאַרשידן אין יעדער עפּאָכע.
מיר װײסן, עס איז געװען אין דער לעצטער צײַט אַ רעאַליסטישע תקופה
אין טעאַטער ד. ה. מען האָט זיך באַמיט נאָכצומאַכן אױף דער בינע דעם לעבן

*) אַ גענױע אָפּהאַנדלונג איבער די געשיכטליכע עטאַפּן פון דער טעאַטער קונסט װעט געגעבן
װערן אין די קומענדיקע אַרטיקלען. — רעדאַקציע

פּונקט אַזוי ווי ער איז אין דער ווירקליכקייט, רעאַליסטיש; אַ סימבאָלישע תקופה: דורך סימבאָל׳ן, משלים אַרייסצובאַקומען געוויסע אָדער צוקונפטסאידייען. **) א. אי. ווי. אי. אי. ווי.

איצטער, אין דער לעצטער צייט זעהן מיר אַ שטאַרקע באַוועגונג פאַר נייע אויסדרוקספאָרמען אין טעאַטער.

איך וועל זיך איצט ניט אַריינלאָזן אין אַנאַליזירן די פאַרשידנאַרטיקע שטרעמונגען אין דער טעאַטער־קונסט.

דאָס וואָלט אונז צו ווייט פאַרפירט.

איך וויל נאָר באַמערקן, אַז דאָס איצטיגע שטרעבן זיך אומצוקערן צום פאָלקס פרימיטיוו, צו דער איטאַליענישער קאָמעדיע „דעל אַרטע" (אימפּראָוויזירטע קאָמעדיע) אין אונזער יידישער טעאַטער וועל־טל. צום פּורים־שפּיל און צו דער האַלב קופּלעטיסטישער נאַאיווער און „ניט ליטעראַרישע" אָפּערעטע פון גאָלדפאַדן (יידישער קאַמער־טעאַטער אין מאַסקווע).

איז דער בולט׳סטער אויסדרוק פון דער איצטיגער רעוואָלוציאָנערער צייט, אַ צייט, ווען עס ווערן רעווידירט אַלע פריערדיגע געזעלשאַפטליכע און קינסטלערישע אמת׳ן, דאָס יונגע עופּה׳לע „ניי צייט" דערפילט ערשט זיינע גלידערלעך, דערפרייט זיך מיט זיי און הויבט זיך אָן צו שפּילן מיט זיי. (אין טעאַטער - אַ גלידער־דעמאָנסטראַציע אונטער דער בעגלייטונג פון מוזיק) און צווייטנס אַ באַגערן אָנצוטאַפּן די ריינע טעאַטראַלישקייט אין איר פּרעמיטיווער קינסטלערישער אַנטפּלעקונג.

דאָס טעאַטער, וואָס ביז איצטער האָט פאַרלאָרן זיין פרייע אינטואיטיווע געבונדענע פאָרם, ער איז געוואָרן איבער געוויסע היסטאָרישע סיבות אַ כלי פאַר אַ געוויסן צייט־אינהאַלט. דער „מה שבקנקן" האָט ביסל־עכווייז צעשפּאַרט דעם קנקן. און האָט פאַרשפּרייט זיין העגעמאָניע אינ׳ם טעאַטער.

און דאָס שפּיל־ אינ׳ם טעאַטער האָט דערגרייכט צו אַ מדרגה פון אַ פּראָפעסיאָנעלער נאָכאַמונג פון דער ווירקליכקייט — דער רעאַל־יזם.

טעאַטער דאַרף האָבן אין זינען, אויב ער וויל־ בלייבן זעלבסטשטענדיג און אַ קונסט געביט מיט אייגענע מיטל־ען זיין שפּילאַרטיגן און אינטואיטיוון כאַראַקטער.

דאַרף אוממיטלבאַר ווירקן אויף די עמאָציעס און אויפן געפיל. דאַרף זיין דינאַמיש און פאַרשידפאַרביג, כדי צו שפּאַנען די אויפמערקזאַמקייט פונ׳ם פּובל־יקום.

קורץ דער טעאַטער דאַרף האָבן זיינע אייגענע, מיט קיינעם ניט פאַרבונדענע, סיי טעכנישע און סיי גייסטיגע איבערצייגונגס מיטלען.

**) צו אַ גענויער כאַראַקטעריסטיק פון די נייע פאַרשיידענע איצטיקע שטרעמונגען אין טעאַטער וועל איך אומקערן אין די ווייטערדיקע אַרטיקלען.

בלעטלאַך פון אַ ווייספּעניק

ג. וועגן

כ'האָב מוצין געטראָפן.

— וואו גייסטו שוואַרצפּיערדיקע שוועסטער מיינע האָב איך איר געפרעגט — איך גיי ניט, איך בלאָנדושע — איז איר ענטפער געווען איך האָב ניט ליב צו גיין, ווייל גיין ד־הייסט וויסן דעם ציל, דעם אָרט, וויסן וויפיל טריט איך האָב נאָך צו גיין, וויסן וואוהין איך דאַרף גיין און וועמען איך דאַרף טרעפן. איך האָב ליב צו בלאָנדושען. אין בלאָנדושען ליגט אַ רייץ, עס לויערט דער צופאַל, איך האָב פיינט די אויסגעטראָטענע וועגן, עס ליכט מיר אומעטיק דאָרט.

איך האָב ליב צו בלאָנדזשען אויף וועגן שטעכיקע, אויף וועגן זייטיקע און אויב דאָרט ווילך איך עמיצן טרעפן וועל איך מיין האַנט אַף זיין שולטער אַרויפלייגן און אַזוי זאָגן!

— זיי באַגריסט מיין פריינט, מיר וועלן בלאָנדזשען צוזאַמען. וועל איך זען אַז זיין גומען איז פאַרטריקנט אַז זיינע באַקן זיינען בלאַס און מאַגער, זיין בליק איז דורשטיק. זיין טראָט איז מיד, וועל איך אים פון מיין לאָגל געבן טרינקען, וועל איך מיט מיינעם אַ קוש זיינע מאָגערע בלייכע באַקן באַנעצן, זיי וועלן שוין רויטלאַך ווערן, ווייל שארלאַך האָט זיי באַרירט. כ'וועל זיין בליק זעטיקן מיט מיין פרויענשאַפט וועלכע איז פאַר אים און פאַר יעדן ווי אַ קוואַל צום טרינקען שטענדיק אָפן, שטענדיק גרייט...

אַף וועגן יחידישע, איינזאַמע ווער איך שטענדיק באַנייט — אַף וועגן שלאַנגעשע אָטהעם איך מיט דער לופט פון יונגאייביקייט. און דאַן דערפיל איך מיין גרינע שלאַנגעשקייט וועלכע שלאָפט אין מיר, נאָר וועלכע איז גרייט יעדע מינוט זיך אויפצוּוואַכן. און ווי איז צו די וועלכע איך טרעף אָן אין מיין שלאַנגעשקייט, זיי ווערן ניט ווילנדיק אין מיין נעץ אַריינגעפּלאָכטן זיי פערזוכן דעם זיס־גאַליקן ביס פון מוצי. און ביז דעם לעצטן אָטהעם־צוק זייערן וועלן זיי אַלץ מורמלען.

מוצי... מוצי... מוצי... — און פאַרענדיגט האָט מוצי:

גיי ניט אַף וועגן אויסגעטראָטענע, ס'וועט דיר לאַנגווייליג, און לאַנגווייל דאָס איז דער פאַרביסנסטער שונא מיינער. ער איז אַ פריינט פון אַלטשד. אַ ברודער פון מיטלמאָס, אַ קינד פון גענייץ, ווייס, אַף זיינע וועגן וועסטו קנייטשן טרעפן, וועסט דיין רוקן קיינמאָל אויסגלייכן קענען, דיין בליק וועט קיינמאָל אָדלעריש ווערן, בערג יועלן זיך צו דיר קיינמאָל אַראָפּלאָזן, און דיין אָרעם וועט קיינמאָל ברייטער ווערן אַז וועלטן זאָל ער אַרומנעמען קענען.

און אירע אויגן זיינען גרויס און גרעסער געוואָרן און איר בליק איז ווילד און ווילדער געוואָרן, און זי האָט מיר פאַרן האַנט אָנגענומען און געזאָגט: — זעסט, די זון פאַרגייט, דער גרויער טאָג, דער הויקער גייט אַוועק, עס קומט די ווילדע צופלאָסענע שוואַרצלאָקיגע זינדיק־תאוהדיקע טשערעפּאַכע, מיין שוועסטער

נאַכט, איר ברוסט איז אויך אַזוי פול מיט באַגער ווי מיינס. און זי טוליעט און זי מאַניִעט ווי איך, און אומעטום איז איר שליטה ווי אומעטום איז מיין הער־שאַפט. אין וואַלד און פעלד אין שטאָט, אין דאָרף, אומעטום איז צונויפגעפלאָכטן מוצי און נאַכט, נאַכט און מוצי. — „גײַסט איז גוט, דאַן וועסטו אַ גאַסט זיין אַף אונזער נאַכטישן מאָלצייט, ווען ניט אָט זעסט פון וויטן ווי דער טאָג, אַנ־איינגעבויגענער שטייט צופוסן ביים אָוונט און בעט מען זאָל אים צו דער מלכה נאַכט צולאָזן, נאָר דער אָוונט, די נאַכטס וואַכטערין ער לאָזט אים ניט צו, צו גראָ איז זיין מלבוש, און זי האָט פיינט די נאַכט דעם גרויען פאַרב, זי ליבט בונטקייט, שוואַרץ אָדער רויט, ביים דערשיינען און אָפּשיינען מוז מען זי שטענ־דיק מיט רויטע זון־פאַקעלן באַלייכטן, אַזוי ווֵיל זי, אַזוי וויל נאַכט, און אויך איך מוצי, ווען איך וועל באַ דיר דערזען, דערפילן א וואקלעניש אַ גרויען געדאַנק, אַ קנייטש, דאַן אנטלויף איך פון דיר, און די ערד אַף וועלכע דו שטייסט וועט זיך אַריס טאָן, און דו וועסט אַ שליידער פיל־ן, וועסט זיך א קייקל טאָן אין דער קאַרליקעס מלוכה וועגן וועלכע מען האָט מוצין פיל מעשה׳לעך דערציילט און דאָרט וועסטו פאַר קאַרליקעס דערציילן ווי אַזוי מוצי האָט דיך פון הויכן בארג אַראָפּגעשליידערט, ווען דו האָסט געוואָלט גיין און ניט בלאָנדזשען ... אַזוי האָט געזאָגט מוצי.

די גרויע האָר.

היינט אין דער פרי ווען איך בין צום שפיגל צוגעגאנגען, גענומען קאַמען מיין שוואַרץ געלאָקטע קאָפּ האָב איך דערזען —

אוי ווער — גרויע האָר!

האָב איך מיין צימער אין שוואַרצן דעקאָרירט, אויף מיין שרייבטיש צוויי שוואַרצע ליכט אָנגעצונדן און זיך זעצן שבעה געגרייט, שבעה נאָך מיין יוגנט וואָס איז היינט געשטאָרבן.

מוצי איז אַריין, איך האָב מיך דערשראָקן, כ׳האָב געזוכט אַנ׳אָרט וואו זיך צו באַהאַלטן, אָ, ווי וועל איך מיך ווייזן פאר מוצין, זי האָט ווי תמיד מיר צום דיוואַן צוגעשלעפּט טיף אין מיינע אויגן אַריינגעקוקט און געזאָגט:

פריינט מיינס, וואָס ביזטו אומעטיק, וואָס האָסטו אין טרויער דעם צימער פאַרהילט, ווער איז באַ דיר געשטאָרבן? ווען איך לעב, לעבט אַלץ! פאַר־לעש די ליכט, טראָג אַריין די גרינע גירלאַנדעס, שיט אויס מיט בלומען דעם צימער, היינט איז דאָך יום טוב באַ דיר! און אַנשטאָט דעם קוש, דעם מאָרגן קוש וואָס זי שיינקט מיר טאָג איין טאָג אויס אין שטערן, האָט זי מיר היינט מיט איר מוצישע ליפּן דעם קאָפּ באַנעצט.

און געזאָגט:

עס איז גוט, עס איז שיין, איך האָב ליב ווען עס הויבט זיך אָן זילבערן אַ קאָפּ אַ יונגע, עס זעט אויס ווי שאַמפּאַניער וואָלט זיך צעבראַוזן, דאָס דער־מאָנט מיך אָן רוישיקע וועלן אויפן צושטורמטן ים, דאָס גיט מיר צום וויסן אַז די רייפקייט, די צייטיקייט איז אָנגעקומען און איך האָב ליב דעם מאַן דעם רייפן, דעם שטארקן דעם אייביק יונגן וועלכער קען ביז זיבציק יאָר זיבצען יאָר אַלט זיין, די געזילבערטע האָר אַף א געדיכטן מענשן קאָפּ זעהן מיר אויס ווי פולע צייטיקע זאנגען אַף אַ צייטיקער געראָטענער קאָרן־פעלד, זיי ניט אומע־

טיק מיין יונגפריינט היינט איז דיר צוגעקומען א נייער טאָן, אַ נייער פאַרב, א נייער קלאַנג אין דיין יונגאיך און דו דאַרפסט זיך פרייען, טאנצן, זינגען, שפילן. בונטער איז דיין יוגנט געוואָרן, זי האָט זיך באַרייכט מיט זילבער, מיט זילבער גרויער האָר אַף אַ שוואַרץ - געלאָקטן קאָפּ.

פאַרלעש די ליכט! בלומען און ווייַן! זאָל ברויזן, זאָל שוימען דיין יוגנט, דיין יוגנט וואָס איז אייביק, דיין יוגנט וואָס איז געבענשט מיט מוצעס קושן וועלכע זיינען שטאַרקער און זאַנפטער פון ווייַן.

אַזוי וויל מוצי!...

מאַרט 1923 א ווויספעניק.

פון דער עטאַזשערקע

קריטיש-ביבליאָגראַפישע נאָטיצן

פון ז. פייגין.

א גרוס פון רוסלאַנד.

מאָגערע קליינינקע ביכעלאך, ווי שרעטעלאך, ווי פערעלאך, אזוי זעען אויס די אלע לידער-זאמלונגען (אמערסטן איז אין רוסלאנד לידער ערשינען), וואָס זיינען צו אונז אָנגעקומען פון רוסלאנד. ווי קליינינקע קינדערלאך מיט שוואר-צינקע אויגעלאך קוקן אויף אייך אָט די אלע אויסגאבן פון ליריק-ביבליאָטעק,ווידערוואוקס, קולטור-ליגע א. א.

איר הויבט אָן מיט אַ שטילן הארצ-קלאפ צו לייענען אָט דעם הארציקן גרוס פון אייער ניט לאַנג געוועזענער היים, פון דאָרט, וואו פעדים אומזיכט-בארע ציען אייך נאָך היינט צו יענער לעגאנדארישער לאַנד, וואָס מ'רופט עס: רוסלאנד. איר לייענט און עס טוט אויף אייך אַ וויי מיט —

א. קושניראָוו („וועגנט" ליריק-ביבליאָטעק. קיעוו. 1921).

... ליגט מיין ערד אַ דאָרשטיקע און הייסע
מיט פאַרשמאַכטע, לעכצנדיקע ליפן—
בלויער פרילינג האָט אַף איר ניט אויסגעטרייסלט
די געבענשטע רעגנספּולעזיפן.

ניט געשאַלט אַף איר האָט זומער העלער
מיט צובליצטן דונערדיקן האָרן...
אָך, אומזיסט, אומזיסט איצט גארן פעלדער
נאָך אַ זאַטן ליד פון רייפן קאָרן.

ניט קיין זאַטן, נאָר אַ הונגערדיקן ניגון
צו שפּאַרונעס—אויערן פון פלייטן...
און סע גליווערט באַ ווינטמילן די פליגל—
העגט פאַרבראָכענע אין ווייטאָק...

די יונגע יידישע דיכטונג, וועלכע איז ווי דורך נאכט אַנטפלעקט געוואָרן, ניט קיין פרילינג האָט זי געהאַט, וואו יונגע געבענשטע שפרייַרעגנס זאָלן איר באפרוכפערן קענען, ארום און ביז איר — דער גרויסער אומעט פון רייזין'ען, די בלייכע בלוטלאָזע פאר'חלום'טקייט פון איינהאָרן, דער גרילצנדיקער פא-טאָס פון מאָריס ראָזענפעלד,

ניט געשאַלט אַף איר האָט זומער העלער
מיט צובליצטן דונערדיקן האָרן...

וואו האָט זי עס גענומען די קראַפט, די דרייסטקייט, דעם פאַרנעם?

פון לאַנג צוזייטע שטורם-זוימען
צעברויזן זיך די שטיינערדיקע האַרטן...

יע, די שטיינערדיקע הארטן, די טוי-

טע וועט האָבן בא קושניאַראָוון לשון באַקומען און ווי דער ביבלישער שטעקן, וואָס האָט א קלאפּ געטאָן אין שטיין און וואסער האָט זיך באוויזן, אַזוי איז אויך, ווי דורך אַ כּישוף אלץ ריידעוודיק געוואָרן, אלץ איז באפרייט געוואָרן —

אויס דעכער, אויס דילן
באַפרייט מיר די רוימען
אַהער...

(פון ליד „עקראַן" דאָרט).

... ברייטער די סטויפּעס מיטן פון פּלעצער אין
איבער־שלונגען פון שליינגישע גאַסן שטעלט אויף
מיין בעלעמער...
מיין זוים וועט זיין — הימל
מיין רוים —
דער פּילטויזנטער בּליק פון המון!...

האָט ווער ביז אים געריעדט מיט אַזא רחבות'דיקער שפּראַך?

דער נייער דיכטער, דער בּרויזנדער, דער אויסגעוואַקסענער און צוזאמענגעוואקסענער מיטן קאָלעקטיוו קען ניט, ווי די אַמאָליקע שאַפן פאר יחידים, און ביחידות. ניין, ער מוז האָבן און האָט שטענדיק פאר זיך דעם ברייטן רוים פון הימל, זיין אוידיטאָריע — דער פּילטויזנטקעפּיקער המון.

קושניאַראָוו, דער ליריש־מוזיקאַלישער, צארט־פילנדער, קרעפּטיק־ברויזנדער דיכטער, וועלכער פילט זיך, ווי אַ געניטער מאַטראָס אפן שטורמישן ים גיט זיין דיכטערישן אָנזאָג:

פון מילדע, פון זאָרגנדע מוטערשע בליקן
אַף אייביק, אַף אייביק צו שטורם זיך ווענדן...
פאַראַן ערגיץ ריזיקע, רייצנדע גליקן
נאָר ניט אין די פאָטערשע לענדער.

זיין דיכטערישער איך האָט ליב און זוכט תמיד די שיפן פון אומזין, ער גארט דעם שטורם, דאָרט וויל ער זיין האַפן קענען און ער זאָגט:

וואָס טויג מיר ערפאַרונג און וויסן
פון אַלטע געמאָסטענע וועגן...

ער האָט פיינט בתכלית השנאה דאָס אלטע, דאָס אָפּגעלעבטע, קושניאַראָוו געהערט צו די ערשטע פּיאָנערן פון דער יונגער דיכטונג, וועלכע זיינען געקומען מיט זייער אייגענעם טאָן, וואָרט און קלאַנג. מיטן ברייטן רעוואָלוציאָנערן פארנעם, פון יעדע שורה שפּרודלט ארויס זיין ליבע צו אלעס שטורמישעס, אויפוואַכנדעס, פרייעס, און שטאָלץ איז ער, וואָס ער איז געקומען אין אַ שטורמישער תקופה, וואו ער פילט זיך אלס א קינד פון דער גרויסער מענשהייטס־משפּחה און אויפריכטיק קלינגען בא אים די ווערטער:

ווער בין איך, וואָס בין איך און וועמענס
אויב ניט וועלטס און מענשהייטס אַ קינד...

און ער ענדיקט —

איך וואַרף אייך אין פּנים דעם אמת
אַז איך בין אַ קעסט־קינד פון מאַרק.

און ניט אומזיסט זיינען בא אים ווי סקולפּטוריש אויסגעהאַקט, ווי פון מראמאָר, גראניט, קלאָר און בולט זיינע שטאט־בילדער, וויפיל ווייטאָק און סארקאזם ליגט אין זיין מייסטערהאַפטן ליד „שטאָט", ווען ער זעט מיט זיין דיכטערישן אויג דעם אונטערגאַנג אירן, און אין איר אונטערגאנג, דעם אונטערגאַנג פון אַ גאנצער וועלט — די אלטע וועלט (דאָס ליד איז געשריבן אין יאָר 1920 אין אוקראינע) און ער זאָגט:

שטאָט!
אין בייזן טאָג אין דיינעם
ווער וועט דיר בלייבן טריי
ווער וועט דיין צער באַדויערן?

— — — — — — — — — —

אַלע האָבן אַלטע שטאָט דיר ווידערשפּעניקט —
די פעטע זאַטע ערד
האָט אויך פאַר דיר פאַרמאַכט איר פולן שניס
און האָט אָן דיך פאַרגעסן.

און אין א צווייטן אָרט אין זעלבן ליד:

און אָפּגעטאָן האָט זיך פון דיר דיין שיין
און אויסגעלאָשן זיינען דיינע פייערן...

עס האָט קיינער, ווי ער אַזוי נאָנט צוגעגאַנגען און ניט געזען די טראגישקייט פון דער אַלטער שטאָט, וועלכע שטאַרבט, וועלכע אַ צופוילטע ווערט זי פון אלעמען פאַרלאָזן, דאָס ליד דערהויבט זיך צו אַ סימבאָלישער הויך, עס באַקומט זיך א שטאַרקער, ניט געקינצלטער טרייער דאָקומענט פאַרן קומענדיקן

היסטאָריקער פון דער טראַגיש־גרויסער און גרויזאמער צייַט, באַזונדערס די יאָרן 1919—1920, עס האָבן די שטאָט געשיל־דערט פארשיידענע דיכטער, פון װער־כארן ביז האָפּשטיין, דער האָט געזען איר גלאַנץ, דער — איר טעכניק ער איז דער איינציקער, װעלכער האָט מיט זייַן פּענזל פאַראייביקט דעם אָנהויב פון איר אונטערגאַנג

ס'טריפט ניט מער ווי לויטער בלוט קיין ליכט
דורך קופּער פון דיינע אָדערן...
נעכט
וועלכע פלעגסט באַגעגנען מיט שיין באַוואָפנט
איצט רינגלען אום אַף דיר די שוואַרצע קראָען
און שמידן אַלע דיינע בלינדע גלידער
אַף לאַנגע, לאַנגע שעה'ן...

און ער ענדיקט—

און ווייטן הערן דיינע נכנע'דיקע רופן
און שאָקלען נאַר מיט קאָפּ אַף דיין בייז־וואונדער...

אָט אין די לעצטע שורות איז אויס־געדריקט זיין באַציאונג צו דער אלטער שטאָט, מער ווי מיט א שאָקל מיטן קאָפּ קענען מיר אים ניט באַגלייטן, ווייל —

אין לופטן שניידן דורך שוין־בליצן
פון רופן פלאַמיקע וואָס מונטערן און מאָנען,
און טורמס וואַרטן שיין מיט אָנגעגרייטע שפּיצן
אַף רויטע זיגערישע פאָנען.

און ווי אַ טרייַער קינד פון דער אויפשטאנד־שעה, זאָגט ער:

צעמאָלט מיך, צעמאָלט ווי אַ ערנדל
מילשטיינס פון אַלע צייטן.
אויב דורך דעם וועט ווערן נאָר
דער מאָרגנשטערן ווי אַנ'עפּל צייטיק.

און—

איך פאַרמאָג שוין אפילו אין טרוים ניט
קיין לאַנד פון האָניק און מילך.

אָט דאָ ווייזט זיך אַרויס די פאַר־שידנפארביקייט, די בונטקייט פון זיין שאַפונג, פון לירישן צאפּל צום שטור־מישן „היי, היי, ראָסייַאַ קויטיקע” פון די ניכטערקייַט, וואו אפילו אין טרוים זעט ער שוין ניט קיין לאַנד פון חלב און דבש, פון

וואו אין נשמה אַ מייזעלע שקראַפּעט—

ביז צום זיך זעלבסט־אָפּפערונג, וואו ער בעט זיך „זיין א צומאָלענער פון די וועטישע שטיינער, אבי נאָר דורך דעם וועט דער מאָרגנשטערן ווערן ווי אַן עפּל צייַטיק”.

יע, צייַטיק און רייף, ווי אַן עפּל אין סוף זומער זיינען די לידער פון א. קושניראָוו און לייענענדיק זיי פילט איר אין יעדער שורה די אויפריכטיקייט פון אמת'ן דיכטער, זיין מוזיקאַלישקייט און הארציקייט פאַרכאַפּט אייך און שווער איז אייַך זיך אָפּצורייַסן פון אים, זייַנע שורות ווערן באַ אייך איינגעקריצט און ניט איינמאָל זאָגט איר צוזאמען מיט קושניראָוון:

אין נשמה אַ מייזעלע שקראַפּעט
צו טאַטנס, צו זיידנס אַ ניגון,
נאָר די טיר פון מיין אייגענעם שבת
האָט וואָך מיט אַ שטערן פאַריגלט.

ניין, וואָך האָט ניט פאַרריגלט, זיין אייגענער שבת ווייַט אויף אייַך פון יעדן ליד, און זייַנע ווענט ווערן אייך גרויס גראַנדיעז, זיי ציען אייך צו זיך, ווי אַ מאגניט, ווייַל הינטער זיי שטייט א קראַפט, דאָס איז — א. קושניאַראָוו.

אינטימע האַרציקייט

(ש. ראָסין. שיין. פּאָעמע. ליריק. מאָסקווע 1922).

שטילער, שטילער. ס'האָט אַ הארץ זיך צעעפנט און שעפּטשעט אזוי שטיל און בעט אַזוי שטיל און איז מוחל אַלעמען.

ניט נאָך גליק, ניט נאָך גליק,
האָב איך זיך געיאָגט,
כ'האָב פאַרגעסן געוואָלט
כ'האָב צעווייען געגאַרט.

שטילע, צאפּלענדע שורות, א לירי־שער אומעט ווייט פון דער פּאָעמע, וועלכע איז דורכגעפלאָכטן מיטן שטילן עפּאָס און צאַרטן דורכזיכטיקן ליריזם, מיט וויפיל ליבע און פשטות זייגען באַ־שטראַלט אָט אַזוינע שורות:

ס'האָט מיין פאָטער אַ יונגער
געגרייט זיך אין וועג,
און נאַכט איז געווען
און ווינטער איז דאַן
און דאָרט הינטער פענסטער
אין שנייאיקן הויף

וואַרט שוין אַ שליטן
וואַרט שוין אַ שפּאַן
מיט קריאת־שמע אַף ליפּן
מיט פרומען „אחד"...

דאָ דערגרייכט ער די רוסישע אידילישקייט, ווען ער שילדערט זיין טאַטן, ניטאָ די ברוגז׳קייט, די אויפגערעגטקייט פון א היינטיקן ברויזענדן קינד, און ווייטער, ווען טאַטע איז געשטאָרבן און ער דערציט אַ ברודער:

כ׳האָב אָנגעקוקט זיך
כ׳האָב אָנגעקוקט אים;
מיר זיינען שוין ביידע
איין הויך און איין גרויס
איז דאָס ניט קיין טרייסט?

דאָ זיינען די שורות אינטים, כמעט ריין פאַמיליאַריש און דאָך דער שלוס־אַקאָרד רעדט שוין צו אייער געמיט —

כ׳האָב מיין וועג זיך מיט וועגן פון ברודער צושיידט
ער איז מיט יוגנט מיט גאַנצער
צו מאַמען אַוועק,
צו שוועסטער אַוועק,
און איך—
צו זיך
אין מיין וועג.

דאָ זעט מען שוין די קרייץ־וועגן, וואָס דער דיכטער האָט אַף זיי ארופגעטראָטן, ער האָט פאַרלאָזן די וואַרעמע שוועסטערשע און מאַמעשע שויסן און איז אַוועק צו זיך, ער האָט דערפילט זיין דיכטערישן איך און דאַן זאָגט ער:

היי, ווער יאָגט מיר דאָרט נאָך
מיינע טריט ווער באַטרעט?
ווער האָט שטעכיקע ריטער
מיר אין שאַרבן צושטעלט
און מיין קאָפּ מיט אַ דאָרן באַקרוינט?

דאָ איז שוין דער דיכטער אַרויף אַף די דערנער וועגן און עס דאַכט זיך אַז אָט, אָט, און ער וועט אַרויס פון זיינע רויִקע ברעגעס, ער וועט זיך צו שטורמען, וועט זיך איוב׳יש צוברומען; זיך צוקלאָגן אַף זיין גורל, נאָר ניין, אין דער פּאָעמע „שיין" איז ער צו אינטים, צו לירישׂ, און זעט ווי ער רעאַגירט אַפן טויט פון זיינעם אַ אינגסטן ברודער (יונגע־ · דערוועלביגער פּאָעמע ווייטער) עס ווערט ניט דערהויבן בא אים צו אַ לעבנס טראַגעדיע, ער ציט דערפון ניט קיין קאָנסעקווענצן, ער מאַכט דערפון קיין וועזן ניט, ער באַקלאָגט ניט, ער טרויערט ניט, ער דערציילט נאָר, עפּיס דערציילט ער, און אַ אייזיקע קעלט באַהויכט אייך פון זיינע קאַלט־פאַרגליווערטע, ווי מראַמאָר אויסגעהאַקטע שורות:

און מיין ברודער דער אינגסטער
אַ אינגל נאָך גאָר
מיט יידישע אויגן
און רוסישע האָר
איז אין שלאַכטן אַוועק
און פאַרלאָרן זיין קאָפּ
אַף דער רוסישער ערד.

פשוט, געזונט, נאַטירלאַך און אי־בערציייגנד, עס ווייט מיט אַ בלאָקישע מיסטישקייט, עס דערמאָנט אַלעקסאַנדער בלאָק באַרימטע פערזן פון זיין „צוועלף"

И пошли наши ребята
Буйно голову сложить

אין פיל ערטער אין דער פּאָעמע דערנענטערט ער זיך מיט זיין פשטות ביז צום פאָלקלאָר, אָט דהיינו נעמט אַזוינע שורות וועלכע בעטן זיך ממש זינגען —

און מאַמע האָט אונז
און אַליין זיך געבאַרט
חאָט אַ וואָך נאָך אַ וואָך
אַף זיין קומען געהאָפט
אַף זיין קומען געוואַרט.

און נאָך מער וואונדער איז וואָס אַזוינע רויִקע כמעט פאָלקלאָריסטישע שורות ווערן געשאַפן אין רוסלאַנד וואו אַלץ אַרום ברויזט, וואו

אַף קאָפּ פון צעאַקערטע ווינטן
איז אַ פייערדיק וואָלקן אַראָפּ;
און די זאַמדן צעגליט
און די זאַמדן צעברענט
און צעשטויבט און צעטראָגן
אַף מיילן —
זאַמדיקע גאָלדענע זיילן.

אָט דאָ אין די לעצטע שורות ליגט

דער פּתרון, אין בלוטיקן וויכער פון רוסישן אופברויז האט זיך גלייכצייטיק באַוויזן די גאָלדענע זייכן און די וואָס האָבן אויגן — האָבן עס דערזען, און די וואָס האָבן הערצער האָבן עס דערפילט און ראסין אַלעס דער דיכטער פון אינטימע איבערלעבונגען (און ראסין איז שטענדיק אינטים אפילו ווען ער איז בּרויזנד) האָט אַנדערש ניט געקענט צוגיין צו דעם אַף וועלכע אַנדערע וואָלטן טייכן טרערן (וואַסערדיקע) פאַרגאָסן, און אַף יעדער שורה וואָלט 5 מאָל בלוט איבערגעחזרט זיך.

און מיינט ניט אַז זיין גלייכגילטיקייט קומט און רופט ארויס בּאַ אים יאוש, אָפּגעראָזנקייט, ניין, לייענט ווייטער וועט איר זען אַז דער טויט וועלכן ער גייט אַזוי קאַלטבּלוטיק פאַרבּיי רופט אין אים אַרויס ערד־הויבונג, השתפכות הנפש, ער גלויבּט ניט אין טויט, און ער רופט אויס —

וועער זאָגט עס, וועער זאָגט עס
אַז גרויס איז דער ריס?
אַז ער איז שוין מער ניט פאַראַנען?
ער וועט קומען מיין בּרודער,
ער וועט קומען געוויס
צוריק צו זיין מאַמען...

און ווייטער—

און עס ווייס ניט קיין מענש
פון זיין קבר
און עס ווייס נישט, ניט מאַמע
ניט איך...
זיין קבר איז דאָרטן
זיין קבר איז דאָ;
אין יעטווידער שטאָט
אַזאַ קבר פאַראַן.

און ער שליסט די פּאָעמע מיט א גלויבּיקן און מונטערן אַקאָרד:

ס'האָט מיין בּרודער
געשלאָגן דעם שטיין
און מיט קוואַל
מיינע בּלוטן פאַרמישט
און מיט קוואַל
מיינע בּלוטן בּאַפרישט.

אַזוי זעען אויס און דיכטן די דיכטער פון דער רעוואָלוציע. בּאפרישטע און בּאַשטראַלטע מיטן שיין פון מאָרגן רויט געזייט און צעאַקערט מיט יונגן בּרויזנדן בּלוט, און דאָך ניט מער ווי אַ שטילער צאַרטער אומעט רופט עס אַרויס בּאַ זיי, און בּאַזונדערס בּולט איז עס בּאַ דעם דיכטער פון אייגענעם אינטימען איך — בּאַ ראָסינען.

ד ע ר ג ע פּ ע נ ט ע ט ע ר (ע. פינינבּערג — אָטהעם — קליינע בּיבּליאָטעק ליריק, קולטור־ליגע, קיעוו 1922)

דער טאָג איז געבּונדן, די אויגן פאַרריגלט,
כ'פּאַנג ריינסטע פון זאַנגן פון נעפּל געראַנגל,
און קיל איר די שלייפן און ווין איר אַ ניגון.
אַ שנייַ איז געפאַלן, אַ שנייַ איז צוגאַנגען.

— — — — — — — — — —

אפן טויער הייגגט אַ שלאָס
איז דער שלאָס פאַרזשאַווערט.

ע. פינינבּערג בּאַנעמט די וועלט ווי עפּעס געבּונדענעס, געפּענטעטעס, ער פילט אַז עפּעס רייסט זיך צו בּאַפרייאונג, ז'אַכט זיך דער שנייַ איז צוגאַנגען, דער ווינטער — דאָס אַלטקייט וואָס דריקט און פּרעסט אים איז דאַכט שוין לאַנג אַוועק, נאָר ניין' עמיץ פּענטעט נאָך, דער טאָג, דער נייגעבּוירענער איז בּאַ אים נאָך געבּונדן, די אויגן וואָס ווילן זען דעם שיין פון לייכטנדן שטראַלען מאָרגן איז בּאַ אים פאַרריגלט, עפּיס נעפּלדיק זעט ער אַלץ און בּאַ אים מישט זיך אויס כמעט אין אַלע זיינע לידער נעכטן מיט היינט —

האַרציקער היטער!
טאַטניו זיסער!
מיין גילדערנער בּעכער מיט סם נאָך ניט פול איז?
ס'טוט נאָך אַ הויך דאָ מיט טעג פון אַ תפיסה,
ס'טוט נאָך אַ קלאָג דאָ מיט נעכט פון אַ דולהויז,
טאַטניו זיסער!
האַרציקער היטער!
בּאַ ויידענע טרעפּלאַך אין פרילינגשן פּאַליש
כאַפּט מיך נאָך אָן מיין אַמאָליקער ציטער,
פּלאגט מיך נאָך פינסטער פון וויסטע בּהלות.

די שורות כאַראַקטעריזירן אַמבּו־

סטען דעם דיכטעריש איניגסטן צושטאַנד זיין איך גלויבט ניט אַז אַרום איז שוין אינגאַנצן אויסגעלייטערט׳ עס ווייט נאָך מיט תפיסה׳ צו לאַנג איז מען געווען פאַרשפאַרט, צופיל יאָרן איז מען געווען געבונדן און ווי אמתדיק׳ אויפריכטיק קלינגען די שורות:

איך גיי נאָך אַרום אַף פאַר׳חלש׳טע ליקן
די אַקסל געבויגן מיט פלאטער און קניעס
איך בין נאָך געפּענטעט׳

ע. פינינבערג איז פון די איינציקע וועלכע דורך דעם פלאָר פון דיכטער פארהוילן ניט דעם וואָר און זיי שעמען זיך ניט אויסצוזאָגן דעם גאַנצן אמת מעג ער פאַר אנדערע און פאַר אים אַליין אַפילו ווי גרויזאַם זיין, עס מעג פאַר אלעמען דאַכט זיך ווי אומבאַקוועם זיין אויסצוזאָגן דעם סוד, אַז דער עבר האַלט נאָך פעסט אַלעמען אין די קלעמבעס. די באמת באַפרייטע פערזענליכקייט איז נאָך ניטאָ׳

און נעמט ער רעאגירן אַף דעם שטורמישן היינט׳ און נעמט ער זיין פינזל צו מאָלן דעם געלעסטערטן און אין דערזעלביקער צייט באַשטראַלטן היינט דאַן קומט באַ אים אַרויס דער קאלטער אמת פון —

ס׳איז שוין מיין ליכטיקע שוועסטער
מיט סאַמעט פון ווייס
מיט גנעדיקער צניעות
געפאלן אין מדבר׳ געלעסטערט׳
געפאַלן׳ פון מדבר געשענדעט
מיין ליכטיקע שוועסטער…
איך ווייס נאָך ניט וואָס איז און וואו איז׳
איך בין נאָך געפּענטעט…

און ווייטער—

איך גיי נאָך אַרום אַף פאראָסטעטע ציגל
מיך הוידעט נאָך נעפל אין שטיינערנעם וויגל׳
צווישן פאַרקריפּלטע וועגט דאָ;
איך גיי נאָך אַרום צווישן בלינדע און היגע—
איך בין נאָך געפּענטעט.

אַזוי פארשטייט דעם גראַנדיעזן רויונגע… אופּברויז איינער פון די יונגסטע דיכטער אין רוסלאַנד ע׳ פינענבערגזיין — שוועסטער — די רוסישע רעוואָלוציע איז געפאַלן פון מדבר, פון דור המדבר אַ געלעסטערטע׳ און ארום זעט ער נאָר בלינדע׳ און ער אַליין איז זיך מודה דאָס ער איז נאָך געפּענטעט׳ די ציגל פון נייעם בנין זיינען פאַראָסטעט׳ צופיל אַלטן שימל איז נאָך דאָ צווישן די מויערער און דערום קען ער ניט גיין גלייך און שטאָלץ און ער זעט —

אַף יענער זייט פון אויסגעריוועטן ראָג
און הויל
איז פינסטער שטאָק
נאָר אַזוי וואויל
מיר טרעפּט מיין ברודערס־זאָג
אין טאָג
אַנ׳איינגעהויקערטן באַ גרויען פאַרקאַן׳

דער פארקאן אַרום׳ דער צאַם וואָס טיילט אָפּ דאָס אלטע פון נייע איז גרוי׳ און ער דער דיכטער זיצט ביים טויער אַנ׳איינגעהויקערטער און געפּענטעטער…

דער שלוס —

די יידישע דיכטונג אין רוסלאנד איז א קינד פון דער רעוואָלוציע, זי איז אָנגעהויכט מיט שעפּעריש שוואונג פון נייע וועלטישע רוימען, ברייטע האָריזאָנטן, זי האָט באַרייכט אונזער שפּראַך לעקסיקאָן מיט פיל נייע אויסדריקן און וואָרט־בילדונגען׳ זי גייט זיך פעסט אויף איר אַליין אויסגעטראָטענעם וועג׳ און פעסט און מוטיק איז איר טראָט׳ זי האָט זיך ניט געלאָזט אַפּן לייכט־גליטשיקן וועג פון טומלדיקן פלאַקאַט און אַראטאָרישער אויסגעשריי וואָס ס׳האָט פאַרכאַפּט אפילו אַ סך פון די רוסישע פּראָלעטאַרישע דיכטער ביים אָנהויב׳ זי האָט אָפּגעוואָרפן אינגאַנצן דעם גרילצדיקן פאַטעטישן אויסרוף׳ זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין דער טיף פון באפרייטן אל־מענשליכן „איך“ און דאָרטן האָט זי געפונען אַזוי פיל טענער׳ קלאַנגען׳ אָפּ־

קלאַנגען און פון דאָרטן שעפּט זי און וועבט איר קריסטאָלענעם אויסגעקריס־טאַליזירטן טיף ריטמישן פערז און אַלעס אזעלכע באַטראַכטן מיר זי ווי אַ נייע עראַ, אַ נייעם עטאַפּ אין אונזער רייף אויסגעוואַקסענעם פיל צעצווייגטן יידישן דיכטונג־פאַנטעאָן.

וועגן די איבעריקע דיכטער פון דער יונגער רוסישער פלעיאַדע — אַ צווייטן מאָל.

פון יענער זייט „וויספע"

מ. קולבאַק.

פון די „וועלפישע לידער".

העי, העי, שווער צו טראָגן הויך דעם קאָפּ
דעם באַטשופרינעטן,
און דאָס גראָבע האַרץ דאָס שרייאיקע,
איך וועל אַוועק אין דאָרף דעם אויסגעמאַנדאַלינעטן
און אויף די פעלדער, אין די גערטנער די מייאיקע
אַ טאַנץ טאָן הפקר'דיק און טרויעריק און שטומערהייט
אַ שריי טאָן, שרייען מיט אַנ'אָטעם אַ פאַרכליענעטן
פון יעדן קוסט, פון הינטער יעדן בייט:
העי, העי, שווער צו טראָגן הויך דעם קאָפּ
דעם באַטשופרינעטן.

ווייל ס'קלינגן הונגער־טעג, ווי קייטן בלייאיקע
און ס'זינגן פריילך קייטן צו איבעראַיאָריקע...
העי, העי, אָט דאָס גראָבע האַרץ דאָס שרייאַיקע
קערט זיך ווי אַ וועלפיכע אין ברוסט, אַ האָריקע.
איך וועל אין וואַלד אַוועקיאָגן אַף אַלע פיר,
אַ טאַנץ טאָן הפקר'דיק און טרויעריק און שטומערהייט
און פון דעם קרומען מויל דעם אויסגעמינעטן
וועט טויב אַרויסשרייען דער וואַלד פון מיר —
העי, העי, שווער צו טראָגן הויך דעם קאָפּ
דעם באַטשופרינעטן.

נאָטיצן.

(:·:) די רעדאַקציע פון „װיספע“. װענדיק אװעקשטעלן דעם חודש'ניק אַף זײַן געהעריקער הויך, װענדעט זיך צו אַלע יידישע שריפטשטעלער, װאו אין װעלכער לאַנד זיי זאָלן ניט זײַן, אריינגײַן אין אַשריפטלאַכער פאַרבינדונג, אָנגעבן אַף װעלכע תנאים זיי װאָלטן מסכים זײַן מיטצואַרבעטן אין חודש'ניק „װיספע“.

(:·:) פון היינטיקן נומער „װיספע“ איז אַריינגעטראָטן אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער, דער באַקאַנטער יידישער שריפטשטעלער צבי הירשקאַן. אין קומענדיקן מאַי־נומער „װיספע“ װעט אַריין זײַנע אַ אָפּהאַנדלונג „דער מאָדערנער מענש“ איבער שפּענגלערס אַ נײַ־ערשינענעם באַרימט־בוך.

(:·:) די רעדאַקציע פירט אונטערהאַנדלונגען מיט אַ רייע באַקאַנטע שריפטשטעלער װעגן זייער מיטאַרבעטערשאַפט פאַר דער „װיספע“.

(:·:) פון מאַי־נומער אָן, װעט זיך די „װיספע“ אָנהויבן דרוקן אַף בעסערע פּאַפּיר, אַ נײַע הילע־צייכנונג װי אויך מיט פיל באַצירונגען און צייכנונגען פאַר די שטענדיקע אָפּטיילונגען.

(:·:) אין מאַי־נומער װעט זיך אָנהויבן דרוקן אין „װיספע“ דאָס באַרימטע דראַמע פון פראַנצויזישן שריפטשטעלער ראָמען ראָללאַן „דאַנטאָן“. די דראַמע באַהאַנדלט איינע פון די װיכטיקסטע מאָמענטן פון דער פראַנצויזישער רעװאָלוציע, די צייט פון די פירערשאַפט פון ראָבעספּיער, דאַנטאָן א. א. „דאַנטאָן“ געהערט צו די פּאָפּולערסטע פּיעסן פון אײראָפּעאישן רעפּערטואַר, זי איז אויך אינסצענירט פאַרן קינאָ און װערט געװיזן אין דער גאַנצער װעלט מיטן גרעסטן בײַפאַל.

(:·:) אין קומענדיקן נומער װעט געדרוקט װערן אַ פראַגמענט פון יוסף גאָטפאַרשטיינס — דער דראַמאַטישער פּאָעמע „פּאַרזעניש“.

(:·:) אין קומענדיקן נומער װעט צווישן אַנדערע געדרוקט װערן אַ ליטווישע גע־אַלקס־מעשה'לע פון מ. לוריע „גירזשדוטא“, איבערזעצונגען פון אַלעקסאַנדער גע־אַק, יעסענין און װאלט װהיטמען, װײַטערדיקע קאַפּיטלען פון „בלעטלעך פון אַ װיספּעניק“ אָנהויב פון דער סעריע „טעאַטער־שמועסן“; לידער פון יודיקאַבלאָשטיין, גאָטפּאַרשטיין און גליצמאַן; נײַע אינטימע לידלאַך פון ז. קינימוס. ביבליאָגראַפישע נאָטיצן איבער די נײַ־ערשינענע דראַמאַטישע װערק.

(:·:) די רעדאַקציע בעט אַלע חברים און פאַרלעגער זיי זאָלן צושיקן זייערע נײַ־ערשינענע װערק צום רעצענזירן.

(:·:) אין די קרייזן פון די „װיספעניקעס“ פּראָיעקטירט זיך מאַכן אַ טורנע איבער די גרעסערע שטעט פון ליטע פון אַ גרופּע „װיספעניקעס“ מיט פאָרלעזונגען װעגן דער יונגער יידישער ליטעראַטור.

צוליב מאַנגל אין אָרט איז אין דעם נומער ניט־יין די אָפּטיילונג: ביכער אַנגעקומענע אין רעדאַקציע.

צענטראלער ביכער-לאגער
„קולטור"
קאוונע, ניי-ווילנער גאס 15.

*PJ5152.5
K29
Fishstein